STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09325

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ

אינהאַלט פון די 18 בענדער

1) פאָלקסטימלעכע געשיכטן
2) די צייט
3) דראמען
4) אָדם וחוה
5) חסידיש
6) פאר קליין און גרויס
7) בילדער און סקיצן
8) אויפזאצן און פעליעטאָנען
9) אלט און ניי
10) פון שטוב און גאס
11) געדאנקען און אידעען
12) פינף מגילות
13) לידער און באַלאַדן
14) געשיכטן און סצענעס
15) ליטעראטור און לעבן
16) אין מײַין ווינקעלע
17) שטעט און שטעטלעך
18) מיינע זכרונות און בריוו

BRASIL 58, 1o. P...
TEL. 26-02-96
MEXICO, D. F.

פון פארלאג „יידיש"

דער קליינער און יונגער יידישער אַרגענטינער קיבוץ איז אַ דאַנק דער שוידערלעכער יידן־אויסראָטונג זינט אויגוסט 1939 געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע ישובים אין דער וועלט. דער יידישער וועלט־חורבן האָט אונדזער ישוב דערהויבן און אים אָנגעטון אַ טראַגישן און גרויסן זכות.

א זכות גייט ביי אונדז זייט שטענדיק אָן האנט ביי האנט מיט חוב. פאַר דעם גרויסן טראַגישן חוב איז אונדזער ישוב אַ סך, אַ סך שולדיק. און פאַרלאַג „יידיש", וואָס איז אין דער פאָרעם אַ פריוואַטע אונטערנעמונג און אין תוך געהער ער צום גאַנצן ישוב, שטרעבט צו באַצאָלן א קליינעם טייל פון די חובות, וואָס דער ישוב איז שולדיק.

דורך דעם פארלאג „יידיש" וועט דער ארגענטינער יידישער ישוב אָנהויבן העלפן אויפבויען דאָס דאָזיקע, וואָס דער שונא האָט חרוב געמאַכט.

און נישט אומזיסט הייבן מיר אָן מיט אונדזערע קלאסיקער! דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס מענדעלע, פרץ און שלום עליכם האָבן באַשריבן וועט מען שוין מיט קיין טאנקען אויך נישט אויסמעקן.

און ווען דער צאָרן וועט זיך ענדיקן און אייראָפּע וועט זיך נעמען באַנייס אויפבויען און מען וועט דאָרט נעמען אויפבויען אויך דעם יידישן שארית הפליטה, וועט דער אַרגענטינער ישוב דורך דעם פארלאג „יידיש" שיקן די ביכער פון די קלאסיקער פאר די ערשטע פון סניי אויפגעבויטע יידישע ביבליאָטעקן.

פאַרלאַג „יידיש" הייבט אָן מיט אַלע ווערק פון י. ל. פרץ, ווייל בעצם האָט פרץ געראַטעוועט דאָס מאָדערנע יידישע לעבן פון א שריפה וואָס האָט עס גענומען אַרומכאַפּן פון אַלע זייטן. פרץ איז אריין אין פייער אריין פון השכלה און אסימילאציע און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם סאַמע עיקר פון דער באַדראָטער יידישקייט. די ערשטע ווערק וואָס מען וועט אַריינשטעלן אין אַ באַנייטער יידישער ביבליאָטעק פון אייראָפּע, מוזן זיין פון י. ל. פ ר ץ !

י. ל. פרץ

אלע ווערק

מיט בילדער, פאקסימילן, געקליבענע פערזענלעכע בריוו און
ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי

פאַרלאַג „יידיש"
פון וואָלף ברעסלער און אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס 1944

ערשטער באַנד

פאָלקסטימלעכע געשיכטן

PRINTED IN ARGENTINE

I. L. P E R E T Z

Obras Completas

TOMO I

Cuentos Populares

Editorial y Talleres Gráficos "IDISCH"

Bmé. MITRE 2146 **BUENOS AIRES**

1 9 4 4

אינהאַלט:

זייט

ביאָגראַפישע שטריכן פון יעקב באָטאָשאַנסקי — — — — — — —	9
ביים גוסס צוקאָפּנס — — — — — — — — — — — — — — —	25
דריי מתנות — — — — — — — — — — — — — — — —	33
אַן אַפּקומעניש — — — — — — — — — — — — — — —	45
זיבן גוטע יאָר — — — — — — — — — — — — — — —	57
די תאווה צו קליידער — — — — — — — — — — — — —	62
אַראָפּגעלאָזטע אויגן — — — — — — — — — — — — —	70
לא תחמוד — — — — — — — — — — — — — — — —	83
נסים אויפן ים — — — — — — — — — — — — — — —	91
דער קונצן־מאַכער — — — — — — — — — — — — — —	99
ס'אי' גוט — — — — — — — — — — — — — — — —	104
דער הינטישער סדר — — — — — — — — — — — — — —	109
שטומע נשמות (צוויי וועגן; צוויי משלים) — — — — — — —	114
אַ קאַפּיטל תהלים — — — — — — — — — — — — — —	121
שמע ישראל — — — — — — — — — — — — — — — —	135
דער אוצר — — — — — — — — — — — — — — — —	150
נחת פון קינדער — — — — — — — — — — — — — —	154
אַ גאַנץ יאָר שיכור — פורים ניכטער — — — — — — — —	164
מסירת נפש — — — — — — — — — — — — — — — —	169
דריי חופות — — — — — — — — — — — — — — — —	214



י. ל. פּרץ אין יאָר 1914

(פאָטאָגראַפירט פון א. קאַציזנע)

י. ל. פרץ

18 מאי 1852 — 3 אפריל 1915

(ביאָגראפישע שטריכן)

באַלד נאָך פרצס פּטירה האָט יעקב דינעזאָן געזאָגט, אַז פרצס בי־אָגראפיע איז נאָך פריצייטיק צו שרייבן.

קנאַפּע דרייסיק יאָר זענען שוין זייט דעמאָלט אַוועק און פאַר אָט דער צייט זענען אַ סך מאַטעריאַלן געזאַמלט געוואָרן פאַר דער פּרץ־ביאָגראפיע. הונדערטער בריוו פון פּרצן אַליין און פערזענלעכע זכרונות פון נאָענטע פריינט וועגן אים, וואָס זענען ביז איצטער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע אויסגאַבן און אין ביכער זענען שוין ליים און ציגל פאַר אַזאַ ביאָגראפיע. אַ יידישער שרייבער האָט שוין די ציגל צונויפגעלייגט און אויסקאַרטירט און דאָך זענען דינעזאָנס ווערטער נאָך עד־היום גיל־טיק און אין 1944 מוזן נאָך אַלע ווערק פון י. ל. פּרץ דערשיינען אָן אַ פול־שטענדיקער ביאָגראפיע פון מחבר. עס פעלט נאָך דער עיקר, וואָס זאָלן וואַרפן די העלסטע שיין אויף דעם לעבן פון דעם שריפטשטעלער, וואָס איז געוואָרן נישט נאָר די לעגענדע פון אונדזער ליטעראַטור, נאָר אויך פון אונדזער לעבן. פּרץ איז פאַקטיש געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט, אַז די השכלה האָט אויסגעהוילט און פאַרוויסט אונדזער לעבן און ער, זואָס איז אַליין נאָך געווען אַ משכיל און וואָס האָט נאָך געשריבן משכילישע מאמרים און דערציילונגען, האָט פאַרלאָזט דעם ניכטערן ראַציאָנאַליזם און ער האָט געוואָרפן בריקן צוריק צו דער אַלטער יידיש־

קייט און ער האָט זיך אומגעקערט אויף צוריק און געזוכט איר שיין און ער האָט די דאָזיקע שיין פאַרוואַנדלט אין א פאַקל צו באַלייכטן דעם וועג אויף פאָרויס. און צום סאָציאַליזם איז פּרץ געגאַנגען נישט נאָר דורך דער השכלה, נאָר דורך די טיפסטע טיפעניש פון יידישקייט. פּרץ האָט אידעיש פאַרייניקט די השכלה, דעם סאָציאַליזם און די ראָמאַנטיק און ער האָט געוויזן דעם ליכט און שאָטן, די רויזן און די דערנער און די פּאַני־גיריק און סאַטירע פון אַלע דריי. פּרץ האָט פאָרויסגעזען דעם אינער־לעכן חורבן אונדזערן און ער האָט געוואָרנט קעגן אים און געוואָלט פאַר־היטן פון אים. פּרץ האָט אליין געקלאַפּט „טרעוואָגע" און ער איז אליין געוואָרן דער פייערלעשער.

דעם שליסל צו פּרצס גרויסקייט, טיפקייט און שאַרפקייט דאַרף מען זוכן אין זיין אייגענעם לעבן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז די פּער־זענלעכע טראַגעדיע מיט זיין בן־יחיד, האָט פּרצן געעפנט די אויגן אויף דעם תהום, וואָס עפנט זיין מויל אויף דעם יידישן לעבן. פּרץ איז נישט געווען דער איינציקער גרויסער מענטש, וואָס זיין זון האָט אים פאַרליי־קנט. פאַקטיש האָט זעלטן ווען פּאַסירט, אַז א זון זאָל איבערנעמען די פאָן פון זיינעם א גרויסן טאַטן און זי טראָגן ווייטער. זיגמונד פרויד האָט זייער קלאָר דערוויזן, אַז זין ליידן אויף אַן „עדיפּ קאָמפּלעקס" און זיי ווילן אומברענגען די אייגענע טאַטעס.

אויך געטעס זון האָט זיין טאַטן פאַרלייקנט און ער האָט זיך אליין אומגעבראַכט אויס שנאה צו אים. אָבער בעת ביי א נישט יידישן שרייבער איז די פאַרלייקענונג פון א זון א פּערזענלעכע טראַגעדיע, איז דאָס אָבער ביי א יידישן שרייבער — א נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. פיינט האָבנדיק זיין פאָטער, האָט לוציאַן פּרץ אויך שוין פיינט געהאַט דאָס יידישע פאָלק... פּרץ האָט פאַר אונדז אַלע איבערגעלעבט די טראַגעדיע, וואָס דער גאַנצער דור אונדזערער האָט איבערגעלעבט און בלוטיקער פון אַלע האָט ער דאָס איבערגעלעבט און ער האָט דערפאַר גענומען וואָרענען, אַז אויב מיר וועלן זיך נישט אומקערן צו אונדזער שורש און מיר וועלן נישט נעמען געגנוג גייסטיקע צידה לדרך, וועלן מיר אריינפאַלן אין תהום אריין.

אָבער מיר פילן, אַז כאָטש פאַר א פולער ביאָגראַפיע איז נאָך צו פרי, טאָרן מיר אָן א פּאָר דאַטן פון י. ל. פּרצס לעבן נישט אַרויסלאָזן די נייע פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע זאַמלונג פון זיינע ווערק. (אין אונדזער

אויסגאַבע גייט אריין אַ גרויסע צאָל זאַכן, וואָס זענען אין דער אויסגאַבע פון „ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין״ נישט אַריינגעגאַנגען און מיר וועלן אָנווייזן באַזונדער אין די בענדער, ווו די דאָזיקע זאַכן וועלן אַריינגיין). די דאַטן זענען לויט זלמן רייזנס לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און לויט אַנדערע מקורות.

דאָס הויז אין זאַמאָשטש, ווו יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן
(אויפגענומען אין 1927)

י. ל. פּרץ איז געבוירן געוואָרן דעם 18־טן מאַי 1852 אין זאַמאָשטש, לובלינער געגנט. די פאַמיליע פּרץ זאָל שטאַמען פון עולי ספרד. דער נאָמען אַליין זאָגט אויך עדות וועגן דעם. דער נאָמען פּרץ איז פאַרבליבן אין שפּאַניע. אין דער פּרץ־פאַמיליע האָט געהערשט אַ טיילוייז־וועלטלעכע און איבערהויפּט אַנטי־חסידישע טראַדיציע. (דאָך און אפשר ד ע ר פ א ר איז פּרץ געוואָרן דער גרעסטער חסידות־באַזינגער). פּרצס פאָטער איז, ווי זיינע פאַרגייער, געווען אַ סוחר און ער האָט געפירט געהילץ אויפן וואַסער קיין דאַנציק. יצחק־לייבוש איז ביי זיינע עלטערן

געווען דאָס דריטע, אָדער דאָס פערטע קינד, אָבער אַלע פריערדיקע זענען געשטאָרבן קינדווייז און י. ל. איז געבליבן דער בכור. יהודה פרץ האָט זיך ממש מוסר נפש געווען אין זיין זאָרג פאַר אָרעמע און כאָטש ער איז געווען אַ זייער פרומער, איז ער אויך שוין געווען אַ ליבעראַלער ייד. ער האָט זיין גערעטענעם זון געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג, אָבער ער האָט אים אויך געלערנט רוסיש, דייטש און העברעיש און ער האָט אים אַפילו געגרייט צו דער גימנאַזיע, אָבער דערצו האָט שוין נישט דערלאָזט די מוטער, וואָס איז געווען אַ פרוי פון אַלטן שניט. זי איז גע־ווען די אמתע אשת חיל און עקרת הבית, זי האָט אַליין געפירט דאָס גע־וועלב, אָבער זי איז געווען זייער פאַנאַטיש און זי האָט זיך אַפילו נישט געלאָזט פאָטאָגראַפירן. (אין אונדזער אויסגאַבע וועלן די לייענער געפינען בילדער פון פרצס זיידן, באָבען און פאָטער, אָבער נישט פון זיין מוטער.)

י. ל. פ. האָט פון קינדווייז אָן ארויסגעוויזן פעאיקייטן פון אַן עילוי. ער האָט אויך ארויסגעוויזן נייגונגען צו קלעפן, מאָלן און שניצן. ער האָט אויך ארויסגעוויזן אַ סך טעמפּעראַמענט. דאָס חדר האָט אים געשטיקט און ער האָט אָפּגעאַרבעט שפּיצלעך די רביים און נישט געוואָלט לערנען און ער האָט דאָך געקענט בעסער פון אַלע יינגלעך. אַ שטיקל צייט האָט ער געלערנט אין דער פרעמד, אין שעבערשין, און דאָרט האָט ער זיך דערפילט פרייער און ער האָט דאָרט אויך צום ערשטן מאָל זיך דערנענ־טערט צו דער נאַטור און זיך באַקענט מיט איר. ווען ער איז אַלט געוואָרן 12—13 יאָר, האָבן די הלכה־ספרים אים מער נישט באַפרידיקט און ער האָט גענומען אומרואיק בלעטערן אין די מוסר און חקירה ספרים און דעם רמבמס „מורה נבוכים" האָט אים אומגעהייער פאַרכאַפּט. ער איז געוואָרן אַזאַ חסיד פון רמב'ם, אַז ער האָט אַזש אויסגעמעקט אין „תשב"ץ" אַ שטעלע, וואָס רעדט מיט וויניק רעספּעקט וועגן ר' משה מיימון און ער האָט ארויסגערופן אַ סקאַנדאַל. מען האָט אים גערופן „לייבושל משומד". באַלד נאָך דעם האָט ער גענומען לערנען קבלה־ספרים, אָבער זיי האָבן אים נישט פאַרכאַפּט. ער האָט אויך גענומען לער־נען די מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע און די השכלה־ליטעראַטור. די לעצטע האָט אים אויך נישט פאַרכאַפּט, ער האָט אין איר געזען אַ „קונץ און נישט מער". אין יענער צייט האָט ער גענומען לערנען פּויליש און דייטש ווי אַן אויטאָדידאַקט און מאַטעמאַטיק ביי אַ לערער

און דאָס דאָזיקע האָט אים געפירט צו א גרויסער ביבליאָטעק אויף עטלעכע שפּראַכן. ער האָט פון אַלענדאָרפס מעטאָדע אויסגעלערנט פראנצויזיש און ער האָט איבערגעלייענט בערג מיט ליטעראַרישע ביכער אין אָט דער שפּראַך. די אַלע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ביכער האָבן אים צערודערט און אָנגעפילט מיט כלערליי ספיקות. א לערער האָט אים געראָטן אַוועקצופאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער ראבינער שול, אָבער אויס ליבע צו דער מוטער טוט ער דאָס נישט. ער האָט חתונה פאַר דעם שרייבער גבריאל ליכטנפעלדס טאָכטער און דערמיט פאַרענדיקט זיך זיין יוגנט פּעריאָד.

נאָך דער חתונה האָט י. ל. אָנגעהויבן זוכן עפּעס א פרנסה און ער האָט זיך באַזעצט אין צויזמער (סאַנדאָמיר), ווו ער האָט א פּאָר יאָר געפירט א ברויז צוזאמען מיט א שותף. ער האָט זיך דאָרט באַשעפטיקט מיט אויפנעמען געסט און שרייבן העברעישע לידער און ער האָט דאָס געשעפט פאַרנאַכלעסיקט. איין מאָל ערב פּסח האָט ער פאַרגעסן צו פאַרקויפן די ברויז מיט די אַלע מכשירים אין חמץ אריין און ער האָט זיך אָן דעם דערמאָנט צום ערשטן סדר. און כאָטש ער איז שוין דעמאָלט געווען א שטיק אַפּיקורס, האָט ער געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט זיין קיין גונב דעת און ער האָט אויסגעגאָסן דעם גאַנצן רעזערוו ביר און פאַרלוירן זיין ביסל קאַפּיטאל און עוקר געווען פון שטעטל, ווו ער האָט איבערגעלאָזט דעם קבר פון זיין זון יעקב. אין די יאָרן 1876 - 77 האָט י. ל. געלעבט אין וואַרשע פון שטונדן. און אָט צו יענער צייט האָט ער אָנגעהויבן ארויסטרעטן אין דער ליטעראַטור. שרייבן האָט ער אָנגעהויבן נאָך צו פערצן יאָר. דעם אָנהויב האָט ער געמאַכט אין פּויליש. פּרץ אַליין דערציילט וועגן דעם: „אָנגעהויבן האָב איך צו שרייבן פּויליש, (גאָרנישט געדרוקט, פאַרברענט), (שפּעטער האָט מען געפונען זיינע פּוילישע לידער. — י. ב.) אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָמענט געווען. אַוועקגעוואָרפן, פּרעמד געווען. אָנגעהויבן העברעיש, געפילט נישט לעבעדיק, אריבער צו יידיש”. אין די זיבעציקער יאָרן האָט ער געשריבן אין העברעיש געלעגנהייטס־לידער. יידיש האָט ער אָנגעהויבן שרייבן נאָך יינגלווייז און אויפגעהערט. דעבוטירט האָט ער אין „השחר” אין יאָר תרלה (1875) מיט א שיר „השותפות”, וואָס דערציילט א מעשה וועגן דעם ווי א מגפה איז אָנגעפאַלן אויף די שאָף און א פּויער גייט בעטן הילף ביי א הייליקן.

דער הייליקער זאָגט אים צו צו ראַטעווען, אָבער מיטן תנאי ער זאָל זיין א שותף. דער פּויער זאָגט צו און עס העלפט נישט. די שאָף פּגרן אויס אַלע און דערנאָך מאָנט דער הייליקער חלק פון די פּעל... דאָס צווייטע ליד האָט געהייסן „חלוקת החכמות" (די צעטיילונג פון די חכמות) און עס איז א סאַטירע אויף די קריטיקער. עס קומט אויס, אז נאָך דעם, וואָס גאָט האָט איינגעטיילט אַלע חכמות, איז אָנגעקומען א מענטש, וואָס האָט זיך שוין געמוזט נעמען די שוואַכסטע פון די חכמות — די קריטיק. אין זיין דריטן ליד, וואָס הייסט „נגניאל" איז שוין פאַראַן אַן אָנזאָג אויף פּרצס איבערגאַנג צו יידיש. ער האָט אין דעם דערמאָנטן ליד, א שטעל, וואָס איז א דירעקטע אַטאַקע אויף די מליצה־דיכטער פון יענער צייט. ער זאָגט צו זיי: „אייער אַרבעט איז גאָרנישט ווערט. נאָר דאָס לשון האָט איר ליב געהאַט. דערציילט בעסער, וואָס האָט איר געשריבן? וואַרפט אַוועק סתם די גלייכע ווערטער. אויסגעדראָשענע מליצות האָט איר צונויפגעקליבן אין די טויזנטער. איר האָט אַן א שיעור שירים געשריבן, אָבער וואָס האָט איר אויפגעטון?" אין 1877 האָט ער אַרויסגעגעבן מיט זיין געוועזענעם שוואָגער גבריאל ליכטנפעלד (ער האָט זיך מיט זיין טאָכטער געגט און ער איז געבליבן מיט זיין זון לוציאַן פון איר). א בענדל לידער א. נ.: „ספּורים בשיר ושירים שונים". (דערציילונגען אין פערזן און פאַרשידענע לידער). ליכטנפעלד האָט געשריבן אין אַלטן מליצה־טאָן קעגן וועלכן פּרץ איז אַרויסגעטראָטן, אָבער פּרץ האָט געשריבן אַנדערש. דאָס נייע פון פּרצן האָט מען דערפילט און באַקעמפט. אָבער דער דיכטער א. ב. גאָטלאָבער און דער ראָמאַניסט און פּאָלעמיקער פּרץ סמאָלענסקי האָבן דאָס דאָזיקע נייע דערמונטערט.

אין יאָר 1877 האָט פּרץ חתונה געהאַט מיט נחמה־רחל (העלענע) רינגלהיים און זיך ווידער באַזעצט אין זאַמאָשטש. ער האָט דאָרט געוואָלט גרינדן א העברעישע שול, אָבער די אָרטאָדאָקסן האָבן דערצו געשטערט. א שטיק צייט האָט ער געפירט אינאיינעם מיט א שותף א מיל, אָבער נאָך דעם איינפירן דאָס נייע רוסישע געזעץ וועגן געריכטן, האָט ער זיך געווידמעט דער אַדוואָקאַטור. ער האָט אויסגעלערנט דאָס רוסישע געזעץ און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אין קרייז־געריכט און צען יאָר איז ער געווען טעטיק ווי א פּריוואַטער אַדוואָקאַט. ער האָט

באקומען אזא גרויסן נאָמען, אז די אָרדינאַציע פון גראַף זאמאָיסקי האָט אים איבערגעגעבן צו פירן אַלע פּראָצעסן. אין קאַנצעלאַריע האָבן ביי אים געאַרבעט צוועלף יונגעלייט, ער האָט פאַרדינט אַ סך, אָבער ער האָט געלעבט ברייט און ער איז געווען גוטהאַרציק און ער איז שטענדיק געווען אָן אַ גראָשן. פון זיינע שריפטן אין אָט דעם פּעריאָד איז גאָרנישט פאַרבליבן. אַ טייל האָט ער אליין פאַרברענט און דעם טייל כתבים, וואָס זיין פעטער אלטבערג, וואָס איז געווען אַ חסיד פון זיין טאַלאַנט, האָט געפּרווט פאַרהיטן, האָבן דעם דאָזיקן פעטערס זין, וואָס זענען געווען אַסימילאַנטן און משומדים, פאַרברענט. דאָך האָבן די פאָלקס־מענטשן אויפגעהיט אייניקע פון פּרצס לידער און זיי אַפילו געזונגען און אייניקע פון זיי זענען שפּעטער אויפגעשריבן געוואָרן. (זיי וועלן געדרוקט ווערן אין די ווייטערדיקע בענדער). אָט אין יענער עפּאָכע האָט פּרץ באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו יידיש און ווי זיין פריינט אַשכנזי דערציילט, האָט ער געזאָגט: „איך וועל שאַפן א יידישע ליטעראַטור, ריידן און שרייבן צום פאָלק אויף זיין שפּראַך”. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּגעגעבן אויף זיין שטייגער מיט בילדונג פאַר דעם פאָלק און ער האָט געגרינדעט אָוונטקורסן פאַר דערוואַקסענע, ביי וועלכע ער אליין האָט געלערנט יידישע געשיכטע און זיינע קורסן האָבן געהאַט צוהערער אַפילו צווישן די חסידישע קרייזן און די אָרטאָדאָקסן האָבן אויסגעפּועלט אַ פאַרבאָט אויף די דאָזיקע קורסן, ביי וועלכע מען האָט אויך געלערנט „פּרקי אבות” און וועגן די תנאים. אויף פּרצן איז געבליבן פון יענע קורסן שיר־נישט אַ פאַרדאַכט אין סאָציאַליזם און אזוי ווי צוליב זיין גרויסן דערפאָלג ווי אַן אדוואָקאַט האָט ער געהאַט א סך שונאים אין זיין פאַך, האָט מען ביי אים סוף כל־סוף צוגענומען דעם אדוואָקאַטן־פּאַטענט. אין דער צייט פון זיין יורידישער מעטיקייט האָט י. ל. פּרץ עטלעכע מאָל באַזוכט פּעטערבורג און פּלאָצק און ווארשע און ער האָט זיך באַקענט מיט העברעישע שרייבער פון יענער צייט און ער האָט פאַרעפנטלעכט אין נ. סאָקאָלאָווס „האָסיף” א גאַנצע ריי לידער און סקיצן אין העברעיש, אָבער צוליב דעם, וואָס ער האָט צופיל באַזונגען יידיש און צו שטאַרק באַקעמפּט די כלי־קודש און די רעאַקציע בכלל, האָט ער ביי די דעה־זאָגער פון דער העברעישער פּרעסע נישט געהאַט קיין דערפאָלג, כאָטש ער איז דעמאָלט געווען געשטימט נישט נאָר סאָציאַליסטיש, נאָר אויך ציוניסטיש (אזוי דערציילט ש. ל. ציטראָן

אין זיינע זכרונות). פון דער יידישער ליטעראַרישער סביבה איז ער געווען אָפּגעריסן און ער האָט אין יאָר 1888 נאָך נישט געוווסט וועגן שלום עליכמן, כאָטש יענער איז שוין געווען פינף יאָר טעטיק. אפילו מענדעלע מוכר ספרימס ווערק זאָל פּרץ דעמאָלט געווען האָבן געקענט נאָר אין דער פּוילישער איבערזעצונג. אין יאָר 1888 האָט י. ל. זיך גענומען איבער־שרייבן מיט שלום עליכמן און ער האָט אים געשריבן, אַז מען דאַרף אויף יידיש נישט קיין בעלעטריסטיק, נאָר פּאָפּולערע וויסנשאַפט. ער האָט דאָס אָט ווי מאָטיווירט: „איך קוק נישט אויף זשאַרגאָן ווי אויף אַ כלי שני, ווי אויף אַ פאַרמיטלונג וואָס גייט אַריבער. איך וויל עס זאָל ווערן אַ שפּראַך און דעריבער דאַרפן מיר פאַרברייטערן און פאַרמערן די שפּראַך יעדע רגע מיט אַלץ נייע אויסדרוקן, אַז אַ מענטש אַ שרייבער זאָל נישט זאָגן מיר איז ענג...” אָבער אַליין האָט ער צוגעשיקט פאַר שלום עליכמס „פאָלקס־ביבליאָטעק” דווקא זיין פּאָעמע „מאָניש”. אַזוי אַרום האָט י. ל. פּרץ געדרוקט זיין ערשטע פּאָעמע אין יידיש ערשט אין יאָר 1888, ווען ער איז שוין אַלט געווען 34 יאָר. שלום עליכם האָט זיך דערלויבט צו שטאַרק צו רעדאַקטירן די דאָזיקע פּאָעמע און ער האָט אַ סך געלונגענע און עכט־פּרצישע שטעלן אַרויסגוואָרפן. פּרץ האָט זיך געפילט דערפון געקרענקט און ער איז אַ סך יאָרן געווען ברוגז מיטן הומאָריסט. אין 1892 האָט ער אַרויסגעגעבן די דאָזיקע פּאָעמע אין אַן אַנדער וואַריאַנט. ש. דובנאָוו, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט ליבע צו די ערשטע שפּראָצן פון אונדזער ליטעראַטור, האָט „מאָניש” אַראָפּגעריסן. אַנדערע אינטעליגענ־טע יידישע לייענער זענען באַגייסטערט געוואָרן פון דער פּאָעמע און צווישן זיי איז געווען יעקב דינעזאָן, מיט וועלכן פּרץ האָט דעמאָלט פאַר־בונדן אַן אינטימע פריינטשאַפט אויף דעם גאַנצן לעבן. כאָטש פּרץ איז ברוגז געוואָרן אויף שלום עליכמן, האָט ער פונדעסטוועגן ווייטער פאַר־עפנטלעכט אין „פאָלקס־ביבליאָטעק” אַ גאַנצע ריי סקיצן, ווי „דער כעל־מער מלמד”, „יענקל פּעסימיסט”, „וועגנום און שולמית”. פּ. האָט אויך פאַרעפנטלעכט אין י. י. ליניעצקים „דער קליינער וועקער” זיין סקיצע „דער תענית” און ער האָט אָנגעהויבן באַקאַנט ווערן ווי אַן אויפגייענ־דיקער שטערן. אין 1890 איז דערשינען דאָס ערשטע ביכל אין יידיש פון י. ל. פּרץ א. נ. „באַקענטע בילדער”. אַרויסגעגעבן האָט דאָס יעקב דינע־זאָן, וועלכער האָט אָנגעשריבן דערצו אַ הקדמה. אין אָט דעם ביכל זענען

אריין אזעלכע סקיצן ווי „דער משולח", „וואָס איז נשמה?" און „דער משוגענער בטלן", וואָס האָבן פֿ־ן געמאַכט א גרויסן נאָמען.

א נאָמען האָט פּרץ געוואונען און די רעכט צו פּראַקטיצירן האָט ער פֿאַרלוירן. צווישן אַנדערס האָט מען פּרצן געמסרט, ער פּאָלאָניזירט זאַ־מאָשטש, ווייל ער רעדט מיט זיינע קליענטן מער פּויליש ווי רוסיש... אין יאָר 1888 האָט זיך פּרץ באַזעצט אין ווארשע, וו ער האָט א שטיקל צייט געארבעט ביי א קרוב אַן אדוואָקאַט און דערנאָך איז ער איינגעלאַדן גע־וואָרן ווי אַן אנטיילנעמער אין דער סטאַטיסטישער עקספּעדיציע, וואָס דער באַוווּסטער עקאָנאָמיסט און פילאַנטראָפּ, דער משומד יאַן בליאָך האָט אָרגאַניזירט צו אויספאָרשן די יידישע פּרנסות אין פּוילן, מיטן ציל צו דערווייזן, אז יידן זענען א פּראָדוקטיווער עלעמענט. פּרץ האָט ביי דער דאָזיקער ארבעט זיך אָפּגעגעבן א האַלב יאָר צייט און עס האָט אים גע־האָלפן זיין זון לוציאַן, וואָס איז געווען א גלענצנדיקער מאַטעמאַטיקער. פון אָט דער רייזע האָט פּרץ אָפּגעשפּאָרט זיין זוונדערלעכע סעריע „ביל־דער פון א פּראָווינץ־רייזע".

א דאנק דער רעקאָמענדאַציע פון קרובים און באַקאַנטע האָט י. ל. פּרץ באַקומען א שטעלע אין דער קהילה (גמינע) פון ווארשע, אויף וועלכער ער איז שוין פארבליבן א קנאַפּן פערטל יאָרהונדערט ביז אין דער ענדע פון זיינע טעג. ביים אָנהויב איז ער געווען „רעכנמייסטער" און ער האָט געקראָגן פינף הונדערט רובל א יאָר און שפּעטער האָט ער געשטיגן ביז צוויי הונדערט רובל א חודש. די ערשטע צייט פון זיין וווינען אין ווארשע, איז י. ל. געווען נאָענט צו די העברעישע שריפט־שטעלער און ער איז געווען שיר־נישט סעקרעטאַר פון דער חברה „שפה ברורה" און ער האָט דאָרט געהאַלטן רעפעראַטן אין העברעיש, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און ער האָט אויך איינאיינעם מיט דינע־זאָנען געלערנט העברעיש מיט אָרעמע קינדער. אָבער אונטער דער השפעה פון רוסישן „פּאָלקיזם" און סאָציאַליזם האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אי־דעע פון פארשפּרייטן בילדונג צווישן די יידישע מאַסן און דער דאָזיקער ארבעט איז ער שוין געבליבן געטריי זיין גאַנץ לעבן, כאָטש ער האָט דורכגעמאַכט א סך זיגזאַגן און א דאנק זיין אומרואיקן טעמפּעראַמענט און די אומשטענדן האָבן זיך ביי אים די שטימונגען געביטן.

אין יאָר 1891 האָט פּרץ איינאיינעם מיט זיין פריינט י. דינעזאָן גע־

נומען ארויסגעבן די „יידישע ביבליאָטעק", וואָס האָט געזאָלט דערשיינען צוויי מאָל יערלעך. אין דעם ליטעראַטיקל פון ערשטן נומער האָט פּ. גע־רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון רעגולירן די יידישע עמיגראַציע קיין אַרגענטינע, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין צענטער פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פּרץ האָט זיך אַפילו געקליבן צו פאָרן אינאיינעם מיט דינעזאָנען קיין אַרגענטינע און ער האָט זיך בכלל אָפּגעגעבן מיט שטו־דירן דאָס פאָלק און העלפן דעם פאָלק זיך בילדן. ער האָט אונטערן פּסעוודאָנים ד"ר שטיצער געשריבן פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען וועגן סאָציאָלאָגיע, עלעקטריק, מאַגנעטיזם, באַקטעריאָלאָגיע, היגיענע א. אַ. וו. ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן ווי אַ ביילאַגע צו דער יידי־שער ביבליאָטעק קליינע ביכלעך, „צו לערנען אונדזערע לעזער פון דער־ווייטנס און אָן אַ הילף פון אַ לערער פאַרשידענע וויסנשאַפטן" (חכמות) און פּראָפעסיאָנען (מלאָכות), ווי מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, זאָאָלאָגיע, פיזיק, כעמיע, פילאָלאָגיע א. אַ. און פון מלאכות דער עיקר די, וואָס זע־נען סרוב יידישע פּרנסות, ווי שניידעריי, שוסטעריי, טישלעריי, גאָלד־שמידעריי א. ד. ג."

אין יאָר 1894 האָט פּרץ ארויסגעגעבן צום ערשטן מאָל זיינע „יום־טוב בלעטלעך", וואָס זענען געוואָרן באַליבט און באַרימט ביי די יידישע אַרבעטער און ביי דער ראַדיקאַל געשטימטער אינטעליגענץ. דאָס ערשטע „בלעטל" האָט געהייסן „לכבוד פּסח" און מ. ספּעקטאָר האָט זיך אין דעם אויך באַטייליקט, דערנאָך האָט זיך דער מחבר פון „עניים ואביונים" צוריקגעצויגן פון די „בלעטלעך" צוליב זייער צו ראַדיקאַלן טאָן. די סאָציאַליסטישע טענדענץ האָט זיך אין די ווייטערדיקע „בלעטלעך" אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט און זיי זענען געוואָרן אַן אמתער קאַמפס־אָרגאַן, וואָס האָט געמונטערט די יידישע מאַסן. אַזעלכע סקיצן ווי „דאָס שטריימל" און „באָנציע שוויייג" האָבן ממש פאַרכישופט די מאַסן. אין משך פון ערשטן יאָר זענען דערשינען צען נומערן פון די „יום־טוב־בלעטלעך" און זייער צאָל בלעטלעך איז געוואָרן גרעסער און זייער איינפלוס שטאַרקער. אין די „בלעטלעך" האָבן זיך באַטייליקט ד. פּינסקי, מ. ספּעקטאָר, מ. ווינטשעווסקי און נאָך אַנדערע שריפטשטעלער, אָבער דער געלייענטסטער איז געווען פּרץ אַליין, וואָס איז פאַרגעטערט געוואָרן פון די מאַסן. ער איז געוואָרן דער העלד פון יידישן וואָרט. מען האָט

BRASIL 55, 1o. PISO
TEL. 26-02-96
MEXICO, D. F.

אים געדרוקט אין די בונדישע, פּ. פּ.־סישע און ציוניסטישע יידישע צייטונגען. ער איז אויך געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער פון די העברעישע בלעטער. און אין יאָר 1901 האָט מען געפייערט זיין פופציק יעריקן יובילייו (כאָטש דאָס דאָזיקע האָט געדאַרפט געשען ערשט אין יאָר 1902) און מען האָט אַרויסגעגעבן אַלע זיינע שריפטן אין יידיש און געקליבענע שריפטן אין העברעיש. בכדי צו דערמעגלעכן די אויסגאַבע האָט זיך פּ. אָפּגעזאָגט פון האָנאָראַר.

י. ל. פּרץ האָט אויך געפירט אַ קאַמף פאַר בעסערן יידישן טעאַטער און ער האָט זיין קאַמף ספּעציעל באַנייט באַלד נאָך זיין יובילייו, ווען די צאַרישע מאַכט האָט ענדלעך אָראָפּגענומען דעם צוואַנציק יאָריקן פאַרבאָט אויף יידיש טעאַטער. און מ׳קען זאָגן אָן גוזמא, אַז יעדער פּרווו, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף אָט דעם געביט, סיי פון רעזשיסאָר דוד הערמאַן, סיי פון דראַמאַטורג פּרץ הירשביין, האָבן געהאַט אויף זיך די השפּעה און די שיין פון פּרצן. עס קען זיך מאַכן, אַז ווען פּרץ וואָלט געווען אַ שטיקל דיפּלאָמאַט און ער וואָלט נישט געווען אַזוי אויפריכטיק, טעמפּעראַמענטפול, וואָלט ער אויף דעם געביט געווען אויפגעטון אַ סך מער. ער איז געפאָרן מיט אַ שליחות וועגן יידישן טעאַטער צו די יידישע גבירים קיין פּעטערבורג און ווען ער וואָלט זיך געווען באַהערשט און ער וואָלט זיי פאַרשוויגן געוויסע עוולות, וואָלט ער ביי זיי געווען אַ סך מער דערגרייכט מאַטעריעל, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זייער אומבאַציונג צו יידיש און ער האָט זיי אָפּגעזידלט... דערפאַר אָבער האָט ער דערגרייכט מאָראַליש. ער האָט אימפּאָנירט דרך־ארץ צו די אָנהויבן פון דער יידישער קולטור. פּרץ האָט אויסגעקעמפט אַ שטיקל וועג צום בעסערן יידישן טעאַטער, כאָטש זיינע אייגענע דראַמאַטישע ווערק האָבן קיין איבעריקן דערפאָלג נישט געהאַט ביי זיין לעבן, טיילווייז צוליב דעם, וואָס נישט די שוישפּילער און נישט די צושויער זענען געווען דערוואַקסן צו זיי און טיילווייז צוליב דעם, וואָס די ווערק אליין זענען צו סימבאָליש און צו פראַגמענטאַריש־פיבערדיק. ערשט נאָך זיין אָפּלעבן האָבן זיינע דריי גרעסטע דראַמאַטישע ווערק „די גאָלדענע קייט", „אין פּאָליש אויף דער קייט" און איבערהויפּט „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג באַזונדערס אין די יידישע מלוכה־טעאַטערס פון ראַטנפאַרבאַנד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס י. ל. פּ. האָט א גאַנץ לעבן שווער געאַר־בעט אין דער קהילה, האָט ער דאָך כּסדר באַוויזן צו זיין פּראָדוקטיוו סיי ווי א שריפטשטעלער און סיי ווי א קולטור־טוער און ווי א קעמפער פאַר עכטן יידישן לעבן און קעגן אסימילאציע. אין יאָר 1908 האָט פּרץ זיך באַטייליקט אין דער טשערנאָוויצער „שפּראַכן־קאָנפערענץ", וואָס האָט יידיש דערקלערט פאַר א נאַציאָנאַלער יידישער שפּראַך און וואָס האָט געגעבן א נייעם גרויסן שטויס דעם פאָלקסטימלעכן יידישן רענעסאַנס. פּרץ איז אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ אויסגעוויילט געוואָרן אלס וויצע פאָרזיצער און ער האָט דאָרט געהאַלטן איינע פון זיינע אויסערגעוויינ־לעכע רעדעס, אין וועלכער ער האָט פאָרמולירט זיין גאַנצן צוגאַנג צום יידישן לעבן. ער האָט אין דער דאָזיקער רעדע צווישן אַנדערעס געזאָגט:

„דער שטאַט, וועלכן מען פלעג אָפּפערן קליינע און שוואַכע פעלקער, ווי פאַרצייטן קינדער דעם מולך; דער שטאַט, וואָס האָט צוליב די אינטערעסן פון די הערשנדיקע קלאַסן און פעלקער געמוזט אַלץ ניוועלירן, אויסגלייכן: איין אַרמיי, איין שפּראַך, איין שול, איין פּאָ־ליציי און איין פּאָליציילעך רעכט, — דער שטאַט פאַרלירט זיין גלאַנץ.

„דער רויך, וואָס פלעגט זיך אַזוי געדיכט און פעט וויקלען ארום זיין מזבח, ווערט וואָס דינער און צעשטרייטער. דאָס „פאָלק" נישט דער שטאַט, איז דאָס מאָדערנע וואָרט! די נאַציע, נישט דאָס פאָטער־לאַנד! און אייגנאַרטיקע קולטור, נישט גרענעצן מיט יעגער — באַוואַכן דאָס אייגנאַרטיקע פעלקער־לעבן...

„און שוואַכע, אונטערדריקטע פעלקער דערוואַכן און קעמפן פאַר זייער שפּראַך, פאַר זייער אייגנאַרט קעגן דעם שטאַט. און מיר, די שוואַכסטע, האָבן זיך אויך אין די רייען געשטעלט!

„דער שטאַט זאָל מער נישט פעלשן די פעלקער קולטור, נישט מער פאַרניכטן אייגנאַרט און אינדיווידואַליטעט. אָט דאָס ווערט גע־רופן און געבלאָזן אין דער מחנה און מיר שטייען שוין אין אירע רייען אונטער אונדזער אייגענער פאָן, אין נאָמען פון אונדזערע אייגענע קולטור־אינטערעסן.

„מיר ווילן קיינעם נישט דינען, פעלקער־לאַקייען קענען קיין גיי־טער נישט באַשאַפן, מיר טוען עס".

אין יאָר 1911 איז אין פּוילן פאָרגעקומען אן אויסערגעוויינלעכער וואַלקאַמף צו דער צאַרישער דומע. די אסימילירטע יידן זענען געווען פאַר א בירגערלעכן פּאָליאַק און פאַר הכנעהדיקער פּאָליטיק, פּרץ איז געווען פאַר א סאָציאַליסטישן פּוילישן דעלעגאַט און פאַר א נאַציאָנאַלער יידישער פּאָליטיק. פּרץ איז ארויסגעטראָטן מיט א ריי ארטיקלען א. נ.: „פּאָלעמיק מיט דער וואַרשעווער אסימילאַציע", וועלכע ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין דער טעגלעכער צייטונג „דער פריינד" און דערנאָך אין בוכפאָרעם. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן מיט פלאַם-פייערדיקע רעדעס קעגן די אסימילאַטאָרס, וואָס זענען געווען זיינע באַלעבאַטים אין דער קהילה. עס איז געווען א שטימונג צווישן די אסימילירטע „דאָזאָרס" צו שטערן פּרצן אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט, אָבער זיי האָבן עס דאָך נישט געוואַגט. פּרץ האָט אין אַ שטאָלצן בריוו געמאָלדן זיינע באַלעבאַטים, אז ער פאַרקויפט זיי זיין ארבעט, אָבער נישט זיין געוויסן און נישט זיינע איבערצייגונגען. פּרץ האָט נישט איינמאָל געוואָלט פאַרלאָזן זיין פּאָסטן, אָבער די פריינט זיינע האָבן אים אָפּגערעדט דערפון און ער וואָלט טאַקע נישט געהאַט מיט וואָס צו לעבן, ווען נישט אָט דער פּאָסטן. ער איז געוואָרן דער פלאַם-פייערדיקער טריבון און דער נערוו פון מאָדערנעם יידישן לעבן, מען האָט אים איינגעלאַדן סיי אין לאַנד, סיי קיין אויסלאַנד אויף לעקציעס און אומעטום וווהין ער איז געקומען, האָט מען אים געמאַכט מאַסן-מאַניפעסטאַציעס, אָבער נישט שטענדיק האָט ער געקענט פאָרן, צוליב זיין שווערן פּאָסטן, צו וועלכן ער איז געווען צוגעבונדן יעדן טאָג פון 9 ביז 3. פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק איז ער געווען איינער פון די גרעסטע יידן, פאַר די אסימילירטע פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער קהילה, איז ער געווען אַן אַנאָנימער אָנגעשטעלטער... צוליב זיין פּאָסטן האָט ער נישט באַוויזן צו פאָרן קיין ארץ ישראל און קיין נ. אַמעריקע, וווהין מען האָט אים איינגעלאַדן. שפּעטער מיט יאָרן האָבן די דאָזיקע רייזעס געמאַכט אומצייליקע מאָל ווייניק אָנגעזעענע יידישע זשורנאַליסטן און דער אָנגעזעענסטער יידישער שריפטשטעלער האָט קיין איינע פון זיי נישט באַוויזן צו מאַכן... אין די לעצטע צוועלף יאָר פון זיין לעבן האָט פּרץ געקראָגן אורלויב צו פאָרן אין די קורערטער פון דער שווייץ, אָדער אנדערע אייראָפּעישע לענדער זיך אָפּצורוען און צו היילן זיין קראַנק האַרץ (ער איז קראַנק געוואָרן אין יאָר 1902) און אים

פלעג זיך נישט וועלן אומקערן פון אַט די יום־טובדיקע פלעצער. פונקט ווי זיין העלד ר' שלמה, האָט ער אַליין געבענקט נאָך דעם אייביקן שבת־יום־טוב...

און אַט ווי קראַנק ער איז געווען, האָט זיך זיין ענערגיע פון אים נישט אָפּגעטון. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך טעטיק ליטעראַריש און געזעלשאַפטלעך. ער איז פריער געווען פּאַרזיצער פון דער „יידישער ליטעראַרישער געזעלשאַפט" און דערנאָך פון „הזמיר".

דער באָיקאָט אויף יידן אין פּוילן און די גאַנצע רעאַקציע האָט געווירקט אויף דעם קעמפעריש שריפטשטעלערס געמיט און ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן געבראָכן. ער איז שוין דעמאָלט געווען פולשטענדיק אנערקענט אין זיין גרויסקייט. זיין בוך „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און זיין סעריע „חסידיש" האָבן געהאַט א לעגענדאַרישן דערפאָלג. ה. ד. נאָמבערג האָט זיך אויסגעדריקט, אז די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען געוואָרן אזא יידיש היים־בוך ווי די „צאינה וראינה". זיינע לידער „דריי נייטאָרינס", „באַ א פרעמדן חופּה־קלייד" און „מאָניש" און זיינע סקיצן „באָנציע שוויַיג", „שלום בית" און „דאָס שטריימל" האָבן דערגרייכט ממש א נישט־געהערטע פּאָפּולאַריטעט, דאָך איז ער געווען אומרואיק און ער האָט געמאַכט נייע פּרוּוון און ער האָט געזוכט נייע וועגן ווי אַן אָנפאַנגער. פאַרן פאָלק איז ער געווען א פאָלק־טרעגער, מאַסן זענען אים געווען גרייט נאָכצוגיין און ער אַליין האָט געזוכט א וועג און ער האָט געמאַכט זיגזאַגן צווישן השכלה, רעוואָלוציאָנערישקייט און ראָמאַנטיק.

די מלחמה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין יאָר 1914 האָט פּרצן שטאַרק געבראָכן. ער האָט אָפּט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם גלויבן אין א ליכטיקער צוקונפט. ער האָט זיך אריינגעוואָרפן אין דער ארבעט צו הילף די יידישע מלחמה־קרבנות און פּליטים. ער האָט פאַרוואַנדלט דעם „הזמיר" אין א היים פאַר היימלאָזע און ער האָט אוועקגעשענקט אַלע די מתנות, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע פאַרערער לטובת די היימלאָזע. ער האָט געגרינדעט יידישע שולן פאַר די קינדער פון די היימלאָזע און ער האָט געשריבן לידער פאַר די קינדער. ער איז פאַקטיש געווען דער טאַטע פון דער מאָדערנער יידישער שול אין אייראָפּע און פון דער יידישער קינדער־פּאָעזיע. און ער האָט זיך א סך אָפּגעגעבן מיט דער איבערזעצונג פון די פינף מגילות. זייענדיק שוין א מאַן פון אריבער זעכציק יאָר און

דער פּאָפּולערסטער יידישער שריפטשטעלער, האָט ער געאַרבעט און גע־זוכט אַ תיקון נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר זיין לשון.

און שבת דעם 3־טן אַפּריל 1915, וואָס איז אויסגעקומען דעם דריטן טאָג חול־המועד פּסח, איז פּרץ אויסגעגאַנגען פּונקט האַלב ניין אַזייגער אינדערפרי, ווען ער איז געזעסן ביי זיין שרייבטיש מיט דער פּען אין דער האַנט. ער איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע. אויפן טיש זענען גע־בליבן אָנגעשריבן די ווערטער „שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער". מען דענקט, אַז דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ ליד. דער רושם איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער. הונדערט טויזנט יידן פון אַלע שיכטן האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה. די צאַרישע מאַכט האָט נישט דערלויבט דער טרויער־צוג זאָל דורכגיין די אויבערשטע וואַרשעווער גאַסן. פּוילישע גאַסן־יונגען האָבן זיך אַריינגעריסן מיט אויטאָס אין דעם טרויער־צוג און זיי האָבן געלאַכט און געווילדעוועט און חוזק געמאַכט פון נפטר און פון יידן בכלל, אָבער נישט די ערשטע מיט זייער געצווימטן כוליגאַניזם און נישט די צווייטע מיט זייער צעלאָזענעם באַרבאַריזם האָבן געקענט פאַר־שווענקן די גרויסע און גראַנדיעז־טרויעריקע יידישע מאַניפעסטאַציע. די דאָזיקע מאַניפעסטאַציע האָט זיך ווידערהאָלט אין אַריבער צען יאָר אַרום, ווען מען האָט אויפגעשטעלט דעם „אוהל פּרץ", וואָס האָט אַריינ־גענומען די קברים פון יעקב דינעזאָן און ש. אַנ־סקי. צענדליקער טויזנ־טער יידן און הונדערטער דעלעגאַציעס פון גאַנץ פּוילן און אויך פון לעטלאַנד האָבן זיך דעם 20־טן מאַי 1925 געצויגן צום „אוהל", וואָס איז די אַרבעט פון קינסטלער אברהם אָסטשעגאַ. און עס איז איינגעפירט געוואָרן אין דער גאַנצער יידישער וועלט צו פייערן אַלע יאָר פּרצעס יאָר־צייט מיט געדענק־אָוונט אָון מיט אָפּשאַצונגען וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קולטור און פאַר דעם גאַנצן יידישן רענעסאַנס. צענדליקער יידישע ביבליאָטעקן און שולן זענען אין דער גאַנצער וועלט אָנגערופן געוואָרן מיט פּרצעס נאָמען און אויך דער גרויסער יידישער שרייבער פאַריין פון ניו־יאָרק טראָגט זיין נאָמען. עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאַג אָנצורופן די וואַרשעווער צעגליאַנאַ־גאַס, ווו פּרץ האָט געוווינט, מיט דעם שריפטשטעלערס נאָמען, אָבער די רעאַקציאָנערע מערהייט האָט דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. אין סאָוועטיש־יידישע שטעט זענען יאָ איניקע גאַסן אָנגערופן געוואָרן מיט פּרצעס נאָ־

מען און אין וויטעבסק איז אויפגעשטעלט געוואָרן א מאָנומענט פאר דעם מחבר פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידיש". דער מאָנור־מענט איז די אַרבעט פון קינסטלער א. בראזער. פרץ האָט זוכה געווען ביי זיין לעבן צו ווערן דער סימבאָל פון דער קולטור־שאפונג ביי יידן און ער איז דאָס פארבליבן אויך נאָך זיין פטירה. זיין נאָמען איז עד היום א סימבאָל פאר אלע, וואָס זענען פאר א יידיש - שעפעריש נאַציאָנאל לעבן.

צוליב זיין פילזייטיקייט סיי אין קינסטלערישע זשאנרען, סיי אין אידעען האָט פרץ נאָך נישט געפונען זיין קאָנאָניזירטע אָפּשאצונג אין אונדזער ליטעראטור קריטיק. פון די דריי גרויסע קלאסיקער אונדזערע ווייסט מען, אַז מענדעלע מוכר ספרים איז דער סאטיריקער, שלום־עליכם איז דער הומאָריסט און פרץ... ביי פרצן פעלט אוים דאָס וואָרט. ער איז געווען דער קעמפער פאר פרייהייט, דערלייזונג און יום־טוב. ער איז געווען די פאָן פון דער יידישער ליטעראטור און פון דער יידישער קולטור־באוועגונג, ער איז געווען דער ברען־גלאָז, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפיגלט אלע אידעען פון זיין עפּאָכע, ער איז געווען דער דאָזיקער וואָס האָט צעאַקערט דאָס נייע יידישע לעבן און ער האָט אין דעם אריינ־געטאָן די קערנער פון אלטן און אייביקן יידישן אינהאלט און ער איז געווען די זון, וואָס האָט געוואַרעמט דאָס פאַרזייעטע און ער האָט דעם געגעבן לעבן.

יעקב באָטאָשאַנסקי

ביים גוסס צוקאַפּנס

דער שמש פון גן־עדן — אַ ליכטיקער מלאך — אין אָפּגלאַנץ פון זיין ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער גענאָד, קומט איינמאָל פאַר־נאַכט פון גן־עדן אַרויס און עפנט, צערודערט און פאַרזאָרגט, אַ פענצטערל פון הימל, בייגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ און ווענדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטערנדיקער שטימע צו דער אונטערגייענדיקער זון און פרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס בײַ לייבל קאָנסקיוואָלער טוט זיך?

די זון שווייגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אומרואיקער ציט דער מלאך זיין שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרואיק דער מלאך.

שוין מכמה וכמה שנים רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקיוואָלערס „שמע ישראל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זיין „אח— — —ד צופוסנס ביים כסא הכבוד... און עס קאָלערט זיך דער „אחד" און זומט, און ברומט, און זידט, ווי אַ מחנה זומער־פייגעלעך, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צוגעצויגן צו איר און בריט זיך און ברענט אין איר, מיטן גרעסטן תענוג פון „יסורים של אהבה"...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שחרית געהערט.

צו מנחה האָט ער שוין געפעלט.

אין בעט אין לויב־געזאַנג פון אַלע וועלטן איז דעריבער אַ פּגימה געווען...

אין אָרקעסטער איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן אַ כלי; אַ סטרונע ביי אַן ערשטער פידל האָט געפּלאַצט און איז פאַרשטומט געוואָרן.

צי האָט לייבל קאָנסקיוואָלער פאַרגעסן צו דאַווענען מנחה?

וועט ער זאָגן צוויי שמונה־עשרהס ביי מעריב?

נידעריקער לאָזט זיך דערווייל אַראָפּ די זון. די שטיל באַהאַלטענע

שאַטנס קריגן רשות, ארויסצוקומען פון זייערע באהעלטעניש, — און זיי קריכן ארויס פון די שפּאַלטן אין די פעלזן ביי ימים, פון גריבער און היילן אין וויסטע מדבריות, פון אונטער ביימער און צווישן צווייגן און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער . . . און זיי פארשפּרייטן זיך איבערן ישוב און פלעכטן זיך ארום און ארום . . .

און אַט איז אַראָפּ די זון אינגאנצן. לבנה און שטערן בלאַנקען שטיל־שווייגנדיק אויף און געבן איבער די ממשלה איבער דער וועלט אויף איבער נאכט... און זיי שפּינען און וועבן זייער פארכישופט שפּינ־וועבס — א זילבער־דינע נעץ איבער דער פאַרמאַטערטער ערד...

און גלייך מיט דער זון איז איבערן הימל פארזונקען געוואָרן די חיה מיט דער אויפשריפט „אמת” אויפן שטערן, און צוזאמען מיט דער לבנה איז ארויסגעשוווּמען פון דער צווייטער זייט די חיה מיט דער זילבער־נער טרעסט אויפן שטערן און מיט דער אויפשריפט „אמונה” . . .

און באלד עפענען זיך שטילשווייגנדיק די טויערן פון הימל און לאָזן אריין גאנצע מחנות נשמות פון איינגעשלאָפענע מענטשן, וואָס קומען נאכט אויף נאכט ארויף און פארשרייבן אין די הייליקע ביכער, ווי אזוי עס האָט זיך אָפּגעלעבט דער טאָג . . .

און עס סקריפּען די פעדערן, און עס רוישן מיליאָנען — מילאסן פליגל, טייל ווייסע ווי שניי, ס'רוב גראָע, פארפלעקטע, מאנכע אויך רויט־פארבלוטיקטע . . .

און אלע זיבן הימלען ווערן פול מיט א געמישט גערויש פון געבעט, חרטה, בענקעניש, ליבשאפט, האָפענונג און שרעק... און פלוצלינג בלייבט אלץ ווי פארשטאַרט.

אַרום כסא הכבוד וויקלט זיך שטיל א זילבערנער נעפּל, וויקלט זיך און וויקלט און ווערט טונקעלער און טונקעלער...

און פון אונטערן נעפּל הערט זיך א ברומען ווי פון א טויב:
„ווי איז מיר, וואָס איך האָב חרוב געמאכט מיין הויז...
„וואָס איך האָב פארברענט מיין פּאלאץ...
„וואָס איך האָב פארטריבן מיין זון, מיין איינציקן זון”...
און א שוידער פון רחמנות גייט דורך אלע זיבן הימלען...

און עס ווערט ווייטער שטיל, אלץ האָט זיין אָטעם פארהאלטן, וואַרטנדיק ווי אויף א נס, אויף עפּעס א וואונדער, אויף א בשורה א נייע...

עס איז אָבער גאָרנישט געשען...

עס דערהערט זיך פון אונטן א קול: עס קרייט דער האָן.

פון כסא הכבוד גייט אָפּ דער נעפּל, דער פּאַרכישופטער שוידער פּלאַצט און צערינט... עס עפענען זיך ווייטער די פענצטער פון הימל, די נשמות פליען צוריק ארויס... מלאָכים מיט בריליאַנטענע פלעדערווישן יאָגן ארויס די פּאַרשפּעטיקטע, די פּאַרציטערטע, פּאַרוויינטע און טיף דערשראָקענע...

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו חצות...

באַלד הייבט אָן בלאַס און בלאַסער צו ווערן דער צייכן „אמונה" אויף דער זילבערנער טרעסט. א דינער, רויטלעכער שטראַל וועקט זיך פון מזרח־זייט...

דער גן־עדן־שמש וועקט זיך ווי פון א טיפן חלום, גייט־צו און עפנט נאָכאמאָל א פענצטערל אין הימל, בייגט ארויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגנדיק:

— לבנה און שטערן, איידער איר פאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לייבל קאָנסקיוואָלער פּאַסירט?

און דעמאָלט האָט זיך גאָלדן־צעפלאַקערט א קליין שטערנדל פון ווייטן, איז צוגעשוומען צום פענצטערל און האָט געענטפערט:

— איך ווייס, ליבטיקער מלאך!

איך בין דורך קאָנסקיוואָלע געשוומען און האָב אין זיין פענצטערל אריינגעקוקט... ער שטאַרבט, לייבל קאָנסקיוואָלער... אן אַלטער מאַן... זיין ווייסע באָרד איבער דער קאָלדרע בלאַנקט ווי ריין זילבער... נאָר דאָס פנים איז איינגעשרומפּן און געל... איך האָב געזען, ווי מען האָט אים א פעדער אונטער די נאָזלעכער געלייגט; איך האָב אָבער נישט געזען, זי זאָל זיך רירן.

און דער מלאך, דער שמש פון גן־עדן, האָט ביי קיינעם קיין רשות נישט גענומען, על דעת עצמו איז ער אראָפּגעשאָסן אויף דער ערד נאָך לייבל קאָנסקיוואָלערס נשמה. —

עס וועט אן אומגעריכטע פריידן זיין אין גן־עדן.

אזוי האָט ער געטראַכט.

פלינק פליען מלאכים, נאָר — די שווארצע ווי די ווייסע...

און אז דער ליכטיקער מלאך איז אראָפּגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן א פינצטערן מלאך ביים גוסס צוקאָפּנס...

צי איז דער פינצטערער פריער ארויס, צי האָט ער צו אונדז א קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואָס טוסטו דאָ? — וווּנדערט זיך דער ליכטיקער מלאך, דערשראָקן. עס איז דאָך לייבל קאָנסקיוואָלער!

— איז וואָס? — לאכט דער שווארצער. און צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אים ארויס פון אויסגעקרומטן מויל...

— דאָס איז מיין נשמה! איך בין שמש פון גן־עדן.

— זייער אָנגענעם! — מאַכט דער שווארצער א העוויה; איך בין נאָר א לאָפּיטוט פון גיהנום, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט א שאַר מיט א פוס אונטערן קראנקנס בעט, און עס רוקט זיך ארויס א פארבונדענער זאק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאק?

— טלית ותפלין, — וויל דער גוטער מלאך טרעפן.

— אונטערן בעט באהאלטן? עבירות באהאלט מען!

און ער בייגט זיך אראָפּ צום זאק און בינדט אים אויף, און עפנט אים, און דערלאנגט אים א שטויס מיטן פוס — א גאָלדענער גלאנץ ווארפט זיך איבער דער שטוב, א גאָלדענער קלאנג לויפט אים נאָך — גאָלדענע רענדלעך שיטן זיך אויס...

— גנבה־געלט, גזלה־געלט! — רופט אויס דער שווארצער מלאך: אויסגענארט ביי נישט קלוגע, גערויבט ביי אלמנות, געגזלט ביי יתומים, פון צדקה־פושקעס ארויסגענומען... מיט בלוטיקע טרערן זענען זיי געוואשן און הארציקע בלוט־פלעקן קלעפּן אָן זיי... און זע, ווי ער וועקט זיך, אז מען רירט זיין גאָלד!

מיט פארשלאָסענע אויגןווארפט זיך דער גוסס...

פארציטערט בלייבט דער ווייסער מלאך און פארשטעלט זיך דאָס פּנים מיט דער ערשטער פּאָר פליגל... דורך א שפּאַלט פון לאָדן רייסט זיך אריין א שטראַל פון דער מאָרגנדיקער זון, ער פאלט איבערן גוסס׳עס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפנט ער האלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? — פרעגן די פארשטומטע, פארגעלטע ליפּן מיט א שאָרך פון א פארפוילטן בלאט...

— איך! — ענטפערט דער שלעכטער מלאך: איך, וואָס איך בין נאָך דיין נשמה געקומען... קום!

— ווו אהין?

— אין גיהנום אריין!

— פאר שרעק פאלן דעם גוסס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט נאָט! — רופט דער גוטער מלאך: טו תשובה... עס איז נאָך צייט... זיי מפקיר דיין גאָלד...

— שמע... — הייבט דער גוסס אָן.

— ער וועט נישט מפקיר זיין! — זאָגט דער שלעכטער מלאך און ליינט זיין שווערן, שווארצן פליגל איבערן גוסס'עס פנים, און אונטערן פליגל ווערט דאָס קול צוזאמען מיטן גוסס דערשטיקט.

דער ווייסער מלאך רוקט זיך צוריק אָפּ פארשעמט.

— 2 —

אין א פינצטערער, פארגאָסענער האלבער נאכט, צווישן געוויש, געשריי און געפילדער אין גיהנום, שניידט זיך דורך א שארף־שניידנדי־קער באפעל:

— נחמנקע פון זבאראזש גייט אויס... ער פלעגט זיך שניידן די נעגל נישט איבערגעהיפּערט, אוועקווארפן... נישט איינמאָל פארגעסן מנחה צו דאווענען, — ווער גייט נאָך זיין נשמה?

— איך! — רופט זיך אָן א מלאך־חבלה.

— גרייט דערווייל צו א קאָכעדיקן קעסל סמאָלע.

ער שפרינגט אונטער און פליט אַרויס פון גיהנום...

געשווינד פליען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זענען אפשר ווייטער פון אונדז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגן זיי...

און אז דער מלאך־חבלה איז צום קראנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס א ווייסן גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרעמער מענטש, פארן טויט.. עס איז נאָר

א בריק, א קורצע גרענעץ צווישן פינצטערקייט און ליכט... פון זאָרג און אומרו אַן איבערגאַנג צו רו און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פאַרטראַכט, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען ארום אויף די ווענט...

און דער שוואַרצער מלאך בלייבט שטיין ביי דער טיר און קוקט פאַרוווּנדערט...

— האָסט נישט קיין טעות, חבר? — פרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— ניין! — ענטפערט דער גוטער: — איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער בארעמהארציקער נשמה; דו קענסט איבער איר קיין שליטה נישט האָבן!

— ער האָט נישט על־פּי־דין די נעגל געשניטן!...

— איך ווייס, — האקט אים איבער דער גוטער מלאך; — נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע...

— ביי אונז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפל מאָל ער האָט מנחה פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמעצן העלפן. קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו הארציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, ווו די פליגל זענען אראָפּגעפאַלן מיד, ווו די גאַל האָט גע־זאָלט די ריינסטע נשמה פאַרגיסן, ווו די לעצטע האָפענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוווּנדן... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דעם דאַך איבערן קאָפּ נישט פאַריכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליבשאַפט ביי קיין פרוי נישט געזוכט, אויף קיין נחת פון קינדער נישט געהאָפט... נאָר אַלץ פאַר אנדערע... ווייל אַלע אנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקנס ציען זיך אין דרויסן איבערן הימל... אויף א רגע שניידט זיי דורך א בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאָשן און נאָך פעסטער ציען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פינצטערע וואָלקנס.
דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געוועקט.

— ווער איז דאָ ביי מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? — פרעגן די פאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, א ליכטיקער מלאך, פון זיין ליבן נאָמענס ליכטיקער פמליא... און פון זיין ליבן נאָמען נאָך דיין נשמה געשיקט!... קום מיט מיר!

— ווו אהין? — פרעגט דער קראַנקער.

— צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אריין!

— הימל... גן־עדן... — שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ: און ווי אזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון כסא־הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... — שטאַמלט דער גוסס נאָך: וואָס וועל איך דאָרט טון?

— וועסט נישט דאַרפן טון... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכ־טיקער נחת, אַן אויפהער שטראַלנדיק גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טון? — דרייט זיך מיטן לעצטן כוח דער גוסס אוים צום מלאך: איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געוועזן!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט א נישט זיכער קול דער מלאך: דאָס איז דאָרט נישט פאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפן דיין הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טון, מלאך? דאָרט ווו קיינער ברויך מיין נשמה נישט, מיין האַרץ נישט; נישט מיין רחמנותדיקע טרער אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטן פון מויל, און נישט מיין האַנט, אויפ־געהויבן צו ווערן פון גרוב?

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרויס די צונג און באַ־לעקט זיך... א חוזק־שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל פון אויער צו אויער... ער עפנט דאָס מויל און צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אויף אין דער פינצטערער שטוב...

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און ווייס נישט וואָס צו ענטפערן דעם גוסס...

— וואָס פאַרט, מלאך! וואָס פאַרט?

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אויס צום פענצטער און קוקט ארויף צום הימל און וואַרט פון דאָרט אן עצה און א ראָט... נאָר פאַר־שלאָסן איז דער הימל; אָן א וואָרט, אָן א שטראַל, אָן א פונק... און עס יאָגן אָן אַלץ נייע און נייע, אַלץ שווערערע און וואָלקנס — א שאָטן פאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פנים, דער הימל זעט אויס הארט און בייז, אָן רחמנות זעט ער אויס, ער האָט אים נאָך קיינמאָל אזוי נישט געזען... ער בלייבט פאַרציטערט.

מיט דער ווײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גענענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר, — רוימט ער איין דעם גוסס.

— ווו אהין?

— דאָרט ווו דיין הארץ גלוסט... צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, לעכצנדיק־דורשטיקע... צו די פאַרחלשטע און פאַרמאַטערטע, צו די פאַר־לוירענע, פאַרשאָלטענע, צו די פון גאָט פאַרגעסענע... העלפן וועסטו נישט קענען, אָבער צוזאַמען ליידן, מיטפילן...

— איך גיי! איך גיי! — רופט דער קראַנקער אויס מיט קראַפט — — —

און דער ווייסער מלאך איז אוועק מיט ליידיקע הענט.

דריי מתנות

א) אויבן ביי דער וואָג

אַ מאָל, מיט יאָרן און דורות צוריק, איז ערגעץ נפטר געוואָרן אַ ייד.

מילא, אַ ייד איז נפטר געוואָרן — אייביק לעבן קען מען נישט, טוט מען אים זיין רעכט... ברענגט מען אים צו קבר־ישראל...

נאָך סתימת־הגולל, דער יתום זאָגט קדיש — פליט די נשמה ארויף, צום משפט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי ארויף, הענגט שוין דאָרט פאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עבירות און די מצוות...

קומט דעם בר־מינגס סניגור, זיין געוועזענער יצר־טוב — און שטעלט זיך מיט אַ קלאָר ווייס זעקל ווי שניי אין דער האַנט, ביי דער וואָגשאָל פון דער רעכטער זייט...

קומט דעם בר־מינגס קטיגור — זיין געוועזענער יצר־הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח — און שטעלט זיך מיט אַ קויטיק זעקל אין דער האַנט, ביי דער וואָגשאָל אויף דער לינקער זייט...

אין ווייסן קלאָרן זעקל זענען מצוות, אין ברודיק שווארצן זעקל — עבירות. שיט דער סניגור, פון שניי־ווייסן זעקל אויף דער וואָגשאָל פון דער רעכטער זייט, מצוות — שמעקן זיי ווי פּאַרפומעס און לייכטן ווי די שטערנדלעך אין הימל.

שיט דער קטיגור פון ברודיקן זעקל ארויס, אויף דער וואָגשאָל פון דער לינקער האַנט, עבירות — זענען זיי, נישט פאַר אייך געדאַכט, שווארץ ווי קויל און אַ ריח האָבן זיי — סאַמעראָדנע פּעך און סמאָלע.

שטייט אזוי די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפט — זי האָט זיך נאָרנישט געריכט, עס זאָל זיין אזא חילוק צווישן „גוט" און „שלעכט"; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפט ביידע נישט דערקענט, איינע פאַרן אנדערן גענומען.

און די וואָגשאָלן הייבן זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, אַמאָל די, אַמאָל יענע... און דאָס צינגל ביי דער וואָגשאָל אין דער הויך ציטערט, נעמט זיך אויף א האָר לינקס, אויף א האָר רעכטס...

נאָר אויף אַ האָר . . . און נישט מיטאַמאָל! אַ פּראָסטער איד געוועז, אָן גרויסן „להכעיס", ווי אויך אָן „קידוש־השם"... אַזוי — קליינע מצווהלעך, קליינע עבירהלעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך... טיילמאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און פונדעסטוועגן, אז דאָס צינגל רוקט זיך אויף א האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים א קלאַנג פון שמחה, פון נחת; רוקט זיך עס אָבער, חס ושלום, לינקס, שלאָגט זיך ארויס א זיפץ פון עצבות, ביז ער דערגרייכט צום כסא־הכבוד.

און די מלאכים שיטן פּעמעלעך, מיט כוונה. א שרויט נאָך א שרויט, א שטויב נאָך א שטויב, ווי פּשוטע באַלעבאטים ליציטירן „אתה הראית", א פּרוטה און נאָך א פּרוטה...

נאָר א ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקלעך ווערן ליידיק.

— שוין? — פרעגט דער בית־דין־שמש — אויך א מלאך צווישן אלע מלאכים.

דער יצר־טוב, ווי דער יצר־הרע, דרייען אויס די זעקלעך קאַפּויר: נישטאָ מער! און דעמאָלט גייט דער שמש צו צום צינגל זען, ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קוקט ער און קוקט אַזוי, און זעט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשען, זינט הימל און ערד זענען באשאַפן געוואָרן...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג? — פרעגט דער אב בית־דין.

שטאַמלט דער שמש:

— גלייך! דאָס צינגל שטייט אין סאַמעראָדנע מיט!...

די עבירות האָבן גלייך געוווינגן מיט די מצוות.

— אקוראט? — פרעגט מען נאָכאַמאָל פון בית־דין של מעלהס טיש.

קוקט ער נאָכאַמאָל דער שמש און ענטפערט:

— אויף דער האָר!

האָט דאָס בית־דין של מעלה א ישוב און גיט, נאָכן ישוב־הדעת, ארויס א פּסק כהאי לישנא:

„היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשים־טובים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

„און פון צווייטן צד — וועגן די מצוות נישט מער פאר די עבירות — קען מען איר נישט עפענען די טויערן פון גן־עדן.

„על־כן נע־ונד זאָל זי זיין...

„זאָל זי ארומפליען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איר דערמאָנען און דערבארעמען זיך, און צורופן צו זיך מיט זיין גענאָד".

און דער שמש נעמט די נשמה און פירט זי ארויס.

יאָמערט נעבעך די נשמה און קלאָגט אויף איר מזל.

— וואָס וויינסטו אזוי? — פרעגט ער זי: וועסט נישט האָבן קיין נחת און פרייד פון גן־עדן, וועסטו אָבער אויך נישט האָבן קיין צער און יסורים פון גיהנום, — קוויט!

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטן:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָרנישט! גאָר־נישט איז שרעקלעך!

קריגט ער אויף איר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איר אן עצה:

„פלי, זאָגט ער איר, נשמהלע, אראָפ און האלט זיך נידעריק ארום דער לעבעדיקער וועלט...

„אין הימל ארײן, זאָגט ער, קוק נישט... ווארום וואָס וועסטו זען אין יענער זייט הימל? נייערט שטערנדלעך! און דאָס זענען ליכטיקע נאָר קאלטע ברואים, זיי ווייסן פון קיין רחמנות נישט, זיי וועלן זיך נישט מיען פאר דיר, זיי וועלן גאָט אָן דיר נישט דערמאָנען...

„מיען זיך פאר אן אָרעמער פארוואָגלטער נשמה קענען נאָר די צדיקים פון גן־עדן... און זיי, הער, נשמהלע, — זיי האָבן ליב מתנות... שיינע מתנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערלעך — די טבע פון היינטיקע צדיקים!

„פלי־זשע, נשמהלע — זאָגט ער ווייטער — נידעריק ארום דער לעבעדיקער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טוט זיך. און דערזעסטו עפּעס אזוינס, וואָס איז אויסטערליש שיין און גוט, כאַפּ עס און פלי דערמיט ארויף; עס וועט זיין אַ מתנה פאר די צדיקים אין

גן־עדן... און מיט דער מתנה אין דער האנט זאָלסטו אַנקלאַפּן און מעלדן זיך אין מיין נאָמען ביים מלאך פון דער פורטקע. זאָג: איך האָב געהייסן!...

„און אז דו וועסט האָבן געבראַכט דריי מתנות, זיי זיכער — וועלן זיך פאר דיר עפענען די טויערן פון גן־עדן, זיי וועלן פועלן... ביים כסא־הכבוד האָט מען ליב נישט די פיין־געבוירענע, נאָר אויפגעקומענע״...

און אזוי ריידנדיק, שטופּט ער זי מיט רחמנות פון הימל ארויס.

ב) די ערשטע מתנה

פליט עס אזוי דאָס אָרעמע נשמהלע, נידעריק איבער דער לעבעדי־קער וועלט, און זוכט מתנות פאר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פליט ארום און ארום, איבער דערפער און שטעדט, ווו נאָר א שטיקל ישוב, — צווישן ברענענדיקע שטראַלן אין די גרעסטע היצן; אין רעגן־צייט — צווישן טראָפּן און וואסער־נאָדלען; סוף זומער — צווישן זילבערנעם שפינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופט, ווינטער־צייט צווישן די שנייע־לעך, וואָס פאלן פון דער הייך... און קוקט, און קוקט, און קוקט זיך די אויגן אוים...

ווו זי דערזעט א ייד, פליט זי האסטיק צו און קוקט אים אין די אויגן אריין — צי גייט ער נישט מקדש־השם זיין?

ווו עס לייכט זיך בייגאכט דורך א שפּאַלט פון א לאָדן, — זי איז דאָ און קוקט אריין, צי וואקסן נישט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקנדיקע בלימעלעך — באהאלטענע מעשים טובים?

ליידער!... מערסטנטיילס שפּרינגט זי אָפּ פון אויגן און פענצ־טער, דערשראָקן און פארציטערט...

און אז עס גייען ווייטער פארביי זמנים און יאָרן, פאלט זי במעט אין א מרה־שחורה אריין. פון שטעט זענען שוין בית־עלמינס געוואָרן, בית־עלמינס האָט מען שוין אויף פעלדער צעאַקערט; וועלדער האָט מען אויסגעהאקט, פון שטיינער ביי וואסערן איז זאמד געוואָרן, טייכן האָבן דאָס געלעגער געביטן, טויזנטער שטערן זענען אראָפּגעפאלן, מיליאָנען נשמהלעך זענען ארויפגעפלוגן, — און זיין לבער נאָמען האָט זיך אָן

איר נישט דערמאָנט, און קיין אויסטערליש גוטס און שיינס האָט זי נישט געפונען...

טראַכט זי ביי זיך:

„די וועלט איז אזוי אָרעם, די מענטשן — אזוי מיטלמעסיק און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשים זייערע זענען אזוי קליין... ווי קומט צו זיי „אויסטערליש“? אויף אייביק בין איך נע־ונד און פאַר־שטויסן!“...

נאָר ווי זי טראַכט אזוי, שלאָגט איר אַ רויטע פלאַם אין די אויגן אריין, אין מיטן דער פינצטערער, שווערער נאַכט אַ רויטע פלאַם.

זי קוקט זיך אום — פון אַ הויך פענצטער שלאָגט די פלאַם...

גזלנים זענען אַ גביר באַפאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פנימער. איינער האלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האנט און לייכט; אַ צווייטער שטייט ביים גבירם ברוסט מיט אַ בליצנדיק מעסער און חזרט אים אלץ איינאיינעם איבער: „רירסטו דיך, ייד, איז דיין סוף! גייט דיר די שפּיץ פון מעסער פון יענער זייט רוקן ארויס!“... און די רעשט עפנט קאַסטנס און שרענק און רויבט.

און דער ייד שטייט ביים מעסער און קוקט געלאַסן צו... קיין ברעם איבער זיינע קלאָרע אויגן, קיין האָר פון דער ווייסער באָרד ביז צו די לענדן רירט זיך נישט... נישט זיין זאך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער — געלויבט אין זיין הייליקער נאָמען!“ „מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבר אריין“, — שעפּטשען זיינע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רואיק צו, ווי מען עפנט די לעצטע שופלאָד פון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט ארויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טייערע כלים, — און ער שווייגט...

און אפשר איז ער זיי גאָר מפקיר!

נאָר פּלוצלינג, אז די גזלנים טרעפן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציען ארויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע, — פאַר־געסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, וויל אַ געשריי טון:

„רירט נישט!“

נאָר אויפֿן אָרט פֿון א געשריי שפּריצט ארויס א רויטער שטראַל פֿון רויכערדיקן בלוט — דאָס מעסער האָט זיינס געטון... עס איז דאָס בלוט פֿון הארץ און שפּריצט אויפֿן זעקל ארויף!

ער פֿאַלט און געשווינד רייסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זיין דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע!

זיי האָבן אָבער א ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פֿארגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָרנישט פֿון דעם, וואָס איז טייער און האָט א ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אביסל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבר אריין, און דאָס האָט דער גביר געוואָלט ראַטעווען פֿאר פֿרעמדע הענט און אויגן און מיט זיין בלוט באַשפּריצט...

כאַפּט די נשמה א פֿארבלוטיקטן שטויב פֿון ארץ־ישראל־ערד און מעלדעט זיך דערמיט ביי דער פֿורטקע אין הימל...

די ערשטע מתנה איז אָנגענומען געוואָרן.

ג) די צווייטע מתנה

— גערענק, האָט דער מלאך צוגערופֿן, פֿאַרמאַכנדיק הינטער איר די פֿורטקע פֿון הימל: נאָך צוויי מתנות!

— גאָט וועט העלפֿן! — האָפּט די נשמה און פֿליט פֿריילעך צוריק אראָפּ.

די פֿרייד האָט מיט דער צייט אָבער אויפֿגעהערט. עס גייען ווייטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס... און עס באַפֿאַלן זי צוריק די טרויעריקע געדאַנקען:

„ווי א לעבעדיקער קוואַל האָט די וועלט ארויסגעשלאָגן פֿון גאָטס ווילן און רינט און רינט ווייטער אין דער צייט. און וואָס ווייטער זי רינט, מער ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אריין; טריבער, אומריינער ווערט זי; וויניקער מתנות געפֿינט מען אויף איר פֿאַרן הימל... קלענער ווערן די מענטשן, דראָבנער — די מצוות, שטויביקער — די עבירות; מעשים — נישט מיטן אויג צו דערזען!...

„זוען גאָט — טראַכט זי ווייטער — זאָל היימן איבערוועגן מיט

אַמאָל די מצוות מיט די עבֿרות פֿון דער גאַנצער וועלט, זואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים גערירט, קוים־קוים געציטערט...

„די וועלט קען אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף... זי איז אויך גע־ונד צווישן ליכטיקן הימל און פֿינצטערן שאול־תחתיה... און דער קטיגור מיטן סניגור וואָלטן זיך דעריבער אייביק געראַנגלט, ווי עס ראַנגלט זיך דאָ אייביק ליכט מיט פֿינצטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבן מיט טויט...

„זי וויגט זיך די וועלט, און קען נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלן דעריבער אייביק זיין חתונות און גטן, בריתן און לוויות, סעודות־מצווה און סעודות־הבראה... און ליבשאַפֿט און האַס... איי־ביק, אייביק"...

פֿלוצלינג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער...

זי קוקט אַראָפּ — אַ דייטשע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פּאַרציי־טישע), אַלערליי, אויסגעבויגענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשידן־פֿאַרביק־געקליידטע מענטשן איז דער פּלאַץ; פֿול קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רייטנדיק אויף די באַלקן, וואָס שטאַרן אַרויס ביי די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זענען די באַלקאָנען...

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן. ביים טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבלענע היטלען מיט ווייסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן אָן זיצט דער פּרעזי־דענט אַליין. אַ פּרעסיקער אָדלער ווייעט אים איבערן קאָפּ...

אָן אַ זייט שטייט געבונדן אַ יידיש מיידל. נישט ווייט האַלטן צען קנעכט אַ ווילד פֿערד. און דער פּרעזידענט הייבט זיך אויף און לייענט פֿאַרן יידישן מיידל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר. און ער ווענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

„אַט די יידין דאָ, די יידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַגאַנ־גען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זיין באַרמהאַרציקייט זאָל נישט זיין, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל זיין...

„זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הייליקן לעצטן יום טובֿ, אויף אונדזערע ריינע גאַסן...

„און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הייליקע פּראָצעסיע; אונדזערע הייליקע בילדער, וואָס מיר האָבן מיט ליבֿ־געזאַנג און קעסל־פּויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

„מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי איינגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע ווייס־געקליידטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הייליקע פּויקן... און ווער ווייסט, צי האָט דער טייוול, דער אומרייַ־נער טייוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער יידישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזער א ריינקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טייוול אין דער שיינער געשטאַלט? וואָרום לייקענען קען איך נישט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר א טייוול קען זי מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אראָפּגעלאָזטע זיידענע ברעמען... זעט דאָס אַלבאַסטער פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן!... זעט אירע פֿינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער ביי די הענט; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט דער טייוול, אָפּרייסן א נשמה פֿון דבקות אָן דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן:

— זעט דאָס שיינע מיידל! האָט אויסגערופֿן אונדזערער א ריטער, פֿון איינער פֿון אונדזערע שענסטע משפּחות...

און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — די האַלעבאַרדניקעס האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט — ער האָט זיך אַפֿילו נישט געווערט, דער טייוול — וואָרום, ווי אַזוי? ריין זענען זיי דעמאָלט געווען, אָפּגעריי־ניקט פֿון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט...

און דאָס איז דעם טייוולס, אין געשטאַלט פֿון דעם יידיש מיידל, פּסק:

צובינדן זאָל מען זי ביי די האָר, ביי די לאַנגע טייוולאָנישע צעפּ, צום ווילדן פֿון אַט דעם ווילדן פֿערד...

„זאָל עס לויפֿן און שלעפּן זי ווי „א הורג" איבער די גאַסן, וואָס אירע פּיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

„זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס זי האָט פֿאַראומריייניקט מיט אירע פּיס!" —

א ווילד פרייד־געשריי האט זיך אויסגעריסן פון אלע מיילער ארום, און אז די פאליע פון די ווילדע געשרייען איז אריבער, פרעגט מען די פארמשפטע צום טויט, אויב זי האט זיך נישט וואס צום לעצטן מאל צו ווינטשן.

— איך האב, ענטפערט זי געלאסן: עטלעכע שפילקעס בעט איך!

— זי איז דול פאר שרעק! — מיינען די הערן פון מאגיסטראט.

— ניין! ענטפערט זי רואיק און קאלט: דאס איז מיין לעצטער ווי־לן און פארלאנג.

מען האט עס איר צוליב געטון...

— און אצינד, קאמאנדירט דער פרעזידענט, בינדט צו!

עס גייען צו האלעבארדניקעס און בינדן צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבס טאכטערס שווארצע לאנגע צעפ צום ווידל פון ווילדן פערד, וואס מען קען שוין קוים דערהאלטן...

— מאכט א ווארע! — קאמאנדירט וויטער דער פרעזידענט צום עולם אויפן פלאץ, און עס ווערט א גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פון די הייזער, און אלע הייבן אויף די הענט, ווער מיט א בייטש, ווער מיט א שפיץ־רוט, ווער מיט א טוך אין דער האנט, און אלע זענען גרייט צו יאגן דאס ווילדע פערד, יעדערנס אטעם איז געשטיקט, אלע פנימער פלאמען, אלע אויגן בליצן, און אין גערודער באמערקט נישט קיינער, ווי די פארמשפטע בייגט זיך שטיל אראפ און שפילעט זיך צו די זוים פונעם קלייד צו די פיס און שטעקט טיף, טיף אריין די שפילקעס זיך אין לייב — עס זאל איר לייב נישט אנטפלעקט ווערן, ווען דאס פערד וועט זי שלעפן אין די גאסן...

באמערקט האט עס נאר די נע־ונדניצע — די נשמה...

—לאזט דאס פערד! — קאמאנדירט דערוויל וויטער דער פרעזידענט, און די קנעכט זענען דערפון אפגעשפרונגען, און מיטאמאל האט עס זיך אויסגעריסן. און אויסגעריסן האט זיך אויך א געשריי פון אלע מיילער, און עס וויען און פייפן אין דער לופט אלע בייטשן, שפיץ־רוטן און טי־כער. און ווילד דערשראקן יאגט דאס פערד איבערן מארק, איבער גאסן און הינטער־גאסן ארום, ארויס פון שטאט...

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האט שוין ארויסגעצויגן א פארבלו־טיקטע שפילקע פון דער פארמשפטערס פוס און פליט שוין מיט איך

צום הימל ארויף!

— נאָך איין מתנה איננאַנצן! טרייסט זי דער מלאך ביי דער פּורטקע.

ד) די דריטע מתנה

און צוריק פליט אראָפּ די נשמה, איננאַנצן נאָך איין מתנה דאַרף זי.

און עס גייען וויטער אוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפאַלט זי ווייטער א מרה שחורה, די וועלט דאַכט זיך איר, איז נאָך קלענער געוואָרן... נאָך קלענערע מענטשן, נאָך קלענערע מעשים... די גוטע ווי די שלעכטע...

איינמאָל טראַכט זי:

„ווען גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, זאָל ווען אמאָל אָפּשטעלן און סוף כל סוף משפּטן די וועלט, אזוי ווי עס איז, מיט אמאָל... און פון איין זייט זאָל זיך שטעלן א סניגור און שיטן פון ווייסן זאַק ארויס שרעטעלעך און שטויבעלעך; און פון דער צווייטער זייט — דער קטיגור זאָל שיטן זיינע פּיצלעך ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט איידער די זעק וואָלטן ליידיק געוואָרן... אזוי פיל קלייניקייטן, אזוי פיל!

„אָבער אז די זעקלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען?

„דאָס צינגל וואָלט געווים געבליבן שטיין אין דער מיט!

„ביי אזוינע קלייניקייטן, ביי אזוי פיל קלייניקייטן קען גאָרנישט איבערוועגן.. וואָרום וואָס? נאָך א פעדערל, נאָך א שטרויעלע, נאָך א פלעווע, נאָך א שטויב!...

„און וואָס וואָלט גאָט געטון? וואָס וואָלט ער געפּסקנט?

„צוריק צו תהו ובוהו? נישט: די עבירות וועגן נישט איבער די מצוות...

„אויסלייזן? אויך נישט: די מצוות וועגן נישט איבער די עבירות...

„וואָס דען?

— גיי ווייטער! וואָלט ער געזאָגט... פלי ווייטער צווישן גיהנום און

גן־עדן, ליבשאַפט און האַס, רחמנותדיקע טרערן און רויכערדיק בלוט...
צווישן וויגן און קברים... ווייטער, ווייטער!"

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן. פון די שווערע מחשבות — וועקט זי א קול פון פויקן...

ווו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דעם אָרט, נישט די צייט...

נאָר א פלאַץ פאַר א תפיסה זעט זי.... אָן די אייזערנע גראַטן אין די קליינע פענצטערלעך ציען זיך שפּילנדיק די שטראַלן פון דער זון... זיי גליטשען זיך אויך אָן די שטיקן פון צוזאַמענגעשטעלטן געווער ביי דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַריין — ריטער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט א שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך א סטרוי" וועט מען טרייבן... וועמען?

עפּעס א יידל מיט א צעריסן העמד אויפן מאָגערן לייב. מיט א יאַר־מולקע אויפן האַלב געגאָלטן קאָפּ, אָט, פירט מען אים צו.

פאַרוואָס קומט עס אים? ווער ווייסט, א פאַרצייטישע זאַך! אפשר פאַר א גנבה, אפשר פאַר א גזלה צי א רציחה, און אפשר א בלבול... עס איז דאָך געווען פאַרצייטן...

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטן; נאָכוואָס האָט מען אונדז אַזויפיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטן די העלפט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַריין, אָט גייט ער, און ער גייט גלייך און שטרויכלט נישט און פאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

א גרימצאָרן כאַפּט אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן! ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פייפן אין דער לופט ווי די רוחות און כאַפּן אַרום דאָס לייב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

הו—האַ! הו—האַ!

אינמיטן טרעפט א סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פאַרמשפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס, דער

פארמשפּטער... ער גיט זיך א ריר, גלייך ער האָט א ישוב, און איז זיך מישב, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגלוי הראש, און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, וו די יארמולקע ליגט, ער בייגט זיך איין און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אוים און גייט ווייטער, רואיק, רויט פאר־בלוטיקט, נאָר מיט דער יאמולקע אויפן קאָפּ. אזוי גייט ער, ביז ער פאַלט...

און אז ער איז געפאלן, איז צוגעפלויגן די נשמה און געכאפּט די יארמולקע, וואָס האָט אזויפיל אומזיסטיקע שמיץ געקאָסט, און איז ארויף מיט איר צו דער פורטקע פון הימל.

און די דריטע מתנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פאר איר געמיט: די טויערן פון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דריי מתנות געעפנט!

און דער „אורים ותומים” האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתנות, אויסטערליש שיינע... צו־נוץ קומען זיי נישט, גאָרנישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש.

אַן אַפּקומעניש

פאַרצייטיקע חסידים האָבן געוווסט, ווער חיים־יונה־וויטעלס איז געווען. עס איז געגוג צו זאָגן: דעם אַ ל ט נ ס בעל־תּפלה. כּידוע, האָט מען נישט אַזוי לייכט צוגעלאָזט ביים אלטן צום עמוד. בפּרט ראש־השנה ויום כּפּור, און חיים־יונה וויטעלס האָט טאַקע געדאַוונט ימים נוראים און ער איז עס ווערט געווען: אַ ייד אַ למדן, בנגלה און בנסתּר, אָבער גאָר אַ שאַרפער למדן, און אַ ירא שמים — אַן אמת אָפּ־געהיטענער ייד, אַפילו נאָך אַ יונגערמאַן, נאָר די תּעניתים מיט די סגופים, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, וואָלטן געגוג געווען פאַר צען מניגים... און עברי האָט ער געזאָגט! פאַרשטייט זיך, נישט אויפן חסידישן אופן, נאָר אַזוי עברי, אַ חתוך הדבור! אַ וואָרט פאַלט ווי אַ פּערל פון מויל, און אַ קול האָט ער געהאַט — רבונו של עולם, מען זעט גאָר היינט אַזוינע בעלי־תּפלות נישט!

אַ קיימאַ לן האָבן מיר, אַז ביים „אלטן" אין בית המדרש האָבן גע־דאַוונט אַ ד׳ מאות... קיין בענק זענען נישט געשטאַנען, און דער גאַנצער חלל פון בית המדרש איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. אַז עמעצן איז אינמיטן דרינען, ביי שמונה עשרה צי ביי תּקיעות, צי ביי כּהנים דוכנען, אַראָפּגעפאַלן דער טלית פון קאָפּ, האָט ער אים שוין נישט אַרויפגעצויגן, אַרויסציען אַ האַנט — מאַן דכר שמיה! און כּפּלים אויפן הויף. און אַ הויף איז געווען ביים אַלטן, — מען זעט גאַרנישט היינט אַזוינע הייף. און פונדעסטוועגן, אַז חיים־יונה־וויטעלס האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול, האָט געקלונגען ווי אַ גלאָק אין די אויערן! האָסטו געמעגט שטיין אין ווייט־סטן ווינקעלע פון הויף, האָט עס דיר געקלונגען... חיים־יונה־וויטעלס זאָגט שוין בלחש, און ביי דיר אין אויער קלינגט נאָך — אַ מעשענע קויל קאָ־לערט זיך אין אויער! און היינט זיין „בלחש", דאָס איז גאָר געווען פּלאי פּלאים. דאַכט זיך, דאָס קול האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער נידעריק־סטער מדרגה, עס איז אַזוי שטיל־זים־וויינענדיק... טיילמאָל דאַכט זיך דיר,

אז עפעס א קליין קראנק קינד אין וויג, וואָס פאַכט שוין מיטן לעבן, רופט אזוי שטיל צו דער רחמנותדיקער מוטער: קום, קום, מאמע, העלף, און דעם שטילן, זיסן „בלחש" האָבן אויך געהערט אלע, אלע — דאָס איז שוין קיין קונץ געווען! און צעלאָזט זיך חיים־יונה וויטעלס אין א „יעלה" — רבונו של עולם! עס האָט זיך געמאַכט, די ווענט וועלן צעגיין!

און צו דעם אלעם איז עס געווען א באשמעקטער מענטש, א הדרת פנים — די שכינה, כביכול, האָט אויף אים גערוט, אָנגעטון ווי א טאָק. נישט, חלילה, פאר גאווה וועגן! זיין דרך איז אזוי געווען. א זיידענער קאפּ־טאַן מיט סטראָקעס, א לייפּסקער זיידענער גארטל און א שטריימל — האָט עס געבלאַנקט און געבליצט מיט די זילבערנע האָר... און א באָרד א שווארצע, א לאנגע; ביזן גארטל אריין א באָרד. און פּאות געקרייזלטע, און אויף דער צורה איז געלעגן אויסגעגאָסן די אייגענע זיסע גבורה, וואָס האָט געשטעקט אין קול... און א פּאָר אויגן — מענטשן האָבן געגאַפט; נישט איינמאָל פלעגט דער אלטער זאָגן:

— אזא מענטש דארף זיך היטן פאר אן עין הרע.

מיינט איר דאָך אוודאי, ער האָט געמיינט פּראָסט איין עין הרע... אָבער דער אלטער פלעגט קיינמאָל נישט רעדן אזוי פּראָסט אין פשטות אריין... אן אנדער מין עין הרע האָט ער געמיינט. פּארצייטנס פלעגט זיך גאנץ אָפט טרעפן, אז א פּריצה, אן אלמנה, צי א גרושה, פלעגט פּלוצ־לינג אריינפאָרן אין א שטעטל אריין, און מיט געוואַלט אויפכאַפּן א ייד פון גאַס, פּארשטיים זיך, וואָס שענער און געזונטער, און אוועקפירן צו זיך אין פּאלאַץ אריין, און נייטן צו זינדיקן, מיט גוטן, מיט בייזן. עס פלעגט זיך טרעפן, אז א ייד איז נישט עומד בנסיון געווען און כאָטש די פּריצה פלעגט אים, ס'רוב, דערנאָך ארויסוואַרפן, און ער פלעגט, נעבעך, אהיימגיין און תשובה טון, תעניתים פאסטן, טון וואָס מען האָט געהייסן, האָט עס דאָך נישט שטענדיק געהאָלפן... אזא שלעכט אויג האָט דער „אלטער" געמיינט...

געזאָגט האָט מען, אז חיים־יונה־וויטעלס איז א גרויסער זהיר, אז אין א ירידּ־טאָג, און אין אזוי זונטיק צי אין חג'ע קומט ער ממש נישט ארויס מפּתח ביתו. און פונדעסטוועגן, ווי עס ווייזט זיך ארויס, האָט דער „אלטער" רעכט געהאַט...

ויהי היום. חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען אויף ראש - השנה, דאָס הייסט, ער דאַרף קומען כּמעט אַכט טאָג פאַר ראש־השנה. וואָרום אַ מענטש אויפן וועג, ווי געוואָרנט ער וועט נישט זיין, איז עלול זיך צו פאַר־קילן די גרגרת, בפרט חיים יונה וויטעלס, וואָס האָט געהאַט אַ מהלך פון איבער צען מייל; און גיין פלעגט ער, פון שכר הליכה וועגן, צופוס... דאַרף ער טאַקע קומען פריער מיט אַ וואָך אָפּרוען זיך, און אַזוי פלעגט ער שטענדיק טון. ער פלעגט קומען, אַרומגיין שטיל, שווייגנדיק, מיט אַ גרויסער רויטער שאַל אַרומגעוויקלט דעם האַלדז, און טאָג אויף טאָג שלינגען רויע אייער, אַ האַלב שאָק איבערן טאָג אוודאי... און די אייער האָט ער באַקומען פריש פון די הינער פון הויף. וואָרום אַ מפונק איז ער אויך געווען, אַז מיט וואָס עס איז פלעגט ער זיך קאַליע מאַכן דעם מאָגן.
ויהי היום, חיים־יונה־וויטעלס דאַרף קומען. עס איז אַכט טאָג פאַר ראש־השנה; עס גייט אַוועק אַ טאָג בלייבט זיבן; נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און מען הערט נישט, און מען זעט נישט, טראַכט מען, עס מוז עפּעס־זיין אַ סיבה... הערט מען, אַז עמעץ פון יענער שטאָט איז געקומען, עפּעס אַ באַלעבאַטישער מענטש, אַ האַלבער חסיד, געקומען געוואָר ווערן, צי עס איז עפּעס אַ דרך. ווערט מען געוואָר, ווו ער איז פאַרפאַרן, לויפט חברה אין אַכסניא אריין; שלאָפט ער. ליגט ער און כראָפּעט. כאַפּט חברה אַ פרישע קאַן וואַסער פון ברונעם און גיסט אים אָפּ. שפּרינגט ער, דער ייד, אויף, נישט טויט, נישט לעבעדיק: וואָס ווילט איר, גזלנים?
פרעגט חברה אויף חיים־יונה וויטעלס.

זאָגט ער, דער ייד, נעבעך, און עס קלאָפּט אים אַ צאָן אָן אַ צאָן, אַז חיים־יונה־וויטעלס איז שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען פון דער היים, ער האָט זיך מיט אַלע געזעגנט. עטלעכע פון אנשי שלומנו האָבן אים באַגלייט פון שטאָט אַרויס ביז צום וואַלד. ביים וואַלד האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אַביסל משקה, ווי דער שטייגער איז. ער איז אויך דערביי געווען. מען האָט אים קוים צוגעלאָזט... דערנאָך איז חיים־יונה־וויטעלס מיטן טלית־ותפילין אַריין אין וואַלד אַריין און חברה איז צוריקגעגאַנגען.

— ער איז נישטאָ! — זאָגט חברה.

— ווער? — פרעגט דער ייד.

— משוגע ביסטו, מטורף? — וואַרפט זיך אויף אים חברה. ווילסט נאָך אַ קאַן קאַלט וואַסער? חיים־יונה־וויטעלס איז נאָך נישטאָ!

— אויב אזוי — ענטפערט דער ייד און ציטערט — האָט ער אָדער פארבלאָנדזשעט, אָדער ער איז קראַנק געוואָרן אויפן וועג, אָדער א חיה־רעה...

— האַלט ס'מויל! — שרייט די חברה. און עס בלייבט, מען זאָל מודיע זיין דעם „אַלטן". מודיע זיין... דעם „אַלטן" האָט מען נישט גע־דאַרפט מודיע זיין, נאָר אַזוי פאַר דרך ארץ... לפנים דאַרף אַלץ זיין על־פי דרך הטבע. און — מען מוז זיך דאָך אַרומקוקן וועגן א בעל־תפלה...

זוכט מען אויס א גרויסן מקורב, וואָרום קרוב לראש השנה איז מען צום „אַלטן" מיט קיין עסקים נישט צוגעקומען... אַזוי, אַריין, אָפּ־געמען „שלום־עליכם" און אַרויס, אָבער קיין שום מחזקות נישט... און אזוי ביז נאָך הושענא רבה. אַזאַ מנהג איז שוין געווען. נאָר ביי אַזאַ סיבה! זוכט מען אויס א מקורב, שטעלט ער זיך איין. גייט ער צום „אַלטן" אין חדר אַריין, צומאַכן אינגאַנצן די טיר הינטער זיך, לאָזט חברה נישט; עמעץ האָט אַריינגעשטעלט א פוס, בלייבט א שפּאַרע, און חברה שטייט הינטער דער טיר און הערט און אונטער.

הערן זיי, ווי דער מקורב גייט צו, — דער אַלטער מאַכט עפּעס שטיל, דערנאָך דערהערט מען דעם סוף פסוק: טרחכם, משאכם וריבכם... דערנאָך א פּאָר ווערטער וועגן חשבון הנפש... אַז דער גרעסטער און דער קלענסטער דאַרפן פאַר ראש השנה מאַכן חשבון הנפש... און עפּעס א משל למלך. וואָס, האָט מען נישט געהערט. ווייל סוף ימיו פלעגט דער אַלטער רעדן נאָר שטיל... שפּאַרט מען נאָך אַביסל אויף די טיר, זעט מען ווי דער אַלטער זיצט, מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף דער האַנט, זייער מיד, ווי ער איז שוין געווען ביז צו דער פטירה, די גרויסע ברילן אויפן שטע־רן, די אַנדער האַנט אויפן זוהר...

— נו, הכלל, — מאַכט ער — וואָס זוילסטו?

דערציילט אים דער מקורב, אַז, באשר בכן, חיים־יונה־וויטעלס איז נאָך נישטאָ.. דערנאָך, — אַז עס איז געקומען א ייד פון דאָרט... און ער דערציילט אים כהויה די מעשה פון דער אכסניא, און וואָס דער ייד האָט געזאָגט... הערט ער אויס, דער „אַלטער", און שווייגט. מען זעט בחוש, אַז מען האָט אים קיין נייעס נישט דערציילט... דערנאָך האָט ער אָפּגע־זיפצט; זעט מען, אַז ער האָט קיין נחת נישט דערפון. זאָגט דער מקורב, כלומרשט פאַר זיך, נאָר אַזוי, דער „אַלטער" זאָל הערן, — אַז חיים־יונה

וויטעלס איז א טאַטע פון קינדער, — זאָגט דער אלטער: מן הסתם...

— און ווער — פרעגט שוין פראָסט דער מקורב — וועט צוגיין צום עמוד?

מאַכט ער, דער אלטער:

— שוטה, ער קאָן נאָך קומען!

און אזוי ווי ער זאָגט עס ארויס, פאַלט אריין חיים־יונה־וויטעלס מיט א שמחה. הברה האָט אים הינטער דער טיר א ווארע געמאַכט. נאָר ער האָט ביי זיי קיינעם אפילו קיין שלום נישט גענומען, און אריינגעלאָפן גלייך צום אלטן, און דאָס פנים האָט אים געשטראַלט פאַר שמחה און די אויגן האָבן אים געלויכטן.

— רבי, האָט ער אויסגעשריען: גאָט האָט מיר געהאָלפן, כ'בין דאָ! א נס!

און דאָס קול ציטערט אים פאַר פרייד.

נאָר דאָ איז געשען אזוינס, וואָס זאָל שוין טאַקע קיינמאָל נישט געשען!

דער „אלטער" הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף חיים־יונה־וויטעלס שאַרף, קאַלט און שאַרף. איך ווייס? אויף א קל שבקלים קוקט מען נישט אזוי. און פלוצלינג שטעלט ער זיך אויף מלא קומתו, גלייך א בוים וואָלט פלוצלינג ארויסגעשפּרונגען פון דער ערד... פון שלום געבן — נישט צו רעדן, דער „אלטער" האַלט די האַנט הינטער זיך, און פלוצלינג גיט ער א געשריי:

— נואף!

האָר און נעגל האָבן זיך קאַפּויער געשטעלט, און חיים־יונה־וויטעלס, אזוי ווי ער איז געשטאַנען, האָט ער געגעבן א פאַל אויף דער ערד, גלייך עס וואָלט אים פלוצלינג א דונער געטראָפן.

דער עולם שטייט אָפּהענטיק, און דער אלטער זעצט זיך צוריק און זאָגט מיט זיין שטיל קול:

— נעמט אים, טראָגט אים אין בית־מדרש אריין, מונטערט אים אויף, און זאָל ער זיך פאַר אייך מתודה זיין...

און אזוי איז געשען...

אז חיים־יונה־וויטעלס איז אביסל צו זיך געקומען און מען האָט

אים אַרויפגעזעצט אויף דער באַנק, איז עס שוין נישט געווען דער אייגע־נער חיים־יונה־וויטעלס... שוואַרץ ווי די ערד, די אויגן איינגעפאַלן און ברענענדיק, ווי אין א פיבער, אָדער, השם ישמרנו, ווי ביי א דבוק. און דעם קאָפּ מוז מען אים אונטערשפּאַרן, אַנישט שלאָגט ער זיך אָן אין דער וואַנט; אזוי ציטערט ער אינגאַנצן... און פון די ווייסע ליפּן רינט עפּעס א מין שוים, רחמנא יצילנו; און אַז דער מענטש עפנט די ווייסע ליפּן און וויל רעדן, איז עס שוין נישט זיין קול...

— רבותי, — שטאַמלט ער מיט א גרויס געבעט, אַז עס האָט דאָס האַרץ געשניטן, — רבותי, איך בין קיין נואף נישט... און ער קוקט זיך אום, און זעט, אַז מען גלייבט אים נישט, אין די אויגן זעט ער, בעט ער זיך: — רבותי, פירט מיך צו צום אָרון קודש!

ער וויל שווערן, — נו, קאָן מען אים צולאָזן צו א שבועה, אַז דער אַלטער האָט בפירוש געזאָגט... זאָגט חברה: „ווילסט דערציילן, דערצייל, נאָר אָן שבועות”...

הייבט ער אָן דערציילן. דאָס קול ברעכט זיך אים וואָס אמאָל איי־בער, נאָר די אויגן, מיט וועלכע ער קוקט ארום אויפן עולם, בעטן זיך... ער דערציילט, — מויל און אויערן אויפצושטעלן!

אַרויסגעגאַנגען איז טאַקע חיים־יונה־וויטעלס פון זיין שטאָט צו דער רעכטער צייט, ווי יאָר ביי יאָר. גענומען טלית ותפילין, אביסל צידה לדרך און געלאָזט זיך אין וועג אריין. דער ייד אויף דער אכסניא האָט, נעבעך, ערלעך דערציילט: חברה האָט אים באַגלייט, געטרונקען לחיים, און קעגן האַלבן טאָג, איז חיים־יונה־וויטעלס אַוועק רעכטס מיטן וואַלד, און חברה איז צוריק אין שטאָט אריין...

גייט ער אזוי א שעה אַנדערטהאַלבן, שטעלט ער זיך אָפּ און וויל מנחה דאַווענען. דעם וואַלד קען ער גוט, כמעט יעדן בוים, נאָר פאַרלאָזן זיך אויף טביעת עין וועגן „מזרח” וויל ער נישט. גייט ער, וווּ דער וואַלד ווערט ליכטיקער, און וויל אַרויס אויפן פעלד, בכדי צו זען, וווּ די זון לאָזט זיך אראָפּ צום אונטערגיין. קומט ער ארויס אויף א וועג צווישן וואַלד און פעלד, טוט ער א קוק אַרויף צום הימל און בלייבט שטיין: ער האָט נאָך אַזאַ הימל נישט געזען, אזא ברענענדיקן מערב נישט גע־זען. ממש א שטיק פייער. קוקט ער אזוי און איז מהרהר בתשובה; ער דערמאָנט זיך אָן פייער פון גיהנום... און ער שטייט אזוי, און איז מהרהר

בתשובה, און הערט נישט, אז הינטער אים אין שווערן זאמד פאָרט א קארעטע... עס איז אן אָפענע קארעטע, אויבן אָן איז געזעסן א יונגע פּריצה... הינטער איר — א יעגער, א מין קאָזאקל, ווי פּארצייטנס דער שטייגער איז געווען; פון פאָרנט — אויך א יעגער, אויך א מין קאָזאקל, א חוץ א שמייסער מיט דריי פּאָר לייצן אין דער האנט — דריי פּאָר פערד נאשפּיז. און אז ער האָט דערהערט, איז שוין געווען צו שפּעט, איז ער שוין געפאלן דער פּריצה אין די אויגן ארײַן.

— שטיי, ייד, האָט זי א געשריי געטון, שטיי, באַשמעקטער מענטש, און זי פּארהאַלט די קארעטע.

מן הסתם איז היים יונה וויטעלס נישט שטיין געבליבן, כהרף עין איז ער צוריק ארײַן אין וואלד, און לויפן לויפט ער פאר זיך — פייל פון בויגן, מיט אַלע כוחות... הערט ער אָבער דער פּריצהס קולות... זי שיקט אים נאָך די קאָזאקלעך — שלעכט! זיי וועלן אים דעריאָגן; האָט ער א ישוב און באַהאַלט זיך.

— ווו באַהאַלט ער זיך?

אין יענע וועלדער זענען פאראן משונהדיקע ביימער... הויכע, גע־זונטע ביימער, און די צווייגן וואקסן ביי זיי ארוים פון שטאם, ווי ביי אַלע ביימער, נאָר — גבורת הבורא — אז זיי קומען ארויף ביז א געווי־סער הייך, בייגן זיי זיך אוים ווי די פּיילנבויגן, און זוואקסן קיילעכדיק צוריק אראָפּ, ביז צו דער ערד, און וואקסן אפילו טיילמאָל טיף אין דער ערד ארײַן. שפּרינגט ער ארײַן אין אזא סוכה פון צווייגן, וואַרפט זיך מיט אַן אימפּעט אויף דער ערד און האָט א מערכה, וואָס ער פאַלט אויף א ווייכן מאָך... נאָר ווען ער זאָל זיך אפילו געווען עפּעס טון, זואָלט ער אויך קיין קול נישט ארויסגעלאָזט; ער האָט מורא אפילו הויך צו אָטע־מען; ער האָט פחד, מען זאָל נישט הערן, ווי עס שלאָגט ביי אים דאָס האַרץ, ווייל די קאָזאקלעך לויפן אויף און אָפּ, קומען נענטער און דער־ווייטערן זיך, און רופן איינער צום צווייטן: האָפּ ־ האָפּ; האָפּ־האָפּ! ווי מען איז זיך נוהג אין וואלד. נאָר שטילערהייט, אין צעגאָסענעם האַרץ, איז ער מתפּלל צום בורא עולם, ער זאָל אים נישט ברענגען צו קיין נסיון... ווייל די פּריצה, דאָס האָט ער דערזען, איז געווען גאָר א יפה־פיה, אין אן אָפן סויבלענעם פוטער, און פון פאָרנט האָבן איר געבליצט ברי־ליאנטן, א מכשפה! — בעט ער זיך נעבעך: רבונו של עולם, צי עס איז

א בשר ודם, צי א רוח, צי ווייס איך וואס, זיי מיך מציל פון אירע הענט...

און די הויט ציטערט אויף אים, ווייל ער הערט, ווי די פריצה שרייט און בייזערט זיך, פאר וואס מען געפינט אים נישט. „איך וועל פון אייך, כלבים, די הויט אפציען, און דאס פלייש פאר די הינט ווארפן... אויף א פאל וועל איך אייך זעצן..." און ער פרווט זיך טרייסטן. אפשר איז עס, טראכט ער, גלאט א מרשעת, א שונא ישראל, ווייל מיך כאפן און פייני־קן, אין תפיסה ארייגזעצן — איז ער מקבל אויף זיך דעם גזר־דין... אבי נישט קיין זינד! רבונו של עולם, אבי נישט קיין נסיון!

עס איז אבער באשערט געווען א נסיון... און אז די פריצה האט גע־זען, אז די קאזאקלעך געפינען נישט, האט זי געהאלטן א הונט אויף דער שוים, נעמט זי און לאזט אראפ דעם הונט, און דער הונט לויפט אין וואלד אריין, און שנאפט אונטער די ביימער און האט אים דערשנאפט... און די קאזאקלעך זענען צוגעקומען, און האבן תיכף ומיד ארויסגענומען שטריק און האבן אים געבונדן און אוועקגעטראגן צו דער פריצה.

— פארוואס האט איר אים געבונדן? — בייזערט זי זיך.

— ער האט געביסן! — ענטפערן זיי און ווארפן אים דער פריצה צופוסנס אין קארעטע אריין, און דא הייבט זיך אן דער נסיון...

בשעת מעשה, אז מען האט אים געכאפט און געבונדן, האט חיים־יונה־וויטעלס א נדר געטון, די אויגן נישט צו עפענען, איר אין פרצוף אריין נישט צו קוקן... נאר קול באשה איז אויך געגוג, ער פילט, ווי דאס קול צעגייט אים אין אלע אברים, ווי עס ווערט אים הייס אין אלע גלידער. צו די קאזאקלעך האט זי געשריגן; צו אים, — ממש זי זינגט. זי וועט אים — זאגט זי זינגענדיק — אליין אויפבינדן. און יעדן ארט, וווּ דער שטריק האט זיך צוגעריבן, וועט זי אויסקושן... זי וועט אים פירן צו זיך אין פאלאץ אריין... א גן־עדן וועט ער האבן...

און די קארעטע פארט צוריק, און זי בינדט און בינדט אים אויף די שטריק, און דארט, וווּ זי רירט זיך צו צו זיין לייב, יאגט אים אריין פון די פינגער א מין שמעקנדיקע ווארעמקייט.

איז ער דאך אבער פארט חיים־יונה־וויטעלס, שטארקט ער זיך, פאלט ער צו אירע פיס, הייבט זיך אן צו בעטן... זייער לשון האט ער גע־קאנט... בעט ער זיך:

— פּריצה, ליכטיקע פּריצה... גרויסע ליכטיקע פּריצה, וואָס ווילסטו פון מיר?

— איך וויל דיין גוטס, — זאָגט זי, — איך געפעל דיר דען נישט?

— פּריצה, ליכטיקע פּריצה... וואָס טויג דיר אַ מיאוסער, קרעציקער ייד (צייט ער לעבט האָט ער קיין שפּרינקעלע אויפן לייב נישט געהאַט, נאָר ער וויל זיך פאַרמיאוסן), צי איז דיין ערגסטער קנעכט דער פּאַסטוך, וואָס פּאַשעט דיינע חזירים, נישט שענער און נישט שטאַרקער פאַר מיר?
און זי לאַכט:

— ניין! שענער און באַשמעקטער פאַר דיר איז נישטאָ; דיין אָטעם — זאָגט זי — ברענט מיך ווי אַ פייער... און זאָלסט נאָך די אויגן עפענען.
און ער בעט זיך ווייטער:

— גרויסע, ליכטיקע פּריצה, איך בין אַ ייד... און אונדזער הייליקע תורה אסרט אזוינע זאכן... לאָז מיך נישט פאַרלירן די וועלט און יענע וועלט...
זאָגט זי, זי וועט אים געבן מער ווי שני עולמות...
בעט ער זיך ווייטער:

— איך בין אַ ייד און האָב אַ ווייב אַ יידענע, און זעקס קינדער בחורים האָב איך... צי דאַרף אזא גנעדיקע, גרויסע, ליכטיקע פּריצה צו־נעמען ביי אַן אָרעמער יידענע אַ מאַן, און ביי זעקס יידישע בחורים אַ טאַטן — דו, וואָס האָסט פּאַלאַצן און משרתים...
און זי האַלט זיך ביים איריקן:
— קוק אויף מיר! זאָגט זי כמעט מיט אַ געבעט...

און פאָרן פאָרט מען אַלץ צוריק, און די פּריצה גיט אינמיטן אַ באַפעל:
— גאַלאָפּ דורכן שטעטל!

פאַרשטייט ער, אַז מען קומט צו צו זיין שטעטל, אַז די פּריצה האָט מורא, ער זאָל נישט אַראָפּשפּרינגען... וועט ער טאַקע — שטאַרקט ער זיך — מיט גאָטס הילף אַראָפּשפּרינגען — עפנט די אויגן, צו זען, ווען אַראָפּצושפּרינגען...

— און דעמאָלט — פאַרברעכט ער די הענט — האָב איך זי נאָך אַמאָל געזען... אירע אויגן האָבן מיך דורכגעברענט...

— און פונדעסטוועגן — שפּרינגט ער אויף מיט אַ פּלוצליכער גבורה — פונדעסטוועגן האָב איך דעם יצר הרע גובר געווען... איך בין נישט קיין נואף — און דאָס קול ווערט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — אינמיטן מאַרק בין איך אַראָפּגעשפּרונגען... אַ נס איז מיר געשען, די פערד האָבן זיך פאַר עפּעס דערשראָקן און אַ כאַפּ געטון אָן אַ זייט... אַ נישט וואָלט איך אַרונטער אונטער די רעדער... און דאָס האָב איך געוואָלט, דאָס איז געווען מיין מיין...

און ער שטעלט זיך אויף, און די אויגן פלאַמען אים, און ער הייבט אויף די רעכטע האַנט, ווי אַ שבועה, און וויל ווייטער עפּעס זאָגן, מן הסתם שווערן, נאָר באותו הרגע דערהערט זיך דעם „אַלטנס" קול:

— אָבער ווייטער, וואָס איז ווייטער געשען?

בשעת זוען חיים־יונה־וויטעלס האָט זיך מתוודה געווען און דער עולם איז געשטאַנען אַרום אים, איז אַריינגעקומען דער „אַלטער", און קיינער האָט נישט נעהערט. מענטשן, זואָס ער איז געשטאַנען הינטער זיי, האָבן דערנאָך געזאָגט, אַז טיילמאָל האָבן זיי געפילט, ווי עפּעס ברענט זיי אין די פּלייצעס, זיי האָבן אָבער קיין צייט נישט געהאַט זיך אַרומצוקוקן. אַז מען האָט דערהערט דעם „אַלטנס" קול, האָט זיך תוך כדי דבור דאָס ראָד פאַר אים געשפּאַלטן, און ער איז נעענטער צוגעגאַנגען צו חיים־יונה־וויטעלס.

— דערצייל, דערצייל ווייטער! — הייסט דער „אַלטער".

— ווייטער? וואָס ווייטער? וווּנדערט און שרעקט זיך חיים יונה־וויטעלס. ווייטער? — די קאַרעטע מיט דער פּריצה, אפשר איז עס אַ מכשפה, אפשר אַ רוח געווען, איז אַוועק... די מאַרק מענטשן זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן צו מיר צוצולויפן, איך אָבער בין געשווינד אַהיים געלאָפן, און די טיר פאַרשלאָסן, און פון איבערנעווייניק די לאָדן פאַרמאַכט, איך האָב קיינעם נישט געוואָלט זען.. קיינעם נישט... די קינדער זענען אין דער היים נישט געווען... נאָר טריינע־ביילע... אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אַ ווילדן געשריי געטון... איך היים איר שווייגן...

— שוויג, שוויג... א גרויס נס... גאָר א גרויס.

— זואָס, וואָס? פרעגט זי מיך...

גיי זאָג איר!

קומט זי צו מיר צו און עס כאַפּט מיך ארום א שמחה, א ווארעמ־קייט, כאַפּ איך ארום מיין טריינע־ביילע, און הייב אָן מיט איר צו טאַנצן, און צו טאַנצן, און צו זינגען... רעדן קאָן איך נישט... על הנסים זינג איך, מיינט זי, איך בין משוגע, וויל זי וויטער שרייען, האַלט איר צו דאָס מויל.

— און וואָס וויטער? — פרעגט דער „אלטער" שוין מיט גוטן...

— רבי, הייליקער רבי! וואָס וויטער? איך זע דאָך, איר ווייסט אַלץ, איך האָב געוואָלט ארויסטרייבן דעם גאַנצן יצר הרע, גאָר אינגאַנצן... האָב איך זי מחבק ומנשק געווען... ס'איז דאָך מיין ווייב, מיין כשר ווייב... און די לאָדן...

און דער „אלטער" האַקט אים איבער און רופט זיך אָן:

— יאָ, חיים־יונה־וויטעלס.. אָבער בשעת מעשה האָסטו די אויגן פאַרמאַכט, און דעמאָלט האָסטו יענע געזען, י ע נ ע . . . און א רגע כמימרא האָסטו זיך צו יענער מתכוון געווען. א רגע כמימרא... ניין?

חיים־יונה־וויטעלס איז פאַר שרעק און צער שיר־נישט נאָך אמאָל אומגעפאַלן.

— רבי, — מאַכט ער — עס איז אמת... אמת... א רגע, נאָר א רגע... און דער אלטער הייבט אָן שמייכלען...

— האָסטו, הייסט עס, געזינדיקט א רגע מיט דער מחשבה... מיין בעל־תפילה האָט א רגע געזינדיקט מיט דער מחשבה. וואָס? און מחשבה איז נפש... און ווער דען זינדיקט, אז נישט דאָס נפש? דער גוף אפשר זינדיקט? דער עפר ואפר אפשר? זואָס?

און חיים־יונה וויטעלס פאַלט אנידער, און פאַלט צו מיט די ליפּן צום „אלטנס" פאַנטאָפל:

— רבי! שרייט ער צו אים ארויף: האָט איר שוין פאַר מיר קיין תשובה נישט?

און דער „אלטער" בייגט זיך צו אים אראָפּ, און הייסט אים זיך אויפהייבן און זאָגט אים:

— נארעלע? ביסט נאָך ווייניק אָפּגעקומען?... דאָס האָב איך דאָך געמיינט!

— און אצינד — שלום עליכם! און ער דערלאַנגט אים „שלום".

— און שכר הליכה — זאָגט ער — וועסטו אויך האָבן, כאָטש דו ביסט געקומען צופּאָרן... דאָס איז שוין מיין זאַך!

ווי אזוי חיים־יונה האָט דאָס מאָל געדאַוונט, קאָנט איר אייך משער זיין. אין די עולמות העליונים האָט געקלונגען...

זיבן גוטע יאָר

דאָס איז א געשיכטע, וואָס איז געשען אין טורבין.

אין טורבין איז געווען אמאָל א טרעגער, האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען א גרויסער אָרעמאן, איינמאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אזוי אין מארק, מיט די פּאָלעס פארשאַרצט אונטערן שטריק אויף די לענדן, און קוקט אויס, פון וואנען עס וועט קומען זיין הילף, ער זאָל פארדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געזועלבן ארום און ארום ליידיק. אין יוצא ואין בא, מען זעט נישט, עס זאָל עמעצער קומען סחורה קויפן, עס זאָל זיין וואָס אָפּצוטראָגן. הייבט ער, נעבעך, אויף די אויגן צום הימל מיט א געבעט, ער זאָל, חלילה, קיין פארשטערטן שבת נישט האָבן, און זיין ווייב סערל מיט די קינדערלעך זאָלן, חס־ושלום, נישט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אזוי מתפּלל, דערפילט ער, אז עמעץ גיט אים א צי פאר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פאר זיך א דייטשל, אָנגעטון ווי א שיסער אין וואלד, מיט א פעדער אויפן קאפּעלושל און א גרינעם אויפלאָג אויפן שפּענצער. און דאָס דייטשל זאָגט צו אים אויף ריין דייטש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף עברי־טייטש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבן גוטע יאָר, זיבן יאָר פון מזל און הצלחה, און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אין דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסטו, — וועט דיר אויפשיינען דיין מזל נאָך דעם היינטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קאָנען אָפּקויפן גאַנץ טורבין מיט דער סביבה, אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אן אָרעמאן, ווי דו ביסט געווען, און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צייט קומען ערשט

צום סוף פון דיינע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

געוועזן איז עס, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אליהו הנביא, וואָס האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, אין אַ דייטשל פאַרשטעלט. טוביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כישוף־מאכער, ענטפערט ער אים:

— מיין ליב דייטשל, לאָז דו מיך געמאַך, וואָרום איך בין, נישט פאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער עני ואביון, איך האָב אויף שבת נישט. און איך האָב דיר נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דיינע עצות מיט דיין טרחה.

אַז דאָס דייטשל אָבער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און איבערגע־חזרט אים די ווערטער איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, איז עס טוביהן שוין אַריין אין קאָפּ, ענטפערט ער אים:

— ווייסטו וואָס, ליב דייטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר און ביסט נישט קיין לועג לרש, און דו פרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז איך בין מיך נוהג, ביי יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פאָר, זיך אָן עצה צו האַלטן מיט מיין וויב סערל און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תשובה נישט געבן.

זאָגט אים דאָס דייטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אָן עצה צו האַלטן מיט דער פרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גיין פרעגן, און ער, דאָס דייטשל הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תשובה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַמאָל אום אין אַלע זייטן, קיין פאַרדינסט זעט ער נישט, טראַכט ער זיך, וואָס ער קאָן דאָ אָנווערן, ער וועט אהיימ־גיין פרעגן. לאָזט ער אַראָפּ די פּאָלעס און גייט אַרויס הינטער דער שטאָט וווּ ער האָט געוווינט, כמעט שוין אויפן פעלד, אין אַ ליימען שטיבל, אי־בערשמועסן זיך מיט סערל זיין וויב.

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפענער טיר (עס איז זו־מער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן מיט גרויס שמחה, זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אָן התחלה אויף שבת, זאָגט ער איר אָבער:

— ניין, סערל, זיין ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פאַרדינסט נישט באַשערט, דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען א דייטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס איז אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען, אַצינד אָדער פאַר דער פטירה. פרעגט ער ביי איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל נישט לאַנג און ענטפערט אים:

— גיי, מיין ליבער מאַן, און זאָג דעם דייטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע!

— פאַרוואָס, סערל? — פרעגט טוביה פאַרוווּנדערט, — נאָך זיבן יאָר, וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרעמע לייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי א פראָסטן אָרעמאַן?

— פאַרזאָרג נישט, מיין ליבער גוטער פריינט, די וועלט. דערווייל נעם, וואָס מען גיט דיר און זאָג: ברוך ה' יום יום! בפרט, אַז מען דאַרף חדר־געלט פאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אהיימגעשיקט, אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאמד.

דאָס איז געגנוג געווען, טוביה זאָל צוריק לויפן צום דייטשל מיט א קלאָרער תשובה, אַז ער וויל די זיבן גוטע יאָר תוך כדי דבור.

זאָגט אים דאָס דייטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה, היינט ביסטו א מענטש מיט כוח און קאָנסט פאַרדינען, אמאָל מער, אמאָל ווייניקער... וואָס וועט אָבער זיין שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זיין א יורד, און אַזוי פיל כוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך נישט האָבן —

ענטפערט טוביה:

— הער, דייטשל, מיין ווייב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי, ברוך ה' יום יום און הייסט אויף שפּעטער נישט זאָרגן, און צווייטנס, האָט מען אונדז די קינדער פון חדר אהיימגעשיקט...

— אויב אַזוי — זאָגט אים דאָס דייטשל, — גיי אהיים, און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אריין, וועסטו זיין אַן עושר!

ווייל ער אים פאַרט איבערפרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווייל דאָס דייטשל פאַרשוווּנדן געוואָרן.

גייט ער, טוביה, א היים. געווינט, האָבן מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה הינטער דער שטאָט, כמעט אויפן פרייען פעלד. קומט ער צו צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאמד, גייט ער צו, דערזעט ער, אז זיי שאַרן ארויס פון א גריבל נישט קיין זאמד, נאָר ריין גאָלד, טאקע זהב טהור... פארשטייט זיך, אז מער האָט מען נישט געדאַרפט, עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזלדיקע יאָר...

די צייט לויפט אָבער פייל פון בויגן און זיבן יאָר גייען אַריבער געשווינד. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דייטשל צו טוביהן, אים אָנצוזאָגן, אז די זיבן יאָר זענען אריבער און אז היינט פארנאכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין דער ערד. דאָס גאָלד אין שטוב און אפילו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן געקאָנט באַהאַלטן ביי לייטן...

טרעפט ער טוביהן, ווי ער שטייט אין מיטן מארק, ווי פאר זיבן יאָר, מיט די זעלביקע פארשארצטע פּאָלעס אונטער די לענדן און קוקט אוים אויף א פארדינסט. זאָגט ער אים: הער, טוביה, די זיבן יאָר זענען אריבער!

ענטפערט אים טוביה: גיי זאָג מיין ווייב סערל, ווייל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען ביי איר אין דער האנט.

גייען זיי ביידע ארוים הינטער דער שטאָט און קומען צום זעלביקן ליימענעם הייזל אויפן פעלד און טרעפן סערלען פאר דער טיר. און זי איז אויך אָרעם געקליידט זוי אמאָל, נאָר איר פּנים שמייכלט.

זאָגט איר דאָס דייטשל מיט די זעלביקע ווערטער, אז די זיבן גוטע יאָר זענען אוועק.

ענטפערט זי אים, אז זיי האָבן קיין גוטע יאָר נאָך נישט אָנגעהויבן צו האָבן, אז זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַלטן דאָס גאָלד פאר זייער אייגנס, ווייל, וואָס א מענטש פארדינט מיט זיינע צען פינגער, דאָס איז זיינס, און אזוי עשירות, וואָס קומט אָן שוויים און אומגעזוכט, איז נאָר א פּקדון, וואָס זיין ליבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענטשן אין די הענט פאר אָרעמע לייטס וועגן... זי האָט נאָר פון גאָלד אויף שכר למוד גענומען, דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאר זיין תורה מיט זיין גאָלד צאָלן, מער נישט! און אויב זיין ליבער נאָמען האָט פון היינט אָן א בעסערן בעל

פקדון פאר זיין געלד, מהיכא תיתא, זאל ער צונעמען און איבערגעבן אן אנדערן!

אליהו הנביא האט עס אויסגעהערט און איז נעלם געוואָרן. ער האט עס איבערגעגעבן דעם בית־דין של מעלה, און דער בית־דין של מעלה האט געפסקנט, אז עס איז קיין בעסערער בעל פקדון נישט פאראן, און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט כל־זמן טוביה און זיין ווייב סערל האָבן געלעבט.

———

די תאווה צו קליידער

אין שעברשין, הינטער זאמאָשץ, איז אמאָל געווען אן אשה, האָט זי געהייסן באַשע גיטל; איז זי געווען פון זייער א שיינער משפּחה, אן אמתע בת־טובים און א חסידס אַ ווייב. און דער חסיד, מיטן נאָמען אלימלך, פלעגט זעלטן זיין אין דער היים, ווייל ערשטנס איז ער א לייפּסקער סוחר געווען, און, דעמאָלדיקע צייטן, איז א נסיעה קיין לייפּסק געווען מער, ווי היינט אַ נסיעה מעבר לים, קיין אמעריקע. און צווייטנס, פלעגט ער, כאָטש איין מאָל אין יאָר, פאָרן צום לובלינער צדיק. פאלט איין דעם בעל־דבר צו באנוצן זיך מיט דער צייט, שאין האיש בביתו, וואָס דער מאן איז נישטאָ אין דער היים, אָנצורעדן באַשע־גיטלען צו אן עברה.

ווייסט ער אָבער, אז צו קיין גראָבער עברה צורעדן וועט ער זי נישט. ווייל באַשע גיטל איז באמת געווען א כשרע נשמה און אַ גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי־טייטש, און, אַ חוץ דעם, איז זי זייער און זייער געוואָרנט געווען אין די מצוות, אין וועלכע אן אשה דארף זיין געוואָרנט; איז ער זיך מישב און וויל איר כאָטש אריינברענגען א תאווה צו מלבושים מיט צירונג. וואָרום דער חסיד אלימלך איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט איר געבן ביד רחבה ומלאה אויף הויזפירונג.

אויך קומט ער, דער בעל דבר, צו איר נישט פראָסט. ער ווייסט, זי וועט אים פּשוט אויסלאכן, חוכא וטלולא מאכן; ווייסט זי דען נישט, אז מלביש זיין און אויסצירן דארף מען די הייליקע נשמה, נישט דעם זינדיקן גוף, וואָס איז פאָרט נישט מער, ווי קיי און שפּיי; היינט רויט, מאָרגן טויט... גייט ער, דער בעל־דבר, און פארשטעלט זיך פארן יצר־טוב, און נעמט זי איין מיט גוטע, פרומע און זיסע ריידעלעך, ער מיינט טאקע לשם מצווה, לשם שמים... און ליגט, ווי זיין שטייגער איז, די שמדקייט אין דער יראה אריין.

—אַט גייט, — זאָגט ער — א הייליקער יום טוב, פּסח, זכר ליציאת מצרים, און זיין ליבער נאָמען האָט דיך געבענטשט מיט אלעם גוטן, איז, באשע גיטל, א יושר, זאָלסט לכבוד דעם הייליקן יום טוב, באנייען א מלבוש, עס איז, אי א יושר, אי אַ מצווה: דער שניידער וועט פארדינען אויף פּסח, און דו וועסט מקיים זיין ושמחת בחגך! וואָס, ניין?

ווייל באשע־גיטל האָבן אַ ישוב. דערמאָנט ער זי, אַז די בני ישראל, איידער זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האָבן זיי זיך געבאָרגט טייערע כלים, מלבושים און צירונג. צו וואָס? רוימט ער איר איין: טאַקע לכבוד יום טוב! ליגט זיך עס איר אויף דער דעה, באַקט זי אביסל ווייניקער מצות, גרייט זיך אָן אַ קלענערן כיבוד, גיט אביסל ווייניקער מעות־חטין און מאכט זיך א ניי בגד מיט א זילבערנעם שלאַק. שבועות — זאָגט ער איר — איז נאָך א גרעסערער יום טוב. מתן תורה! קויפט זי זיך נייע פּערל. עס גייט צו סוכות, לאָזט זי זיך איבערמאַכן דאָס שטערן־טיכל, איבערנייען דאָס ברוסט־טיכל און קויפט צו א פּאָר בריליאַנטלעך צו די אויררינגלעך... דערנאָך זאָגט ער איר, אַז זי איז נישט יוצא קעגן שבת־קודש, ווייל שבת־קודש איז גרעסער פאַרן גרעסטן יום טוב, — פאָלגט זי, און באַמיט זיך אויף יעדן שבת־קודש אויך עפּעס צו באנייען, כאָטש אַ קלייניקייט — אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ, א פישו! ראש השנה און הושענא־רבה, — ווי קויפט מען עס נישט קיין נייע ווייסע אָדער העל־בלויע בענדער? און פּורים איז אויך א יום־טוב. חנוכה אוודאי; א שפּאָס אַ נס, וואָס עס איז געשען! דערנאָך קומט חמשה עשר בשבט. ל״ג בעומר, כאָטש אין גלות, קיין ימים טובים פעלן נישט!

היינט, אַז דער מאַן דאַרף אהיימקומען, איז דאָך אוודאי אַ מצווה, זיך אויסצופּוצן אין עסיק און אין האָניק, — אַן אשה כשרה, א יידישע טאָכטער ברויך נושא־חן צו זיין ביים מאַן אין די אויגן... און בנוגע צו צירונג, האָט ער, דער יצר־הרע, באַזונדערע טענות: באשע גיטל פלעגט אַמאָל האָבן אַ שווער טראָגן, זאָל זי זיך קויפן אַ שנירל רובינדלעך, דאָס איז דאָך, כידוע, א גרויסע סגולה אויף א לייכט טראָגן. אויך — עטלע־כע אַסמיראַדלעך, דאָס ווייסטו דאָך, איז אַ פּראָביר־שטיין פאַר דער נשמה: וואָרום ווער עס טראָגט אַזאַ שטיין און איז, חס ושלום, מזנה, פּלאַצט ער, דער שטיין, און האָט מען נאָר אַ שלעכטע מחשבה, פאַר־טונקלט ער זיך, כידוע... וועט זי נכשל ווערן אין א שלעכטע מחשבה,

וועט זי וויסן תיכף ומיד תשובה צו טון! היינט איז דאָך איר מאַן אלימלך גאַנצע חדשים אונטערוועגס, און עס קומט איר אויס צו מאַכן חשבונות מיט סוחרים, פאַרוואָס זאָל זי נישט האָבן אויף זיך עטלעכע סאַפּירלעך, וואָס העלפן צו חכמה? באַשע גיטל איז טאַקע א חכמה אזוי אויך, אָבער וואָס מער איז אוודאי געזונטער! און אזוי אנדערע שטיינער מיט אנדערע סגולות. און דער עיקר דער שטיין פּירט, וואָס זי דאַרף טראָגן, ווען דער מאַן איז אין דער היים, ווייל דער אבן טוב גיט חן אין די אויגן, און מען ווערט זייער געליבט, אז מען טראָגט אים...

מיט איין וואָרט, ער האָט זי אַרויסגעפירט אויף א וועג — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! זי האָט, וואָס גאָט גיט א טאָג, אַלץ מער געזונקען און געזונקען אין דער תאווה. און אַז דער בעל־דבר האָט געזען, אַז ער איז זי שוין בייגעקומען, אַז זי איז שוין אין דער בחינה פון א גוט גע־שליידערטן שטיין, וואָס לויפט שוין אליין באַרג אָפּ מיטן כוח פון ערשטן שטויס, נעמט ער און שטעלט זיך שוין אוועק אין א זייט, און זי טוט זיך שוין אליין אירס, און איז מקמץ אין צדקה, קאַרגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסן אין מויל אריין; די יינגלעך גיט זי איבער צו ערגערע מלמדים, אבי עס זאָל ביליקער קאָסטן, און לייגט דעם גאַנצן „האָב און גאָב" אין מלבושים און תכשיטין אריין!

איז איר נאָך וויניק, נעמט זי און שאַפּט אָפּ די דינסט, וואָס זי האָט געהאַלטן, און שלאָגט איר אריין אין חשבון אַלע שאָדנס, וואָס זע־נען געוועזן אין שטוב, יאָ שולדיק נישט שולדיק, און נעמט צו, מכלומרשט פאַר רחמנות, אַן אָרעמע יונגע יתומה, אַן אויסגעהונגערט קינד, אירס אַ נאָענטע קרובה אפילו, און זאָגט איר, אַז קיין שכירות וועט זי איר נישט צאָלן; נאָר דערפאַר, אַז עס וועט קומען די צייט, און עס וועט זיך טרעפן איר זיווג, וועט זי איר געבן נדן און מתנות, און פון זיך אראָפּ עטלעכע קליידער, און וועט זי אליין פירן צו דער חופּה און אָקעגן טאַנצן מיט אַ קוילישט... און נעמט דערווייל דאָס שכירות פון דער יתומה און גיט אויס אויף איר תאווה...

דער מאַן אירער, דער חסיד אלימלך, האָט, פאַרשטייט זיך, פון דעם אַלעם נישט געוווּסט, און אזוי איז אַריבערגעגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר, ביז באַשע גיטל איז קראַנק געוואָרן און האָט נישט געקאָנט רירן מיט אַ פוס.

זעען זעט אוים, אז עס איז מן השמים געווען, אז מען האָט זי גער וואָלט ראטעווען, און דעריבער טאַקע האָט קיין שום רופא אויף דער וועלט זיך אויף דער קרענק נישט פארשטאנען. וואָרום אזוי אין כּלליות איז זי אויפן גאנצן לייב געזונט און פריש געווען; כּאחד האדם, געשלאָפן, געגעסן, אַלץ, אַלץ! און אפילו אויף די פיס האָט זי קיין ווונד, קיין פלעק, אַפילו קיין שפּרענקעלע נישט געהאט, נאָר רירן זיך האָבן זיי זיך נישט געוואָלט, בשום אופן נישט!

דאכט זיך, עס איז די בעסטע צייט, אויסגעהיילט צו ווערן פון דער תאווה? אז א יידענע קומט נישט, נישט אין גאַס אריין, נישט אין שיל אריין, ליגט אין דער היים נאָכאנאנד, — וואָס טויג איר קליידער און צירונג? פאַר די פיר ווענט?

איז אָבער די תאווה אין איר אזוי שוין איינגעוואָרצלט געווען, אז זי ריכט זיך אַלץ אינאיינעם, היינט־מאָרגן אויפצושטיין פון בעט און מאַכט זיך אַלץ נייע און נייע קליידער, און קויפט אַלץ, וואָס מען ברענגט איר אין שטוב אריין, און דערווייל הייסט זי זיך א פּאָר מאָל אין וואָך אויס־לייגן די קליידער מיט דער צירונג אויף שטולן און בענק פארן בעט, און זי ליגט אזוי און קוקט, און שעפּט נחת דערפון... וואָס קלערט איר, די אָרע־מע יתומה האָט געאַרבעט דערביי עבודת פרך...

איינמאָל, מען לייגט איר אוים די קליידער, דערזעט זי פּלוצלינג, אז אירע שענסטע מלבושים, די סאַמעטענע און זיידענע, זענען אויסגעפלעקט, אויסגעשמירט פון אַלערליי מאכלים און משקאות, און אויף טייל ערטער — נאָך פארטשעפּעט און צעריסן. מאַכט זי א געוואַלט, אז עס קומען זיך שכנים און שכנות צולויפן אויף איר געשריי און מען זעט די צרה און עס בלייבט במוסכם כּלם, אז קיינער איז אין דעם נישט שולדיק, נאָר די יתומה, אז „דאָס שטילע וואַסערל", מיטן יראת שמים פּנימל, וואָס מען הערט נישט איר קול א גאנצן טאָג, וואָס קומט נישט, אויסער אז זי גייט אין שליחות, אין גאַס אריין, — אז „דאָס שטילע וואַסערל רייסט די ברעגעס", און טוט זיך בייננאַכט אָן דער באַלעבאָסטעס קליידער, און גנבעט זיך ארוים, און גייט אין די גוטע הייזער, ווו מען פרעסט און זויפט און מען טוט אַלדאָס בייז... א קשיא אויף היינטיקע צייטן! — וואָרום דעמאָלט פלעגט מען אויך זאָגן „היינטיקע צייטן", א פּנים, אז די וועלט ווערט וואָס אַמאָל ערגער! — נעמט מען די יתומה, וואָס וויל זיך

נישט מודה זיין, און מען זידלט זי מיט אזוינע ווערטער, וואָס מען דאַרף פאַרן מויל נישט ברענגען. בפֿרט שרייבן, און מען שלאָגט זי און מען הרגעט זי. דערנאָך פירט מען זי צום רב, און מען זאָגט עדות אַזוי און אַזוי, אַז קיינער נישט, נאָר זי; און והאַ ראיה — זי זעט אַזוי דאַר און מאָגער אויס, ביי אזא גוטס, ביי אזא גבירה, ביי א קרובה... על־כן, מוז זיין אז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט און טרינקט און זויפט און טוט כל־העברות שבעולם... נעמט מען די יתומה און מען גאָלט איר אָפּ דעם קאָפּ, מען זאָל זי מיאוס מאכן, עס זאָל שוין קיינער אין איר נישט נכשל ווערן און מען טרייבט זי ארויס פון שטאָט, מיט א געלויפעריי, ווי דעמאָלט דער שטייגער איז געווען.

אין דער צייט איז דער חסיד אין דער היים נישט געווען, ער איז געזעסן אין לובלין ביים צדיק און האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן בשום אופן, באשר בכן — ער מוז אים געבן א רפואה שלמה פאַר באַשע־גיטל זיין זוייב.

זאָגט אים דער צדיק: ווייסטו וואָס? פאָר אהיים און קום צוריק מיט דער פלוניתטע. דער מיין פון די ווערטער איז געווען אזוי: דער צדיק האָט שוין א פּאָר מאָל מתפּלל געווען פאַר דער אשה און עס האָט נישט געהאָלפן און דערצו איז דער לובלינער צדיק נישט געוווינט געווען. ערגער נאָך, טיילמאָלס האָט ער געפילט, אַז מען נעמט דאָרט די תפילה און מען וואַרפט זי אים צוריק אַראָפּ אין קאָפּ אריין. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין א גרויסע מניעה, אַ שטאַרקער קטרוג וועגן א גרויסן חטא. אַ פּאָר מאָל האָט ער דאָרט געפרעגט: ווי הייסטו? האָט מען אים פּשוט נישט געענטפערט! מוז שוין זיין גאָר אַ טיפער ענין, אַ מיאוסע זאַך, וואָס מען וויל נישט ברענגען איבערן מויל... און דער חסיד אלימלך ווייסט פון גאָר־נישט! און אזוי ווי דער לובלינער צדיק איז געווען א גרויסער בקי אין חכמת הפּרצוף, האָט ער זי געוואָלט זען עין בעין... וועט ער שוין זען, וואָס ביי דער אשה איז אויפגעשריבן אויפן שטערן.

פאָרט אלימלך דער חסיד אהיים, און דינגט א גרויסע בויד און בעט אויס די בויד, ווי א בעט: אונטן שטרוי, אויבן שטרוי — כרים וכסתות, און מען פאָרט מיט צוויי פּאָר פערד אין דער ברייט קיין לובלין. אין איזשביצע, אין קראסנאָסטאַוו און נאָך ערגעץ אין א שטעטל

וואַרטן גרייט פרישע פערד צום איבערשפּאַנען, ווייל מען קאָן נישט נעכ־טיקן מיט דער חולנית אויפן וועג, און מען וויל אָנקומען קיין לובלין בכי טוב.

פאָרט מען, נאָך דער לעצטער סטאַנציע אָבער פאַלט פּלוצלינג אָראָפּ אַ שניי, פאַרלירט מען דעם וועג, פאַרבלאָנדזשעט מען אין אַ וואַלד, נישט אויס און נישט איין, און עס פאַלט־צו די נאַכט — כאָטש נעם די אויגן אין די הענט און זוך אַ וועג: קיין לבנה, קיין שטערן... טראַכט מען, מען וועט בלייבן שטיין און אָפּוואַרטן ביז טאָג, איז אָבער די שרעק גרויס פאַר גזלנים מיט חיות רעות, ווייל דעמאָלט איז נאָך געווען סאַמע געדיכטער וואַלד אין דער געגנט,ביימער עד לב השמים און צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגן, אַז בייטאָג איז חושך געווען, האָבן זיך טאַקע געהאַלטן דאָרט גזלנים און חיות רעות, און ביינאַכט איז גאָר געווען סכנת־נפשות.

ראַפּטום ווערן זיי דערפרייט. פון דערווייטנס האָט זיך פּלוצלינג באַ־וויזן אַ פייערל און דאָס פייערל וואַקסט, און עס באַווייזט זיך אַ צווייט און אַ דריט פייערל — אַ סימן, אַז נישט ווייט מוז זיין אַ קרעטשמע. פאָרט מען צו דעם פייערל. מען פאָרט אַזוי, דערהערט מען קלעזמער שפּילן און אויך אַ גרויס געלעכטער; קומט מען נענטער — הערט מען אַ געטור־פּעריי, מען זינגט, מען שפּילט און מען טאַנצט אין קרעטשמע! באַלד האָט זיך די קרעטשמע אליין אויך באַוויזן — עס פלאַקערן די שויבן, וואָס קאָן זיי די שמחה? מן הסתם זענען זיך פּריצים צוזאַמענגעקומען און מען הוליעט אויפן פּריצישן אופן! עס איז אפילו אַ סכנה צוזאַמענצור־טרעפן זיך מיט אַזוינע לייט בשעת הדותא, נאָר אַלץ בעסער, ווי מיט חיות אָדער גזלנים אין וואַלד! פאַרפאָרט מען פאַר דער קרעטשמע, הערט מען שוין בעסער; עס איז נישט קיין פּריצים, די קלעזמאָרים שפּילן יידישע זאַכן, אַלערליי שטייגערס... און אַ מאַרשאַליק איז משמח דעם עולם מיט גראַמען און רופט אויס צו כלה־טאַנץ!... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דעם חסיד מיט דעם בעל־עגלה איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, די מוטערס מילך איז אין זיי געווען געוואָרן! זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען יענע לייט, וואָס פלעגן יענע צייטן, איידער מען האָט אויסגעהאַקט די וועלדער, שפּילן חתונות אין פאַרוויסטע קרעטשמעס... זאָגט אלימלך צו זיין ווייב באַשע־גיטל: הער, באַשע־גיטל, מיר זענען אריינגעפאַלן אין מיאוסע הענט... געדענק־זשע, למען השם, אַז מען טאָר זיי נישט ענט־

פערן, נישט אָנעמען פון זיי קיין כיבוד, אפילו נישט, חס ושלום, פּאַרזוכן, ווייל מען ווערט באַלד נזוק. באַשע־גיטל ליגט נישט טויט, נישט לעבע־דיק און שאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי ווייסט... און געוווּסט האָט זי טאַקע, פון די ספרים הקדושים אין עברי־טייטש.

דערווייל שיטן זיך אַרויס פון קרעטשמע די מחותנים מיט די מחותנתטעס, מיטן בדחן, מיט די קלעזמאָרים, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן און רינגלען אַרום די בויד, און הייבן אויף דעם דעק, און הייסן זיך זאָגן „מזל־טוב", און פאַרבעטן אין קרעטשמע אַריין אויף דער חתונה... מחותנים בעטן, מחותנתטעס, און חתן־כלה קומען אויך צו און בעטן מיט שיינע רייד, מען זאָל זיי נישט פאַרשעמען, און דער בדחן זאָגט גראַמען און גלייך־ווערטלעך, און די מוזיק שפּילט צו, אַז עס הילכט אין גאַנצן וואַלד, און משרתים און סאַרווערס טראָגן אַרויס אויף זילבערנע טעצלעך אין קריסטאָלענע און גאָלדענע כוסות אַלערליי משקה, און אַלערליי לעקעך און טאָרטן, און מען שטופּט זיי צום מויל צו, נאַט, נעמט מאַכט ברכה, זייט אייך משמח!

און זיי ענטפערן נישט אַ וואָרט.

פּלוצלינג אָבער גיט באַשע־גיטל אַ קוק, דערזעט זי, אַז די נשים פון דער חבריא, די כלה, די מחותנתטעס און אַזוי נשים־געסט, טראָגן אירע בעסטע סאַמעטענע און זיידענע קליידער, און פאַרגיסן זיי מיט משקה, פאַרשמוצן מיט אַלערליי עסנוואַרג, און פאַרטשעפּען אָן וואָגן... באַפאַלט זי אַ גרייזלעך האַרץ־ווייטיק, און קאָן זיך נישט איינהאַלטן און גיט אַ געשריי:

— רוצחים, גזלנים, מיין פּראַצע, מיינע קליידער!

מער האָט מען נישט געדאַרפט; מען האָט זי קוים דערפירט קיין לובלין. אויפן גאַנצן וועג האָט זי געחלשט און געחלשט און געחלשט, און דאָס מויל רחמנא לצלן, האָט זיך איר אויסגעקרומט... נוטה למות איז זי געוואָרן...

מען האָט זי קוים אַ לעבעדיקע אַריינגעפירט צום רבין, און ער האָט באַלד פאַרשטאַנען די זאַך, און האָט געזאָגט דעם עולם, מען זאָל זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר, וואָרום אַ יידישע טאָכטער, אויב זי מאַכט זיך נייע מלבושים, דאַרף זי די אַלטע צעטיילן אָרעמע לייט, בפרט טאָר מען זיך נישט מאַכן קיין קליידער, וואָס מען קאָן נישט טראָגן. וואָרום, אַז עס

הענגען אין אלמער קליידער, וואָס מען נוצט נישט, קומען ביינאַכט יענע לייט און נעמען זיי אַרויס און טוען זיך אָן אין די קליידער און טאַנצן אין זיי אויף זייערע שמחות און חתונות...

ווי באשע־גיטל האָט דאָס דערהערט, האָט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און אָנגענומען פאר ליב דעם טויט, און האָט נאָר געבעטן, ער זאָל אויף איר מכפר זיין! און דאָס האָט איר דער צדיק צוגעזאָגט!

נאָענט פאר דער פּטירה, האָט זי צוגערופן איר מאַן, דעם חסיד אלימלך, און האָט אים דערציילט די מעשה מיט דער יתומה, און גענו־מען ביי אים אַ האַנט תקיעת־כף, אַז ער וועט זי אויפזוכן, און נעמען זי פאַר אַ מאַמע צו זיינע קינדער, כדי מען זאָל איר מוחל זיין דעם חטא קעגן איר — — — —

און דער חסיד אלימלך האָט געטון איר בקשה, און באַלד נאָך שבעה אויפגעזוכט די יתומה און האָט מיט איר חתונה געהאַט, און זי איז געווען אַ מאַמע צו זיינע קינדער די יתומים, און זיי האָבן נאָך זוכה געהאַט צו האָבן נייע קינדער, און האָבן זיי מגדל געווען לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.

אויף אַלע יידן געזאָגט!

אַראָפּגעלאָזטע אויגן

.1

נאָך גאָר פאַרצייטן האָט עטלעכע מייל הינטער פּראָג געוווינט אין א דאָרף איינער א ייד, אַ געוויסער יחיאל־מיכל, וואָס האָט געהאלטן די קרעטשמע אין דאָרף.

און דער פּריץ איז נישט געווען קיין פּראָסטער פּריץ, נאָר א שם־דבר — אַ גראַף. האָט טאַקע יחיאל־מיכל געהאַט פּרנסה בשפע, ווי מען זאָגט: מיט א שמיץ, און איז געוואָרן א גאנצער „יש" — א בעל־צדקה, א מכנים־אורח, און ימים־נוראים, אז ער פלעגט אריינפאָרן קיין פּראָג, לאָזט ער זיך קאָסטן אין שטאָט. און קיין עם־הארץ איז יחיאל־מיכל אויך נישט געווען, ווערט ער א שטיקל איינגייער ביים רב און ראש־ישיבה, קויפט ער ביי אים אתרוגים, מצה־שמורה וכדומה... בעט ער ביי אים בנים זכרים אויך. זעט אָבער דער ראש־ישיבה ברוה־הקודש, אז דעם ייד איז נישט באשערט קיין נחת פון קינדער, און בנים זכרים, פון וועלכע מען האָט קיין נחת נישט, איז טאקע „טוב להם שלא נבראו", — זאָלן זיי בעסער אויף דער וועלט נישט קומען. זאָגט ער אים פּשט־פּשוט אָפּ. פאלט יחיאל־מיכל אריין אין עצבות, טרייסט ער אים און זאָגט אים: „דערפאר, יחיאל־מיכל, אז גאָט וועט דיר העלפן און וועסט אָנקלויבן נדן כדבעי, און וועסט קומען צו מיר און בעטן, וועל איך דיר אויסקלויבן אן איידעמל, אז דו וועסט קיין חרטה נישט האָבן!"

נו, פאָרט ער אהיים אביסל געטרייסט. צוויי מיידלעך האָט ער, מאַכט ער זיך א קניפּל אויף נדן, פריער פאר דער עלטערער, דערנאָך פאַר דער יינגערער. מילא, איידעמס בני־תורה איז אויך נישט קיין שפּאַס.

זאמלט ער, און גאָט העלפט. און אז ער קומט צו די ערשטע חמש מאות טאַלער, זאָגט ער צו דבשהן זיין ווייב:

— עס איז געקומען די צייט חתונה צו מאַכן אונדזער עלטערע טאָכטער, נחמה.

זאָגט דבשה, אז עס איז זייער גלייך. און מען רעכנט: דריי מאות נדוניא און שתי מאות אויף הלבשה און מתנות פאר חתן־כלה, חתונה־הוצאות, רח״ש וכדומה... און א סעודה פאר אָרעמע לייט וועט מען מאכן — פראַג זאָל געדענקען!

נישט אזוי אָבער געשווינד טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. עס מאַכן זיך, ווי דער שטייגער איז, מניעות. דער פריץ שיקט אהין, שיקט אהער; דערווייל מאכן זיך שנייען; זומער־צייט פאלן רעגנס; קומט גאָר אָן חגא, קאָן מען די קרעטשמע נישט פארלאָזן... מיט איין וואָרט: נישט אזוי געשווינד מאכט זיך עס, און דערווייל, ווי דער שטייגער איז: א מענטש דענקט און גאָט לענקט...

.2

נחמה, דעם ארענדארס עלטערע טאָכטער, איז אפילו זייער ווערט צו באַקומען א חתן פון פּראָגער ישיבה: א מיידל — א גאָלד, א גוטע נשמה, א שטילע. די גוטקייט קוקט איר פון די שטילע אויגן ארויס, און זי לאָזט זיך מדריך זיין, טאקע: וואָס דער טאטע הייסט, וואָס די מאמע הייסט און אַלע גוטע פרומע לייט, וואָס שטעלן זיך אָפּ אין קרעטשמע, הייסן... זי נעמט חלה מיט כוונה, בענטשט שוין שבת־ליכט, זאָגט שוין עברי־טייטש ווי א וואסער, מיט איין וואָרט: זי איז ווערט די חופּה־שטאַנגען...

זי איז ווערט, ווערנד ביי דער יינגערער טאָכטער שניידט זיך אַביסל אין דער קרום. קיין שלעכטס, חס־ושלום, נישט; נאָר אזוי: עפּעס א משונהדיקע בריאה, א פארטראכטע, א פארחלומטע, אַלץ פאלט איר פון די הענט... טיילמאָל לאָזט זי אראָפּ די ברעמען און גייט ארום מיט א בלאס פּנים ווי א קרייד, ווי אויפן עולם הדמיון; רופט מען זי — גלייך מען וואָלט זי פון יענער וועלט אראָפּגערופן, ציטערט זי און פאלט ממש פון די פיס... און אמאָל גיט זי א קוק אויף א מענטשן מיט אזוינע אויגן, מיט אזוינע שטאַרקע און שטעכנדיקע אויגן, אז עס ווערט פשוט נישט היימלעך!

און א התחלה פון מדות מגונות אויך: עס איז זי נישט אָפּצורייסן פון קרעטשמע. בפרט ביינאכט, ווען מען שפּילט און טאנצט. גאַנצע נעכט וואָלט זי געזעסן און די אויגן זיך אויסגעקוקט, ווי די יונגע פויערן

שטיפן מיט די שיקסעס, טאנצן א ראָד, א שווינדלדיקן ראָד, און זינגען אריין זייערע געזאַנגען, אז די קרעטשמע הילכט און ציטערט...

און נעמט מען זי אריין איבערגעוואַלט אין אַלקער און מען לייגט זי שלאָפן מיט נחמהלען אין בעט, ליגט זי מכלומרשט מיט פארמאכטע אויגן, ביז יענע שלאָפט יענע איין. קוים שלאָפט יענע איין, שפרינגט זי אראָפּ פון בעט, זומער און ווינטער, באָרוועסרהייט, און קוקט אריין דורכן לאָך פון שליסל, דורך א שפּאַרע אין טיר, צי אין פרייסישן ווענטל. טרעפט זי די מוטער, און רייסט זי אָפּ, ברענט איר דאָס לייב ווי אין א פיבער און די אויגן שפריצן מיט פונקען, אז דבשה דערשרעקט זיך און לויפט צוריק אריין צו יחיאל־מיכלען און דערציילט אים.

— מען זאָל קענען פריער חתונה מאכן די ייִנגערע! — זיפצט יחיאל־מיכל.

— מען דאַרף עמעצן פרעגן! — ענטפערט דבשה...

דערווייל מאַכן זיך ווייטער מניעות, ביז עס טרעפט זיך אזא מעשה:

3.

דער פּריץ פון דאָרף, דער גראַף, הייסט עס, האָט געהאַט א זון א בן־יחיד, האָט ער אים אויפגעצויגן אין פאריז, ווי דעמאָלט דער שטייגער איז געווען ביי גרויסע פּריצים. קומט ער צופאָרן איינמאָל אין יאָר אויף א קורצע צייט, אויף וואקאציע, זעט מען אים אויך נישט: א יונגער פּריץ, רייט ער ארום טעג און נעכט אין די וועלדער אויף געיעג. די פּע־לעכלעך פון די האָזן און אנדערע חיות קריגט יחיאל־מיכל פון קיך ארויס בחצי־חנם.

מאכט זיך איינמאָל אָבער א גרויסע היץ — פּייער איז געפלויגן אין לופטן; רייט ער דורך איבערן וועג ביי דער קרעטשמע, פאַלט אים איין, שפּרינגט ער אראָפּ פון מילך־ווייסן פערד, בינדט עס צו צו דער צוים, און שפּרינגט אריין אין קרעטשמע, און הייסט זיך געבן א גלאָז מעד.

דערלאַנגט אים יחיאל־מיכל מיט ציטערדיקע הענט א גלאָז מעד. נעמט דער יונגער פּריץ צום מויל און גיט א זופּ, און פארקרימט זיך; ביי זיין פאָטער אין קעלער איז פאראן, אפנים, בעסערער מעד, גאָט ווייסט ווי אלט ער איז. ער וואָלט אפשר דערלאַנגט מיטן גלאָז יחיאל־מיכלען אין קאָפּ אריין, דערזעט ער אָבער מלכהלען, ווי זי זיצט אזוי אין עק קרעטשמע מיט פארשטאַרטע אויגן און א ווייס פּנימל. שטעלט ער

אוועק געלאָסן דאָס גלאָז, וואַרפט אויפן שענק־טיש א האַרטן טאַלער, און גיט א פרעג:

— משה (ביי גרויסע פּריצים הייסן אַלע יידן משה), דאָס איז דיין טאָכטער?

ווערט יחיאל־מיכלען א לאָך אין האַרץ, שטאַמלט ער נעבעך: „יאָ, יאָ, מיין טאָכטער". און דער יונגער פּריץ קוקט און קוקט, און רייסט פון מיידל קיין אויג נישט אָפּ. און צומאָרגנס קומט ער ווייטער טרינקען מעד... און אַזוי אויפן דריטן, און פערטן טאָג... נעמט מען דאָס מיידל און מען באַהאַלט פון אים, בייזערט ער זיך, ער זאָגט נישט פאַרוואָס, נאָר ער דרייט די שוואַרצע וואָנסעלעך און בליצט מיט די אויגן. גיט ער אַמאָל א זאָג: אז יחיאל־מיכל צאָלט וויניק פאַר דער קרעטשמע... אז פּראָגער יידן ביטן גרויסע הוספות . . . און דאָס איז אמת געווען, נאָר דער אַלטער פּריץ האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט איבער דער שוועל; א גרויסע זאַך: א ייד זיצט, זאָל ער האָבן פּרנסה... ווערט יחיאל־מיכלען נישט היימלעך. בפרט אז מלכהלע גייט נאָך מער אַרום אויפן עולם־הדמיון, רעכנט ער טאַקע, צו פאָרן זיך מתיעץ זיין קיין פּראָג. מאַכן זיך אָבער ווייטער מניעות, און דער יונגער פּריץ קומט אַלץ יעדן טאָג און איינמאָל גיט ער פון דער העלער הויט א זאָג:

— משה, פאַרקויף מיר דיין טאָכטער!

טרייסלט זיך יחיאל־מיכלען די ווייסע באָרד און עס ווערט אים חושך אין די גרויע אויגן.

לאַכט ער, דער פּריץ:

— זי הייסט עסטערקע? — פרעגט ער.

— ניין, מלכה הייסט זי...

— זאָל זיך דאַכטן, — זאָגט ער, — אז זי הייסט אסתר, און דו — מרדכי, און איך — אחשורוש... וואָס? מיין נישט, איך וועל איר אַרויפזעצן א קרוין אויפן קאָפּ! נאָר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט און אויף אייביק, פאַר קינדער און קינדס־קינדער!

און ער גיט אים א צייט, אויף ישוב.

4.

זעט יחיאל־מיכל, אז עס איז שלעכט, שפּאַנט ער פאַרטאָג איין פערד־און־ביטקע, כאַפּט זיך אַראָפּ קיין פּראָג, פאַרפאָרט גלייך צום רב

און ראש־ישיבה. טרעפט ער אים ביי דער גמרא, נעמט ער „שלום עליכם“ און גיט תוך כדי דבור א פרעג:

— רבי, צי מעג מען התונה מאכן א יינגערע טאָכטער פאר אן עלטערער?

לייגט דער ראש־ישיבה די עלנבויגן אויף דער גמרא און ענט־פערט אים:

— ניין, יחיאל־מיכל, לא יעשה כן במקומנו . . . נישט קיין יידישע זאך. און דערמאָנט אים די מעשה מיט יעקב ולבן.

— איך וויים — זאָגט יחיאל־מיכל — אָבער אז מען מוז?

— דהיינו?

נעמט יחיאל־מיכל און גיסט אויס פאַרן פראָגער צדיק זיין ביטער הארץ, דערציילט אים אַלץ כהויה, פארטראַכט זיך דער פראָגער צדיק און זאָגט:

— מילא, בשעת הדחק שאני!

דערציילט יחיאל־מיכל דעם צדיק „את כבוד עשרו“, וועגן די ה׳ מאות טאָלער, און דערמאָנט אים זיין צוזאָג וועגן אויסקלויבן א חתן פון דער ישיבה.

פארטראַכט זיך דער פראָגער צדיק, שפּארט אָן אויף א זווילע דעם קאָפּ אויף די עלנבויגן איבער דער גמרא און הייבט אויף דעם קאָפּ און זאָגט אים:

— ניין, יחיאל־מיכל, דאָס קאָן איך נישט.

— פארוואָס, רבי, — פרעגט יחיאל־מיכל פארציטערט: — האָט דען מיין מלכהלע, חס ושלום, א זינד אויף דער נשמה? א יונג קינד, א יונג ביימעלע, ווי מען בייגט עס...

— חס ושלום! — ענטפערט דער ראש־ישיבה — איך זאָג נישט, אז זי האָט, חס ושלום, געזינדיקט, דאָס האָב איך בכוונה נישט געהאט . . . נאָר עס פאסט נישט. הער, יחיאל־מיכל, דיין טאָכטער האָט נישט געזינדיקט, אָבער אָנגערירט, פארשטייסטו, אביסל אָנגערירט איז זי דאָך . . . און דער עיקר — זאָגט ווייטער דער ראש־ישיבה — מיין איך דיין טובה דערמיט. וואָרום השגחה דארף דיין טאָכטער, השגחה פון א מאן, און טאקע פון א מאן — א מענטש, א סוחר . . . חוץ דעם — השגחה פון שווער און שוויגער . . . פון שטוב־לייט . . . ווי עס איז, מען

דארף איר ארויסשלאגן פון קאפ... זי דארף דעריבער אריינקומען אין א הויז... אין א הויז מיט א סך אויערן און אויגן... מיטן יצר־הרע, אז ער כאפט זיך אריין, מוז מען שטארק מלחמה האלטן... עס איז א מין ביטערער כריין, מען זייט אים נאר איין מאל, און וואקסן וואקסט ער אייביק... דו רייסט, און ער וואקסט!... וואס, ניין?

יחיאל־מיכל מוז נעבעך צושאקלען מיטן קאפ אויף יא.

— און אצינד, — זאגט ווייטער דער צדיק, — הגע בעצמך, לייג־צו קאפ, יחיאל־מיכל. למשל, איך וויל זיין א גוטער, און האלטן ווארט, — עס איז דאך נאריש, צוגעזאגט האב איך דיר, — און איך וויל זיין אן עומד בדבורי און טון דיין רצון; און נעם, און גיב דיר פאר אן איידעם א בחור פון דער ישיבה. הייסט עס: אן ארעם־בחור, א פארלאזט יינגל... נו, וועט גוט זיין?

וואס איז דאס יינגל? א בן־תורה... ער וועט זיצן און לערנען... מער זוייסט ער נישט און וויל נישט וויסן, און ער טאר נישט וויסן... און ווו וועט ווינען דאס פארפאלק?

צו דיר אין דארף אריין אויף קעסט וועסטו דאך דאס פארפאלק נישט נעמען?

— אוודאי נישט, כל־זמן דער יונגער פריץ איז דא!

— און ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט זיין! א קשיא אויף א פריץ! זיי, אז עס פאלט עפעס אין די אויגן אריין! ער האט אנדערע זארג? פרנסה פעלט אים?... הכלל צו זיך אויף קעסט נישט. לאזטו זיי איבער אין פראג. דינגסט א דירה און לאזט זיי איבער, און שיקסט אויף פרנסה. נו, וואס טוט דאס פארפאלק? ער, דער יונגערמאן, זיצט ימים ולילות אין בית־המדרש, על התורה ועל העבודה — און זי? דאס יונגע ווייבל, וואס טוט? וואס פאר א הוריות טראכט זי? אויף וועלכן עולם־הדמיון גייט זי ארום?

— גערעכט, רבי — איז יחיאל־מיכל מודה מיט א הייזעריק קול. — וואס דען טוט מען?

— וואס עס לאזט זיך! — ענטפערט דער ראש־ישיבה. — און איך וועל דיר העלפן. איך אליין וועל שיקן נאך א שדכן און זאגן אים, ווו אהין ער זאל גיין... עס זאל זיין א הויז מיט מענטשן, מיט א שטאט,

מיט אביסל עולם־הזה, נאָר בהיתר, נישט באסור... וועסט זען, מיט זיין ליבן נאָמענס הילף!

— דערפאַר, יחיאל־מיכל, — טרייסט ער אים, — אַז דו וועסט קומען צו מיר וועגן דער צווייטער טאָכטער, און גאָט וועט דיר העלפן און וועסט האָבן א קניפּל — קריגסטו, זאָג איך דיר, א הדר, מיט גאָלד אָפּצוווענן...

דערווייל מאַך חתונה...

.5

וכך הוה.

אויפן ראש־ישיבהס באראָט, און בסוד־סודות, האָט מען מיט מלכהלען א באַלעבאַטישן שידוך געטון. און מלכה האָט ביז דער לעצטער רגע נישט געוווּסט, נאָך וואָס עס קומען שניידער און מעסטן איר אָן קליידער, און פאַרוואָס מען וועקט זי אויף פאַרטאָג און מען פירט זי אַוועק קיין פּראָג...

און אַז זי האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט, האָט זי אויך קיין וואָרט נישט גערעדט. די יונגע נשמה האָט זיך ביי איר ווי אָפּגעשלאָסן.

וואָס עס האָט זיך ביי איר אין האַרץ געטון, האָט קיינער נישט געוווּסט; אָבער פון אויבן אויף האָט זיך געדאַכט — אויף אַלע בנות־ציון געזאָגט! טאַקע מיט אַלע מעלות... אביסל צו בלאַס, עפּעס שטענדיק די אויגן אַראָפּגעלאָזט — מאַלע וואָס? פריער האָט עס געהייסן כלה־חן, דערנאָך: אַזוי האָט זי שוין זיין ליבער נאָמען באַשאַפן, און סיי־ווי־סיי — א יפהפיה! א פאַרנעמעניש! און אדרבא! זי גייט אָן דער שווינער נישט קיין טריט, זי ביט זיך אפילו קיינמאָל גאָר נישט אוים... וואָס מען גיט איר, עסט זי; וואָס און זוען מען דערלאַנגט איר, טרינקט זי; און וואָס פאַר א קלייד מען וויל, טוט זי אָן. ציכטיק, שטיל און שיין. און שבת, אַז זי טוט אָן דאָס שוואַרץ־אַטלעסענע קלייד מיט דער גאָלדענער שפּאַנגע, נעמט אויפן אַלבאַסטער־ווייסן האַלז די פּערל, און עס באַמבלען זיך איר ביי די אויערן די בריליאַנטענע אוירינגלעך, בלייבן ווייבער שטיין אין די גאַסן, און גאַפן, און מען זאָגט: א פּרינצעסין... און זי — גלייך מען מיינט נישט זי, גייט זיך ווייטער שטיל און ציכטיק, צווישן שווינער און שוועגערנס אין דער ווייבערישער שיל אַריין, שטעלט זיך

נעבן דער שוויגער ביי דער קראַטע און לאָזט אַראָפּ די זיידענע ברעמען, און עפנט מיטן ווייסן הענטל די זילבערנע קלאַמרעס פון סדור מיטן גאָלדענעם שניט, און די ליפּלעך הייבן אָן צו ציטערן, צו ציטערן...

און אַ גאַנצע וואָך? יעדן פאַרנאַכט?

— וווּהין ווילסטו גיין שפּאַצירן, מלכה?

זי זאָגט נישט וווּהין; ווו מען גייט, גייט זי... און אַז מען גייט פאַרביי פאַר פענצטער מיט צירונג, שטעלן זיך אַלע אָפּ און קוקן, מלכה נישט. זי שטעלט זיך אָפּ, ווייל זיי שטעלן זיך אָפּ, אָבער קוקן, קוקט זי אין דער לופט אריין...

זאָגט מען: וואָס דאַרף זי צירונג, זי אליין איז צירונג!

בפרט, אַז דער יונגערמאַן פילט אָן איר די נשמה נישט. ער היט זי ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל אין אויג...

און אַזוי אַלץ...

פון אויבן אָפּגעטאָקט, אָפּגעשניצט און ריין, ווי שיינער קריסטאַל... אָבער אינעווייניק?

אינעווייניק איז געלעגן די קרעטשמע מיטן געזאַנג און טאַנץ און געשפּילעריי... אין האַרץ האָט צווישן איר און דער וועלט אַרומגע־שוועבט דער פּאָרטרעט פון יונגן פּריץ... קוים פאַרמאַכט זי די אויגן, צי אין שיל ביי דער קראַטע, צי מוצאי־שבת צו „גאָט פון אברהם", צי ביי שבת־ליכט בענטשן, צעשפּילט זיך אין איר דער כוח־הדמיון, טאַנצט זי, רחמנא ליצלן, מיטן פּריץ, און מיטן ראָד אין קרעטשמע נאָך שניט... אָדער זי רייט מיט אים צוזאַמען, און טרייבט, אויפן ווייסן פערד ווי אַ מילך, איבער וואַלד און טאָל... און בפרט, אַז עס גענענט זיך צו איר דער מאַן, אין דער רגע שליסט זי די אויגן צו און האַלדזט, און קושט — וועמען? דעם יונגן פּריץ האַלדזט זי און קושט...

בעט זיך ביי איר דער יונגער מאַן — אירע שיינע אויגן האָט ער ליב געהאַט — בעט ער זיך: לעבן מיינס, עפן דיינע שיינע אויגן, דיינע טויערן פון גן־עדן עפן אויף! — בשום אופן נישט! וויל ער אַמאָל (אַ יונגער מאַן!) אויספירן, וויל ער זיך מכלומרשט אָפּרוקן, האַלט זי אים מיט די אָרעמס, ווי מיט צוואַנגען... דערשרעקט ער זיך פלוצלינג און וויל זיך אויסרייסן, בעט זי זיך מיט אַ פאַרחלשט קול:

— פּריץ מיינער, אָדלער מיינער!...

מיינט ער — אזוי ליב האָט זי אים, אז ער איז איר פריץ, איר אָדלער... „דאָרף־לשון" — טראַכט ער. און זאָל זי נישט עפענען די אויגן, אז זי שטאַרבט זיך!

6.

און אזוי האָט מלכה אָפּגעלעבט א יאָר נאָך א יאָר. קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט און געלעבט האָט זי — נישט מיטן מאַן...

צו וואָס איז דאָס געגליכן?

צו אַן עפּל, וואָס הענגט, דאַכט זיך, געזונט און פריש אויף א גרי־נער צווייג, אויף א גאָלדענעם עפּל־בוים, און די הויט פון אויבן איז געראָטלט, ווי דער מזרח איידער די זון באַווייזט זיך, און א פרישער הויך, ווי פון גן־עדן, ליגט אויף אים: אזוי שמעקנדיק, אזוי פאַרנעמיש, אָבער אין אמתן אריין איז געזונט און פריש נאָר די הויט, די שאָל פון אויבן, אינעווייניק אָבער האָט שוין אַלץ דער וואָרעם אויסגעגעסן...

אָבער פונקט להיפּוך האָט זיך אויסגעשניטן דאָס מזל פון יחיאל־מיכלס עלטערער טאָכטער — נחמה. ביי יחיאל־מיכלען אליין האָט זיך אַלץ איבערגעקערט, און, ווי עס טרעפט זיך, דווקא מיט דער פוטער אראָפּ...

אָפּגעשפּילט און אָפּגעטאַנצט אין פּראָג, איז יחיאל־מיכל אהיים־געפאָרן פון פּראָג אינגאַנצן מיט עטלעכע מטבעות אין קעשענע, און ווי ער קומט־צו צו דער גרענעץ פון דאָרף, דערזעט ער, ווי זיין גאַנץ כלי־בית מיט די בעטן, מיט די טישן און בענק פון קרעטשמע ליגן אויפן פרייען פעלד און א פויער פון פריצס הויף שטייט דערביי ווי א שומר.

און דער שומר לאָזט אים שוין נישט אריינפאָרן אין דאָרף אריין... עס ווייזט זיך ארויס, אז בשעת ווען ער האָט געטאַנצט אויף דער יינגע־רער טאָכטערס התונה, האָט אים דערווייל עמעץ אויסגעדונגען די קרעטש־מע, א גרויסע הוספה געגעבן, און דער יונגער פריץ האָט איבערגעדייבערט דעם אַלטן פריץ, ער זאָל נעמען די הוספה... און דער ייד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הייבט אָן דאָס ווייב מיט דער טאָכטער צו וויינען, צו חלשן. בעט זיך יחיאל־מיכל ביים שומר, ער זאָל אים כאָטש אריינלאָזן א וואָרט ריידן מיטן אַלטן פריץ, נעמט דער שומר אראָפּ די ביקס, וואָס האָט אים געהאָנגען אויף די פּלייצעס, און זאָגט: ער וועט שיסן! ער וועט מוזן שיסן, זאָגט ער.

א היימישער פויער געווען, טרערן אין די אויגן האָט ער געהאַט; נאָר אז דער פריץ האָט געהייסן, וואָלט ער אוודאי געשאָסן! זעט יחיאל־מיכל, אז עס איז פאַרפאַלן, און צוריק אריינפאָרן קיין פּראָג האָט ער נישט מיט וואָס, נאָך דער חתונה איז אים קוים עטלעכע רענדלעך געבליבן; און מיט זיין אָרעמקייט דער אויסגעגעבענער טאָכטער די אויגן פאַר־שוואַרצן, וויל ער אויך נישט — נעמט ער דאָס ווייב און נחמהן, די טאָכטער, און פאָרט מיט זיי אריבער צו אַן אנדערן פריץ אין א דאָרף אריין, נאָך ווייטער פון פּראָג, און בעט ביים פריץ רשות, און עפנט זיך א געוועלבל מיט זאַלץ, בעקער־ברויט און אנדערע קליינע סחורות, אין דאָרף, און לאָזט איבער דאָס געוועלבל אויפן ווייב מיט דער טאָכטערס באַראָט, ער אליין אָבער לאָזט זיך אויף דער וועלט, צו פּראָצעסירן מיט יענעם פריץ, ווייל דער קאָנטראַקט איז נאָך נישט געווען אויסגעגאַנגען, און אויך צו האָבן דין־תורהס מיטן יידן, וואָס האָט אים משיג־גבול געווען... נאָר עס גייט נישט אזוי געשווינד, ווי עס רעדט זיך, בפרט מיט לייזיקע הענט. געדויערט א פּאָר יאָר; פאַרשפּילט ער דעם פּראָצעס מיטן פריץ און זיצט אָפּ א צייט אין תפיסה פאַר די הוצאות פון פּראָצעס; דעם דין־תורה קעגן משיג־גבול געווינט ער סוף־כל־סוף, נאָר דער משיג־גבול וויל בשום אופן וצד דעם פּסק נישט האַלטן; און דער פּראָגער צדיק, וואָס האָט כוח געהאַט צו נייטן, איז דערווייל נסתלק געוואָרן, און פּראָג זוכט און זוכט א רב, און קען דערווייל נישט צוקלויבן זיך, און לית דין ולית דיין. קומט ער, יחיאל־מיכל, אהיים נאָך א פּאָר יאָר, אַן אויס־געמאַטערטער, אַן אויסגעהונגערטער און לייגט זיך אוועק אין בעט אריין, און ליגט אָפּ א פּאָר וואָכן און שטאַרבט; לעבט אים דאָס ווייב זיינס לאַנג נישט איבער, און נחמה ווערט א יתומה, איינע אליין אין דאָרף, ווי א שטיין, און לייזן לייזט מען נישט... עס איז נישטאָ פאַר וואָס צו לייזן... און די יונגע פּויערן, זייט זי איז אליין געבליבן, לאָזן זי נישט רוען, טרייבן קאַטאָוועסלעך, בייזערן זיך, פאַרוואָס זי לאָזט זיך נישט אָנרירן, די יידישע קבצנטע...

שרייבט זי איין בריוו און א צווייטן צו דער שוועסטער קיין פּראָג, לעבט אָבער די שוועסטער אין פּראָג, ווי מיר ווייסן, אין אַן עולם־התוהו און לייענט נישט קיין בריוו... באַקומט די פאַרלאָזטע יתומה קיין תשובה נישט; הייבט זי זיך אויף בייגאַכט און פאַרמאַכט דאָס לייזיקע

קרעמל און גנבעט זיך פון דאָרף ארוים צופוס; זי לאָזט זיך גיין אויף גאָטס באַראָט, אז זי וועט טרעפן צו דער שוועסטער קיין פראָג, א שוועסטער איז דאָך קיין שטיין נישט...

7.

גייט זי אזוי מיט א שטיקל ברויט אין דער האנט פון דאָרף ארוים, קומט זי צו צום וואַלד, האָט זי מורא פאר חיות רעות. גייט זי נישט טיף אין וואלד אריין, גראבלט זי זיך ארויף אויפן ערשטן בעסטן בוים, און וויל איבערוואַרטן, ביז עס וועט טאָג ווערן, צווישן די צווייגן אויפן בוים. ליגט זי אזוי א ווײַלע; דערהערט זי, אינמיטן קריאת־שמע לייענען, ווי הינט בילן און לויפן, און דאָס געלויפעריי און געבילעריי קומט אלע מאָל נענטער; פארשטייט זי, אז עס איז א געיעג פון פריצים אויף חיות אין וואַלד, פאַרשטופּט זי זיך נאָך טיפער צווישן די צווייגן. און דאָס געיעג קומט אלץ נענטער און נענטער, און א גאנצע מחנה הינט שפּרינגט צו צום בוים און הייבט אָן שטאַרק צו בילן; און צוויי רייטער קומען געשווינד אָן צורייטן, כדי צו זען, וואָס די הינט בילן אזוי און לויפן אזוי ארום בוים. און די צוויי רייטער זיינען צוויי יונגע פריצים געווען, און זיי האָבן ארויפגעקלעטערט אויפן בוים, און האָבן זי אראָפּגענומען איבערגעוואַלט, און פייער געמאַכט, און באַטראַכט, ווער דאָס איז; האָבן זיי געזען, אז עס איז א יידיש קינד, און זייער א שיין מיידל, נאָר אָן אויסגעהונגערטס. זאָגן זיי איר, אז זיי וועלן איר, חס ושלום, קיין שלעכטס נישט טון, וואָרום זי לייכט אין דער פינצטער ווי א מאָרגנשטערן... אז מען דאַרף זי נאָר איבערטון, וועט זי שיינען ווי א מלכה, און שמעקן ווי א רויז... ווערט איר, פארשטייט זיך, א לאָך אין האַרץ. דערווייל, הערט זי, צעקריגן זיך די יונגע פריצים: יעדער וויל זי נעמען צו זיך, יעדער טענהט, אז זי איז זיין, אז דאָס האָט זי זיין הונט צום אלעם ערשטן דערשפּירט . . . בלייבט, זיי זאָלן זיך שיסן, און ווער עס וועט לעבן בלייבן, דער זאָל זי נעמען. שטעלן זיי זיך איינער קעגן צווייטן און ווילן שוין אָנהייבן צו שיסן. האָבן זיי אינמיטן א ישוב. זיי וועלן בעסער ציען קניפּלעך. ציען זיי קניפּלעך, און איינער, וואָס האָט ארויסגעצויגן דאָס קניפּל, האָט זי ארויפגעצויגן צו זיך אויפן פערד און איז מיט איר גאַלאָפּ אוועקגעריטן צו זיך אין פּאַלאַץ אריין... חלשט זי...

און אז זי האָט זיך צומאָרגנס אויפגעכאַפּט ביים פּריץ אין פּאַלאַץ — — — — — — — — — — — — —

8.

און אז זי איז ביים פריץ אין פּאלאץ צו זיך געקומען און דערזען, אז ער האלט זי אויף דער שויס, און זי האט דערפילט, אז ער קושט זי און האלדזט זי... האט זי פארשטאנען, אז עס איז פארפאלן, אז זי וועט זיך שוין נישט ראטעווען, האט זי זיך נאר געבעטן:

— פריץ־לעב, איך בין ביי דיר אין די הענט... און דו ביסט צו שטארק, איך זאל מיך ווערן קעגן דיר, און איך האב שוין נישט מיט וואס זיך צו ווערן... בעט איך ביי דיר נאר איינס: האב אויף מיר רחמנות, און זאג מיר נאר די איינציקע זאך צו: האסט מיר פארזינדיקט דעם גוף, פארפאלן! פארזינדיק מיר כאטש נישט די נשמה, לאז מיך ביי מיין אמונה... און ביי מיינע מחשבות... לאז מיך טראכטן און קלערן, וואס איך וויל...

דער פריץ האט אפילו נישט רעכט פארשטאנען, וואס זי מיינט דערמיט, נאר באמת ליב געקריגן האט ער זי, האט ער איר צוגעזאגט... געמיינט האט ער: און וואס שאדט עס אים? חתונה האבן מיט איר וועט ער סיי־ווי־סיי נישט. איינמאל האט ער איר אפילו געקויפט ביי א יידן אין פּראג א סדור, און האט איר געבראכט א מתנה. זי האט גענומען דעם סדור מיט פרייד, נאר באלד פון דער האנט ארויסגעלאזט אויפן טיש... „מיינע הענט — האט זי געזאגט — זיינען נישט ווערט די ריינקייט צו טראגן"....

וואונדערט זיך דער פריץ און שווייגט.

און ביים פריץ אין הויף האט נחמה געפירט א לעבן, וואס איז געווען גאר דער היפוך פון לעבן, וואס די שוועסטער האט געפירט אין פּראג...ביידע האבן פארמאכטע אויגן געהאט, ארומגעגאנגען פרעמד און פארחלומט. נאר בשעת ווען מלכה האט געזינדיקט מיט דער נשמה אין א ריינעם גוף, האט נחמה, פארקערט, אפגעלאזט דעם גאנצן גוף און דיין געהאלטן די נשמה...

עס גייט צו איר צו דער פריץ, — פארמאכט זי די אויגן און טראכט: „די מאמע קושט מיך"... עס האלדזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט זי ברכה זאגן, און „גאט פון אברהם" זאגן...

ער וויל, זי זאל אים ליב האבן...

זי האָט ליב, שטאַרק ליב — די מוטער! זי נעמט ארום די מוטער...
„נאָך אמאָל, מאַמעשי: תורה צוה לנו"... שעפּטשעט זי... און מיט די זינדיקע ליפּן רעדט זי די ווערטער נישט ארויס... אין דער נשמה ווימלען זיי ביי איר, דאָרט לייכטן זיי טיף, טיף אינעווייניק...

.9

לעבן לעבט מען נישט אייביק, אוןביידע שוועסטער איז קיין לעבן נישט באַשערט געווען...

און אז די נשמה האָט זיך אָפּגעטיילט פון גוף, איז דער יינגערערס, מלכהס, נשמה, וואָס איז געזוען דורכגעפלעקט פון זינד, ארויס, ווי א שווארצע קראָ, פון ווייסן גוף, און איז באַלד ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין כף־הקלע... דער עלטערערס, נחמהס, ווייסע, קלאָרע נשמה אָבער, קוים האָט זי זיך באַפרייט פון זינדיקן גוף, האָט זי זיך לייכט און שטיל ווי א טויב אויפגעהויבן אין דער הייך צום הויכן הימל. פאַרן טויער איז זי אפילו נעבליבן שטיין פאַרציטערט, נאָר גאָטס רחמנות האָט זיך צו איר באַוויזן, און האָט איר געעפנט דעם טויער, און האָט זי געטרייסט, און אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן.

פון דעם אַלעם אָבער האָבן מענטשן אויף דער ערד נישט גע־ווּוסט... די פּראָגער גבירה האָט געהאַט א גרויסע לוויה. מען האָט איר אויך א גרויסן הספד געמאַכט, עס האָט א מטמון געקאָסט! און מען האָט זי אויבנאָן אויפן בית־החיים, צווישן אַלע צנועות, געלייגט, און צום יאָר האָט מען איר אַ גרויסע מצבה מיט אַלערליי אויסגעקריצטע שבחים געשטעלט...

אָבער אז דער פּריץ האָט דער עלטערערס גוף קיין פּראָג געשיקט... האָט קיין חברה־מאַן נישט געוואָלט זיך צורירן צום זינדיקן גוף, האָט מען צו דער טהרה פּראָסטע טרעגער געדונגען, און מען האָט זי איינגע־הילט אין אן אַלטן זאַק און אריינגעוואָרפן אין א גרוב ערגעץ אונטערן פּלויט...

א מענטש זעט נאָר פון אויבן...

.10

און אין א צייט ארום, אז מען האָט צוגענומען א שטיק פון אַלטן פּראָגער בית־עלמין צו דער שטאָט, ברייטער צו מאַכן די גאַס, און מען

האָט אויסגעגראָבן די קברים, איבערצופירן די איבערגעבליבענע ביינער, האָט א קברן געעפנט נחמהס קבר ביים פּלויט, און נישט מער געפונען, זוי א שארבן, — פון לייב און דעם רעשט ביינער איז קיין שריד ופליט נישט געבליבן . . . און ווען ער האָט נישט ווילנדיק מיטן פוס אַוועקגעשטופּט דעם שאַרבן, איז ער אָפּגעשפּרונגען און איז ערגעץ פארוואלגערט געוואָרן... און איז שוין צו קבורה נישט געקומען.

דער קברן אָבער, וואָס האָט געעפנט מלכהס קבר, האָט זי געפונען אינגאנצן גאנץ און פריש, כמעט מיט א פרישן שמייכל אויפן זוייסן פּנים...

— דאָס הייסט א צדקת! — האָבן מענטשן געזאָגט. — די ווערעם האָבן אויף איר קיין שליטה נישט געהאט...

וואָרום אזוי טראכטן און זאָגן מענטשן, וואָס זעען נאָר מיט די אויגן פון אויבן־אויף, און ווייסן קיינמאָל נישט, וואָס אין הארץ טוט זיך, וואָס ביי עמעצן אויף דער נשמה איז...

לא תחמוד

ווי עס איז אייך באַקאַנט, מוז יעדער ייד מקיים זיין די גאַנצע תורה. און וואָס עס גערעאָט אים נישט מקיים צו זיין אין איין גלגול, מוז ער מקיים זיין אין צ וו יי ט ן; און דאָס וואָס ער איז פוגם אין א יי ן גלגול, מוז ער אין צ וו יי ט ן פאַריכטן. זואָ־רום די נ ש מ ה צום כסא הכבוד מוז צוריקקומען אַ גאַנצע, אָן אַ פעלער, און א ריינע, אָן א פלעק. און דעריבער ווערן די, וואָס זענען מקיים די גאַנצע תורה, נתעלה פאַר דער צייט, און אָן צער פון יציאת־נשמה, אָן חבוט־הקבר, גרויסע צדיקים זענען יוצא מיט א יי ן גלגול, מיט צוויי גלגולים; אַ פּראָסטער בשר־ודם קען, נישט פאַר אייך געדאַכט, מגולגל ווערן מאה פעמים ואחת, און נישט איין בר־נש וועט מגולגל ווערן עד סוף כל הדורות, ביז „בלע חמות לנצח”, ווען די פאַרפלעקטע נשמה וועט געמשפט ווערן אין טאָל יהושפט אָדער יזרעאל...

נאָר נישט אין דעם בין איך אַצינד אויסן. איך וויל אייך דערציילן, ווי מען קומט אמאָל צו אן איבריקן גלגול דורך א קלייניקייט, דורך א גאָרנישט און, ווי דער שטייגער איז, אז מען פאלט, פאלט מען שוין טי־פער און טיפער.

ויהי היום, און א גרויסער צדיק האָט געדאַרפט משלים זיין זיינע גלגולים אויף דער וועלט. די נשמה האָט שוין געזאָלט ארויפפליען צו איר היים, צום כסא הכבוד, פון וואנען זי איז אויסגעהאקט געוואָרן, — ריין ווי א ריינקייט, ווי א גאָלד... און מען מאכט שוין אויבן א ווארע, און מען לויפט צו די טויערן פון הימל, מקבל פנים זיין די ריינע נשמה, — ווערט אָבער אין דער לעצטער רגע די שמחה געשטערט.

אין לעצטן גלגול איז דער צדיק געווען א „גם־זו”, אַ מסתפק במועט; אַ ייד, וואָס האָט נישט טועם געווען פון עולם הזה. געזעסן אין תעניתים און געלערנט; און כל־ימיו — אַ פרוש! איז דעריבער, נישט פאַר אייך געדאכט, זייער א שווערע פטירה געווען, זואָרום דער גוף האָט

בשום אופן נישט געוואָלט ארויסלאָזן פון זיך די נשמה און גיין אין פינצטערן קבר אריין. דער גוף האָט געטענהט: איך האָב דאָך נאָך גאָר נישט געלעבט! איך האָב מיין חלק לעבן נישט געהאט! און יעדעס אבר האָט זיך געראנגלט מיטן מלאך המות. דאָס הארץ האָט געזאָגט: איך האָב נאָך גאָרנישט געפילט! די אויגן: מיר האָבן נאָך גאָרנישט געזען! די הענט: וואָס האָבן מיר געהאט? די פיס: ווו זענען מיר געגאַנגען? פון די ד׳ אמות נישט ארויס! און אזוי אלע... און דער מלאך, וואָס איז געשיקט געוואָרן נאָכן צדיקס נשמה, האָט זיך געמוזט ראנגלען מיט יעדן אבר, מיט יעדער אָדער, מיט יעדן טראָפּן בלוט פון דעם פלייש; ווייל אלץ האָט געהאלטן די נשמה ווי מיט צוואַנגען, און ער האָט זי גע־מוזט ארויסציען, ווי אן איידעלע רויז פון צווישן שארפע דערנער... און דעריבער איז דער צער פון יציאת נשמה געווען אזוי גרויס, און די יסורים ביים אָפּשיידן די נשמה פון גוף אזוי שטאַרק, אז דער צדיק האָט אין דער לעצטער רגע נישט אויסגעהאלטן און שוין נאָך ווידוי האָט ער מיטן לעצטן אָטעם אַ קרעכץ געטון. און דער קרעכץ איז געווען פון קנאה; ער האָט מקנא געווען די, וואָס האָבן אַ לייכטע פטירה, עס האָט זיך אים פארגלוסט צו האָבן אַ גרינגן טויט! און קיין צייט, תשובה צו טון אויף די פאַרגלוסטונג, איז שוין נישט געווען! און ווייל ער האָט פוגם געווען אין „לא תחמוד״, — וואָרום א ייד טאָר זיך אפילו א גרינגן טויט נישט פאַרגלוסטן, — זענען זיך אויבן צעגאַנגען די ווארעם און מען האָט צוריק פארשלאָסן די טויערן פון הימל. און ער האָט געמוזט נאָכאמאָל מגולגל ווערן, ער זאָל קענען פאריכטן, וואָס ער האָט פוגם געווען אין „לא תחמוד״.

איז אָבער געווען אויף אים א גרויס רחמנות אין די עולמות העליונים. טייל פון דער פמליא של מעלה האָבן אפילו פאריבל געהאט אויף דעם מלאך־המות, וואָס ער האָט זיך נישט פארהאלטן א רגע; דעם צדיק קיין צייט נישט געגעבן תשובה צו טון. בלייבט, לכל הפחות, מען זאָל דעם צדיק גרינגער מאכן דעם נסיון, מען זאָל אים געבן אזא לעבן, אזא מזל־ברכה, ער זאָל נישט דארפן און נישט קענען קיינעם מקנא זיין; עס זאָל זיך אים גאָר נישט האָבן וואָס צו פאַרגלוסטן. און א גרינגן טויט האָט מען אים אויך צוגעזאָגט.

הערט עס דער בעל־דבר און שמייכלט... נישט אזוי לייכט וועט ער אים ארויסלאָזן פון דער האנט!

ווערט דער צדיק נאָכאמאָל מגולגל, און פון גלגול איז ארויס ר' זיינוואלע פוריסאָווער! ווער איז ר' זיינוואלע פוריסאָווער?

— א ייד — אויף אלע יידן געזאָגט! א פער! און וואָס פעלט אים? לערנען קען ער בעסער פארן רב; זינגען זינגט ער שענער פארן חזן, א בעל־קריאה איז ער א סך א בעסערער פארן ליטווישן מלמד. און אן אשת־חיל א יידענע, און קינדער — גראָטענע, און א פרנסה א היימישע — האָט ער! און דערצו — דאָס שענסטע הויז אין שטאָט; און פון הויז גייט ארוים די שענסטע נדבה, און אין הויז איז פאראן די שענסטע סוכה, אויסגעהאָנגען מיט אתרוגים און אלערליי אנדערע פירות פון ארץ ישראל. און וועמעס איז דער שענסטער הדר אין דער טייערסטער זילבער־נער פושקע? ר' זיינוואלעס! און ווער איז דער ערלעכסטער בורר און דער קליגסטער בעל־יועץ? ר' זיינוואלע! זאָל זיך אים פארגלוסטן זיין גבאי? אלע גבאים טוען אָן זיין עצה קיין האנט אין קאָלט וואסער נישט אריין! אָן זיין ווינק רירט זיך קיין שמש נישט!

זיצט זיך ר' זיינוואלע על התורה ועל העבודה, און די אויגן לייכטן ביי אים אונטערן גרויסן שטערן, ווי ביי אן אמתן פארצייטישן חכם. און עפנט ער דאָס מויל, שיטן זיך פערל! און א שיינער מענטש איז ער — א קייזער! א ווייסע געקרייזלטע באָרד, א מאָרדערן שטריימל מיט זילבערנע האָר, א סאמעטענער קאפטאָן מיט סטראָקעס און זילבערנע האָקלען! מיט איין וואָרט — תורה וגדולה במקום אחד...

דאכט זיך, שוין זיכער דער לעצטער גלגול?! באַ, עס וואָלט אזוי געווען, ווען נישט דער בעל־דבר.

גייט ער אמאָל, דער בעל־דבר, און פארשטעלט זיך פאר אן אורח; אזוי א יונגערמאן פון ערגעץ, אפילו א הויקערל, גאָרנישט אָנזעעווודיק. קומט ער ווינטער ביינאכט צו מנחה ומעריב אין בית־המדרש אריין און זעצט זיך ביים אויוון. מן הסתם פארבעט אים ר' זיינוואלע אויף וועטשערע. ער זוכט שטענדיק אורחים! גייט ער, דאָס הויקערל, צו ר' זיינוואלען אויף וועטשערע. עסט מען. צווישן איין מאכל און דעם צווייטן רעדט מען, פארשטייט זיך, תורה. א זון ר' זיינוואלעס, צי אן איידעם,

הייבט אָן, שלאָגט זיך ערגעץ אָן אָן אַ שווערע סוגיא, ווענדן זיך אַלע אויגן צו ר׳ זיינוואַלען, ער וועט שוין אַלץ צורעכט מאַכן. ר׳ זיינוואַלע שמייכלט, איז דערווייל מכבד דעם אורח מיטן בענטשן; דער אורח בענטשט אָפּ, און ר׳ זיינוואַלע הייבט אָן זאָגן, און זאָגן זאָגט ער אַזוי קלאָר, אַזוי ריין, אַז עס דאַכט זיך, אַז עס בעט זיך אויס אַ ווייטער, גלייכער און ברייטער שליטוועגס, אַ ווייס, קלאָר רחבות, און גלאַט ווי דער טיש; שפּאַן אַ שליטן און פאָר! זיצן די זין מיט די איידעמס מיט די נשמות אין די אויערן און זאַפּן איין דעם גאַנצן נחת. און דאָס הויקערל זיצט און קוקט מיט אַ בייז אויג פון אַ זייט, און שמייכלט מיט די דינע ליפּעלעך. דערזעט עס ר׳ זיינוואַלע און פרעגט אים: איר זענט נישט מסכים? ענטפערט מיט אַ חוצפּה דער הויקער: אָבער גאָרנישט! פרעגט ר׳ זיינוואַלע: פאַרוואָס?

הייבט ער אָן, דער הויקער, צו זאָגן, פאַרוואָס, און עס הייבט זיך אָן אַ וויכוח!

נעמט ער, דער הויקער, און גיט מיטמאָאַל אַ מיש דורך ש״ס ופּוס־קים, וואַרפט מיט סברות, ווי מיט ברענענדיקע קוילן, ווי מיט שפּיציקע שפּיזן, און שיט מיט ראיות פון דאָ און פון דאָרט, ווי אַ האָגל, און ריידנדיק, וואַקסט ער, דער הויקער, און די א ו י ג ן ביי אים וואַקסן, און דאָס רשעות אין די אויגן וואַקסט! און די ווערטער ווערן וואָס אַמאָל ברענענדיקער, שפּיציקער, און ער נעמט אַרום ר׳ זיינוואַלען, ווי מיט אַ צוים פון ברענענדיקע דערנער, און ר׳ זיינוואַלע פילט, אַז עס ווערט אים אַלץ ענגער און ענגער; נישט אַרויס, נישט אַריין; נישט דעם אָטעם צו כאַפּן... און די זין מיט די איידעמס ווערן אויך אָפּהענטיק; עס קומט ר׳ זיינוואַלען קיינער נישט צוהילף. און די צוים אַרום אים רוקט זיך אַריין, אַלץ נענטער און נענטער צום לייב. און ר׳ זיינוואַלע הייבט אָן פילן אַ מין חולשות־הדעת, אַ האַרץ־ווייטיק, און עס ווערט אים דער אָטעם שווער. און ער הייבט זיך אויף, גייט אַרויס פאַר דער טיר, אַביסל דעם אָטעם צו כאַפּן, צו באַקומען אַביסל ישוב־הדעת; וואָרום פילן פילט ער, אַז נע־רעכט איז ער, ר׳ זיינוואַלע; אַז דער הויקער איז נאָר עפּעס אַ מין קונצן־מאַכער; אַז ער קלאַפּט נאָר זוי מיט אַ האָגל, אַז דער האָגל דאַרף צעגיין, עס זאָל ווערן פון אים גאָרנישט — וואָסער, ער מוז זיך נאָר מישב זיין!

און, ווי געזאָגט, אַ ווינטער נאַכט איז עס געווען. און אַז ר' זיינ־וואלע איז ארויסגעקומען פאר דער טיר, איז געווען אויסגעבעט דער מארק מיט אַ פריש־געפאלענעם, פונקלדיקן שניי, און אויבן אין הימל האָבן גע־פונקלט מילי־מיליאסן שטערנדלעך. און ר' זיינוואלע האָט אָפּגעאָטעמט פריי. און עס איז אים פרייער און קלאָרער געוואָרן אין מוח. און פּלוצלינג דערזעט ער בחוש, ממש מיט די אייגענע אויגן, ווי די צוים פון דערנער, מיט וועלכער דאָס הויקערל האָט אים ארומגענומען, וואקלט זיך און שאָקלט זיך ארום אים אין מארק אויפן שניי; און ער קוקט זיך צו און דערזעט, אַז די צוים איז נישט קיין גאַנצע צוים, אַז זי איז איבערגעהאַקט אין אַ סך ערטער, אַז זי האָט דאָרט און דאָ אָפענע פורטקעס. און וויי־טער דאַכט זיך אים, און ער זעט בחוש, ווי עס שטייען ביי די פורטקעס: דאָ אַ גאון, דאָרט אַ פוסק, דאָרט ווייטער אַ מפרש, וכדומה, און זיי ווינ־קען צו אים גאָר פריינטלעך, זיי רופן אים צו: זיינוואלע, ס'איז אַ פאלשע צוים, אַ פארבלענדעניש, קום נאָר אַהער, איך וועל דיך דורכפירן, עס בעט זיך אַ וועג, אַ רחבות...

און ר' זיינוואלע שמייכלט אין דער מחשבה צו דעם פורטקעלע און זעט, אַז אומעטום איז אָפן, אַ רחבות, אַ וועלט, אַן אָפענע! און ער דער־מאָנט זיך: דער גאון האָט אזוי געזאָגט, יענער פוסק האָט דאָס און דאָס פארהיטן. היינט — אַ בפירוש אָרט אין פירוש רש"י, וכדומה. און ער האָט משונה הנאה דערפון. און שפּאַצירט אזוי נאָך אַמאָל דורך גאַנץ ש"ס ופוסקים — אומעטום אַ פרייע וועלט... ער וועט אים שוין ווייזן דעם אורח!... עס איז אים אַלץ אזוי קלאָר, ווי דער קלאָרער שניי, אַלץ אזוי בלאַנק, ווי די בלאַנקע שטערנדלעך אין הימל! און ער פילט נישט, אַז אזוי ווי ער גייט ארום אין דער מחשבה אין די עולמות התורה, אזוי טראָגן אים די פיס אהין און צוריק איבערן מארק און אויסן מארק, אַלץ ווייטער און ווייטער איבערן שניי, און ער איז שוין לאַנג פון מאַרק, פון שטאָט ארויס, מען זעט שוין קיין צייכן פון קיין הויז, פון קיין דאך נישט, פון גאָרנישט, ער טרעט ארום אין שניי אויפן פרייען פעלד, אָן אַ צוים, אָן אַ גרענעץ, אויף אַן אמת קלאָר, ווייס און פינקלדיק רחבות, ווי ביי ר' זיינוואלען אין מוח.

מיט אַמאָל אָבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פארציטערט.

אַ שווערער וואָלקן האָט זיך פּלוצלינג פארצויגן אונטערן הימל, מיט

אַמאָל אויסגעלאָשן זענען געוואָרן די פינקלדיקע שטערנדלעך. און אַ ברייטער שאָטן האָט זיך געלייגט און פאַרפינצטערט דעם גלאַנצנדיקן שניי, ער בלאָנדזשעט שוין אויך אין דער סוגיאָ; ער ווייסט שוין נישט ווי ביי ר׳ זיינוואלען אין מוח און — ער בלאָנדזשעט, דערזעט ער, אינעם שניי, ער בלאָנדזשעט שוין אויך אין דער סוגיא; ער ווייסט שוין נישט וו אוים און ווי איין — — —

דערזעט ער, ר׳ זיינוואלע, פון ווייטן, ווי אביסל צערונענער רוין שלענגלט זיך אונטערן הימל. פאַרשטייט ער, אַז עס איז אַ סימן פון אַ שטיקל לעבעדיקן ישוב. דערפרוירן, פאַרמאַטערט און טיף ביזן תוך פון דער נשמה אָפּגעפאַלן ביי זיך, גייט ער נאָך דעם רויך און קומט צו צו אַן אָרעמער, אָפּגעריסענער קרעטשמע. קומט ער אריין אין אַ פאַרויכערטער שטוב און שטעלט זיך אָפּ ביי דער טיר און קיינער באַמערקט אים נישט; שטייט ער אַזוי און זעט, ווי ביי דעם שענק־טיש, איבער געטראַנק און פאַר־בייסעכטס, דרעמלט אַן אַלטע ערלית, און דורך די פענצטער מיט אויס־געשלאָגענע שויבן יאָגט איין און אויס אַ נאַסער, קאַלטער ווינט. נאָר אַן אַ זייט שטייט אַן אויוון און אין אויוון ברענען, און קנאַקן, און פלאַקערן טרוקענע דרענגלעך. מיד און געפרוירן, ווי ער איז געווען, וויל ער צוגיין, זיך אָנוואַרעמען, דערזעט ער אָבער, אַז אַלע ערטער ארום אויוון זענען פאַרנומען. ארום און אַרום זיצן האַלב שיכורע פויערים, מיט בלעכלעך בראָנפן אין איין האַנט, און געזאַלצענע הערינג אָדער אוגערקעס אין דער צווייטער. און זיי טרינקען צו זיך, די פויערים, און די פנימער זייערע פלאַמען, און די אויגן ביי זיי לייכטן פאַר ליבשאַפט און נחת, און אַלע מאָל בייגט זיך צו איינער צום צווייטן, און מען קושט זיך, און מען וויינט פאַר גרויס ליבשאַפט, און מען טרינקט ווייטער, און מען פאַרבייסט ווייטער...

און דעמאָלט האָט ר׳ זיינוואלע, וואָס האָט געקאָנט בעסער לערנען פאַרן רב, שענער זינגען פאַרן חזן; וואָס איז געווען אַ בעסערער בעל־קריאה פאַרן ליטווישן מלמד; וואָס האָט געהאַט דאָס שענסטע הויז, אַ יידענע אַן אשת־חיל, די גראָטנסטע קינדער, די שענסטע כוסה, דעם הדרסטן הדר; דער ר׳ זיינוואלע, וואָס פלעגט זיין דער בעסטער יועץ, דער ערלעכסטער בורר, און געבן בעין־יפה די שענסטע נדבה, — דעמאָלט האָט ר׳ זיינוואלע זיך נישט איינגעהאַלטן, און שטייענדיק אין מיטן

קרעטשמע, אין טיזליק, זואס האט געשטארט אויף אים ווי א בלעך, בשעת דער ווינט האט זיך אלע רגע ארונטערגעגנבעט און איינגעפרירט אים דעם שוויים אויפן לייב, — דעמאלט האט ר' זיינוואלע אין טיפן הארץ מקנא געווען יעדן פון די פויערים, וואס איז געזעסן ביים ווארעמען אויוון, וואס האט געטרונקען י"ש פון בלעכל, פארביסן מיט א שטיק געזאל־צענעם הערינג אדער א זיסער אוגערקע און גערעדט — נבול פה...

און עס האט זיך אנגעהויבן א נייע שורה פון גלגולים.

נסים אויפן ים

א

ין דער מדינה האָלאנד, אין א האַלב איינגעזונקען הייזל ביים ברעג פון ים, האָט געוווינט אויך א שטומע נשמה — א יידי־שער פישער מיטן נאָמען „סאַטיע". אפשר נאָך אן עלטער־זיידן סעדיה; נאָר פון דעם האָט ער נישט געוווּסט, ער האָט בכלל זייער ווייניק געוווּסט פון יידישקייט. פון אבות אבותיו א פישער, פאַרברענגט טעג און יאָרן אויפן ים, געלעבט — איין איינציקע יידישע משפּחה צווישן נישט יידן, וואָס זאָל ער ווייסן? סאַטיע כאַפּט פיש, דאָס ווייב זיינס שטריקט נעצן און פירט די שטוב, די קליינע קינדערלעך וואַלגערן זיך אין זאַמד און זוכן בורשטין... און אז סאַטיע גייט אויפן ים און עס מאַכט זיך א שטורעם־ווינט, עס ווערט סכנת־נפשות, האָט — נישט ער אויפן ים, נישט דאָס הויז־געזינד אין שטוב, נישט געקאָנט אפילו קיין שמע ישראל מתפלל זיין... האָט סאַטיע געקוקט שטום אין הימל אריין; דאָס ווייב זיינס שלאָגט זיך אין קאָפּ אריין, אָדער שליידערט נאָך אפשר א בייזן בליק צום בייזן, פינצטערן הימל אַרויף, און די קינדער וואַרפן זיך אויפן זאַמד און רופן גלייך מיט אנדערע קינדער: סאַנטאַ־מאַריאַ, סאַנ־טאַ־מאַריאַ!

און פון וואַנען האָבן זיי געזאָלט ווייסן מער? צופוס גיין אין קהלה אריין, איז וויַיט, פאָרן האָט די אָרעמע פאַמיליע, וואָס האָט קוים פּרנסה געהאַט, נישט געקאָנט, און, א חוץ דעם, לאָזט דער ים נישט אַוועק. סאַ־טיעס פאָטער, סאַטיעס זיידע און עלטער־זיידע זענען אומגעקומען אויפן ים, נאָר אזא כוח האָט ער שוין, דער ים: ער איז דעם מענטשנס געפּער־לעבסטער שונא, און גאַנץ אָפט א פאַלשער שונא, און ליב האָט מען אים, און ציען ווערט מען צוגעצויגן צו אים ווי מיט צוואַנגען... און מען קאָן זיך פון אים נישט אָפּרייסן, ווייל מען לעבן אויף אים און אונטערגיין אין אים...

נאָר איין יידישער מנהג איז אין דער משפּחה געבליבן — יום־כּפּור!

ערב יום כפור אינדערפרי האָט מען אויסגעקליבן דעם גרעסטן פיש, און די גאַנצע משפּחה איז געגאַנגען מיטן פיש אין שטאָט אַריין, און אָפּגעגעבן האָט מען דעם פיש דעם קהלשן שוחט, ביי וועלכן מען פלעגט פאַרפאַסטן און עסן נאָכן תענית.

איבערן מעת־לעת פלעגט די משפּחה זיצן אין האָלענדישן מקום־קדוש, צוהערן זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגל שפּילט, ווי דער חזן זאָגט אויף זיין אופן און שטייגער... פאַרשטאַנען א וואָרט האָט מען נישט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרון־קודש, צום פּרעדיקער אין דער גאָלדענער יאַרמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אויפגעהויבן, האָט מען זיך אויך אויפגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יאַרמולקע אַראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריקגעזעצט. טיילמאָל פלעגט סאַטיע פאַר מידקייט איינדרימלען, האָט אים א שכן מיט אַן עלנבויגן צום אויפשטיין געוועקט.

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יום כפור. אז עס איז א יום־הדין, אז א פיש אין וואַסער ציטערט, און וואָס אין הימל טוט זיך, — פון דעם האָט סאַטיע נישט געוווסט. עס איז ביי אים א מנהג געווען, יום כפור צו הערן כאָר און אָרגל א ו מ ג ע ג ע ס ן , און אז נאָך „נעילה" (ער האָט אפילו נישט געוווסט, אז עס הייסט „נעילה") גייט מען צום שוחט אויף וועטשערע... א סך מער האָט דער שוחט אליין אפשר אויך נישט געוווסט — האָלאַנד!

און באַלד נאָכן שוואַרצע קאַפע, פלעגט סאַטיע מיטן ווייב און מיט די קינדערלעך זיך אויפהייבן, געזעגענען זיך מיטן שוחט און זיין הויז־געזינט, און אָפּווינטשעווען זיך, און אוועקגיין און וואַנדערן א גאַנצע נאַכט צום ים. נישט „אהיים" פלעגט מען זאָגן, נאָר — „צום ים".

און אויפהאַלטן לאָזט מען זיך נישט.

— סטייטש, — טענהט דער שוחט מיט דער שוחטקע: — איר האָט דאָך אפילו די שטאָט נישט געזען.

פאַרקרימט זיך סאַטיע:

— די שטאָט!

קיין בעל־דברן איז סאַטיע נישט; דער ים לערנט שווייגן. נאָר די שטאָט האָט ער פיינט. ענג, אָן לופט און אָן הימל. א פאַסיקל צווישן דאַך און דאַך... אויפן ים אָבער — א רחבות... עס אָטעמט זיך...

— עס איז דאָך אייער שונא... אייער טויט! — טענהט מען צו אים.

— אָבער א גוטער טויט!

ער וויל האָבן זיין פאָטערס און זיין זיידנס סוף — איינגעשלונגען ווערן געזונטערהייט פון ים, נישט קרענקען און גוססען א צייט לאנג אויף א בעט... הערן ווי מען וויינט... און דערנאָך באַגראָבן ווערן. אין דער הארטער ערד... בררר!

קאַלט ווערט אים, אז ער דערמאָנט זיך פון אזא קבורה... — — —

און מען גייט צופוס אהיים, צום ים...

און אז מען גייט צופוס איבער נאַכט, און עס הייבט אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פון זאמדיקן ברעג, דערנאָך בליצט אויף דער שפּיגל פון ים, דערפרייט מען זיך, פאטשט מען מיט די הענט...

א חתן מיט א כלה פרייט זיך נישט אזוי...

און אזוי גייט עס פון יאָר צו יאָר...

עס בייט זיך דער פישער, זעלטענער — דער שוחט; מנהג בלייבט מנהג.

און דער מנהג איז א סכום הכולל פון פאסטן, כאָר און אָרגל, אויסגעמישט מיטן גרויסן פיש צו דער וועטשערע נאָך נעילה ביים שוחט, מיטן געזעגענען און אָנווינטשן זיך...

דאָס אלץ צוזאמען איז דער איינציקער פאָדעם, וואָס בינדט־צו סאטיען צום כלל־ישראל...

ויהי היום, איינמאָל פארטאָג, קוים געררייטלט האָט זיך דער מזרח, שטיל וועקט זיך אויף דער ים, קוים ער אָטעמט, קוים עס הערט זיך זיין ברומען, ער ציט זיך פויל און נאָך פארחלומט אויס, און ציט זיך איין... ווו־נישט־ווו פלאָטערט אין דער בלויער לופט א ווייסע פּאָר פליגל, שרייט־אויף אן עוף... און ווייטער שטיל... שטילע גלאַנצן פליען איבערן ים, גאָלדענע פלעקן גליטשען זיך איבערן געלן זאמד, פארמאַכט זענען די שיפער שטיבלעך איבערן ברעג, נאָר איין טיר סקריפּעט, — סאטיע גייט ארויס...

ערב יום כפור איז היינט. פרום און ערנסט איז זיין פנים, שטיל ליכטן אים די אויגן: ער גייט טון א מצווה, כאפן פיש אויף יום כפור!

און ער גייט צום שיפל צו און נעמט אן די קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדן צום בארט. די קייט קלינגט, און קולות דערהערן זיך רעכטס און לינקס:

— ניטע, ניטע!

דאס רופן צו אים די שכנים, וואס האבן ארויסגעשטעקט די קעפ פון די קליינע פענצטערלעך.

רואיק און שטיל ליגט ווייט און ברייט אויסגעגאסן דער ים, צוזאמענגעגאסן מיטן זוים פון פריש־מארגנדיק לאכנדיקן, פריילעכן הימל... קוים ער אטעמט, דער ים, קוים ער רונצלט זיך ביים ברעג, און ווי ביי א גוטער באבען, טאנצן ליכטיק גלאנצנדיקע שמייכלען צווישן די רונצלען... און עפעס מורמלט ער, א באבע־מעשה דערציילט דער ים די צעווארפענע, מיט לאנגע וואסער־פלאנצן, ווי מיט האר באוואקסענע שטיקער פעלדזן, און ער גלעט זיי איבער די האר שמייכלענדיק, שפילנדיק — דער פישער אבער קען בעסער דעם ים, און ער גלייבט אים נישט.

— ניטע...

דער ים וויגט זיך און וועט זיך צעוויגן, און פלאצן זועט דער ליכטיקער שפיגל, און פון שפיל וועט ווערן אן ערנסט, פון שטילן ברומען — געשריי און געפילדער, און פון רונצלען וועלן אויפשטיין וואלן, וואס וועלן שלינגען שיפלעך און שיפן, ווי קליינע פישלעך דער לויתן...

— ניטע...

און א בארוועסער אלטער מאן, מיט א פלאטערדיקן גרויען קאפ אן א היטל, מיט אן איינגעשרומפטן פנים, ווי דער ים, נאר אן זיין פאלשן, זיסן שמייכל, — קומט ארויס פון א שטיבל, גייט צו סאטיען צו און לייגט אים ארויף די האנט אויפן אקסל:

— זע!

און ער ווייזט אים א קליין שווארץ פינטעלע, וואס נאר א פישער־אויג קאן דערזען, אויפן זוים פון הימל.

— פון דעם וואקסט ארויס א וואלקן...

— כ׳וועל פריער צוריק אין דערהיים זיין, — ענטפערט סאטיע:

— איין פיש וויל איך נאר כאפן.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים ביי זיין אַלטן שכן:

— האָסט ווייב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימל! — ענטפערט סאַטיע מיט בטחון: ער גייט זיין מצווה טון.. און ער שטופּט אָפּ דאָס שיפל און שפּרינגט אַריין...

און לייכט ווי אַ פעדער טראָגט זיך סאַטיעס שיפל איבערן ים, און דער ים וויגט עס אַרום, זיס־ברומענדיק, אַזוי ליבלעך, און זוימט עס און וויקלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פאַרמאָגט — און דער אַלטער פישער שטייט אויפן ברעג און מורמלט:

— סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ!

לייכט טראָגט זיך סאַטיעס שיפל איבערן ים, — געשיקט וואַרפט סאַטיע אַראָפּ זיין נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע כוחות ציט ער זי קוים־קוים אַרויס און געפינט אין איר וואַסער־פלאַנצן, ים־שטערן, — נאָר נישט קיין איינציקן פיש...

דער אַלטער פישער אויפן ברעג האָט דאָס שיפל שוין פאַרלוירן פון אויג. סאַטיע ציט שוין צום דריטן מאָל און צום פערטן מאָל אַרויס די נעץ: נישט לייכט איז זי אַרויסצוציען, אַלערליי וואַסער־פלאַנצן האָבן זיך אין אירע אויגן פאַרפלאָכטן — נאָר קיין איינציקער פיש...

און דער ים וויגט און צעוויגט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און אויפן הימל איז שוין אַרויפגעשוועמען די זון, נאָר פייכט איז איר גלאַנץ — אַ פאַרוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פּינטעלע אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן אונטערוויילעכץ אונטער דער זון, ווי אַ ברוינע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקעלער, און רוקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האַלבער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרוווט און פּרוווט דאָס מזל —

— גאָט, טראַכט ער, וויל נישט, איך זאָל דאָס יאָר מקיים זיין די מצווה, מען מוז צוריק! און טרויעריק ווערט אים אויפן האַרצן: ער האָט געמוזט עפּעס זינדיקן קעגן גאָט, וועלכער באַוויליקט נישט היי־יאָר זיין קרבן. און ער נעמט דעם רודער פעסט אין דער האַנט אַריין און וויל שוין אויסדרייען דאָס שיפל צוריק. נאָר אין דער זעלביקער רגע באַקומט ער אַ שפּריץ אין פּנים אַריין, און ער דרייט זיך אויס און דערזעט, ווי אַ גרויסער גאָלדענער פיש וואַרפט זיך, שפּילנדיק, איבערן ים און שפּריצט מיטן וויידל איבערן וואַסער.

ע! דעם פיש מוז ער כאפן, דעם פיש האט אים גאט באשערט, גאט, וואס האט זיין עגמת־נפש געזען, זיין בענקען, מקיים צו זיין די מצוה. — און ער דרייט צוריק אויס, און יאגט נאך דעם פיש...

און דער ים איז שוין צעוויגט, כוואליעס הייבן זיך העכער און העכער... א האלבע זון איז שוין מיט א וואלקן בארעקט, בונטן ווייסע שטראלן רייסן זיך קווער אהער פון אונטערן וואלקן, און דער פיש שווימט איבער די פלייצעס פון די כוואליעס, און סאטיעס שיפל נאך, נאך... און פארשווונדן ווערט פלוצלינג דער פיש, צווישן אים און סאטיעס שיפל הייבט זיך אויף א וואל, אויפגעבלאזן, אויפגעיאגט פון ווינט.

— עס נארט מיך, עס בלענדט מיר די אויגן! — טראכט סאטיע און וויל ווייטער אויסדרייען דאס שיפל און שווימען צוריק. אין דער זעלביקער רגע לייגט זיך אבער די כוואליע, ווי זי וואלט מיטאמאל איינגע־זונקען געווארן; כמעט צום שיפל צו שווימט צו דער פיש און קוקט אויף אים מיט גרויסע אויגן, גלייך ער בעט זיך: נעם מיך, נעם מיך... זיי מקיים מיט מיר די מצווה, זיי מיך מזכה מיט איר...

דרייט סאטיע צוריק אויס, — פארלוירן ווערט דער פיש! א נייע כוואליע שווימט אויף צווישן אים און דעם שיפל, און עס הייבט זיך ווידער אן דער „ירגזון" פון ים! נישט קיין ליבלעך לידל זינגט ער, דער ים. ער כעסט זיך: א העזה, אצינד אויף אים צו שווימען! אויף זיינע בוואליעס צו טרעטן! און גלייך ווי זי וואלט זיך פארן ים דערשראקן, באַ־האלט זיך אונטערן וואלקן די זון... אויף דעם, זעט אויס, האט נאר גע־זווארט דער ווינט — ער איז באפרייט געווארן, און צעיאגט זיך מיט אן אויסגעלאסענעם צארן, און ער שמייסט, און פאטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאך מער אויף דעם ים, און דער ים ברויזט און קנאקט, גלייך טויזנ־ער באסן שפילן אין זיינע געדערעם, קעסל־פויקן — אין זיינע כוואליעס.

— אהיים, אהיים! — קלאפט ביי סאטיען דאס הארץ, און ער נעמט צוזאמען די נעצן אין שיפל אריין, און כאפט שטארקער אן דעם רו־דער, און ארבעט מיט אלע קרעפטן. די אדערן אין דער האנט ווילן פלאצן. זוי א הוילע נוס ווארפט זיך דאס שיפל אויף און אפ איבער די כוואליעס, פארשווארצט איז דער הימל, ברוין־צארנדיק דער צעבראכענער ים — און ער ארבעט אלץ — אהיים, אהיים...

פלוצלינג דערזעט ער, עפעס שווימט צו אים צו פון דער זייט —

א מענטשלעכער קערפּער שווימט, אַ דערטרונקענער — א פרוי איז עס — פאַר איר שווימען די האָר, שווארצע האָר — זיין ווייב האָט אזוינע האָר... פון אונטער די האָר באַווייזן זיך ווייסע הענט — זיין ווייב האָט אזוינע הענט... און א קול רופט: ראטעווע! — זיין ווייבס קול... די מוטער פון זיינע קינדער... זי האָט אים געמוזט נאָכשווימען אויפן צווייטן שיפל. זי טרענקט, זי רופט נאָך זיין הילף...

און ער דרייט דאָס שיפל אוים רעכטס און וויל צו צום קערפּער, — דער ים לאָזט נישט! כוואַליעס הייבן זיך אין דער מיט, דער שטורעם רייסט און וואָיעט — נאָר אין דעם שטורעם הערט ער איר קול: העלף! העלף, סאַטיע, העלף!...

און ער שטרענגט אָן די לעצטע קרעפטן צוצושווימען, און אָט איז ער שוין נישט ווייט פון ווייסן פלעק; די האָר זעט ער שוין נישט, נאָר דאָס שווימענדיקע, זינקענדיקע קלייד... מיטן רודער צו דערלאַנגען... נאָר אינדערמיט, צווישן אים און זיין ווייב, הייבט זיך אויף א וואַל, שטויסט זי אָפּ אין איין זייט, דאָס שיפל — אין דער צווייטער — — —

— א פאַרבלענדעניש! — טראַכט ער, זיך דערמאָנענדיק, אז דאָס זעלביקע האָט ער געהאַט מיטן גאָלדענעם פיש; און נישט ווילנדיק וואַרפט ער איין אויג צום ברעג, זעט ער, ווי עס לייכט זיך שוין אין די פישער־הייזלעך די פענצטער!

— יום־כפּור! — דערמאָנט ער זיך, און לאָזט פּלוצלינג ארוים דעם רודער פון דער האַנט.

— טו מיט מיר, — שרייט ער צום הימל ארויף, — וואָס דו ווילסט, יום־כפּור רודער איך נישט!...

און דער ווינט רייסט, אין כּף־הקלע וואַרפן די כוואַליעס דאָס שיפל; און סאַטיע, ווי ער האָט ארויסגעלאָזט דעם רודער פון דער האַנט, אזוי זיצט ער רואיק, און קוקט מיט אָפענע אויגן אמאָל צום פאַרשלאָסענעם הימל ארויף, אמאָל צום קאָכעדיק־שווימענדיקן ים אראָפּ.

— טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דיין רצון געשען...

פּלוצלינג דערמאָנט ער זיך א ניגון פון כאָר, אונטערגעהאַלטן פון אָרגל, און ער הייבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די דאָזיקע שטומע נשמה האָט נאָר דאָס איינציקע לשון צו רעדן מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער. די כוואַליעס הייבן זיך

העכער און העכער, שארפער נאָך בלאָזט דער ווינט... דאָס שיפל ווארפט זיך בארג־אויף, בארג־אָפּ, איין כוואליעווארפט עס צו דער צווייטער... איינע רייסט אים ארויס און שליידערט אים אוועק דעם רודער, א צווייטע קומט אָן פון הינטן און יאָגט זיך נאָכן שיפל מיט אן אָפן מויל... דער ווינט רייסט ווי טויזנטער וועלף — און אין דעם גערודער אריין זינגט סאטיע דעם ניגון פון „מי ינוח ומי ינוע”... ווי דער כאָר, אונטערגעהאל־טן פון אָרגל...

די כוואליע שלאָגט אין שיפל אריין. סאטיע וויל שטארבן זינגענ־דיק, נאָר דאָס שיפל קערט זיך איבער... אָבער סאטיען איז נאָך דער טויט נישט באשערט...

צוויי ווייסע געשטאלטן, ווי פון נעפל געוועבטע, גייען, האלטנדיק זיך ביי די הענט, בארוועס. מיט צעפלאָסענע האָר און לייכטנדיקע אויגן, איבערן ים, און ווי סאטיע דרייט זיך איבער מיטן שיפל, קומען זיי צו, הויבן אים אויף, נעמען אים צווישן זיך, און גייען מיט אים אונטער די אָרעמס, און טרעטן מיט אים איבער די כוואליעס, ווי איבער בייטן און בערגלעך, און פירן אים אזוי געאָרעמט צווישן ווינט און געטומל. ער קוקט און וויל רעדן, עפּעס פרעגן וויל ער — נאָר זיי זאָגן אים:

— זינג בעסער, סאטיע, זינג! דיין געזאנג וועט גובר זיין דעם צאָרן פון ים...

זיי גייען מיט אים און סאטיע הערט, ווי דאָס שיפל זיינס גייט אים נאָך... ער דרייט זיך אום — דאָס שיפל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פארוויקלט דער גאָלדענער פיש...

און אז זיי האָבן אים צוגעפירט צום ברעג און געלאָזט אים אהיים, האָט ער געטראָפן ביי זיך דעם שוחט מיט דער שוחטקע...

אין שטאָט איז א שרפה געווען, זענען זיי געקומען צו אים צו גאסט...

האָט מען געקוילעט דעם פיש, און — מנהג איז געבליבן מנהג...

דער קונצן־מאַכער

אין אַ וואָלינער שטעטל אריין איז אמאָל געקומען אַ קונצן־מאכער.

און כאָטש עס איז געווען דער פאַרדאַגהטער פאַר־פּסח־צייט, ווען אַ ייד האָט מער זאָרג, ווי האָר אויפן קאָפּ, האָט דאָך זיין אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט: אַ רעטעניש פון אַ מענטש! קרוע־בלוא, מיט אַ צילינדער, אַפילו אַ צעקנייטשטן, אויפן קאָפּ, אַ יידיש פּנים — דער צלם־אלקים פליט אים איבער דער נאָז, און — אַ געגאָלטע באָרד! און קיין פּאַספּאָרט האָט ער נישט געהאַט, און עסן האָט'ן קיינער נישט געזען, נישט קיין כשרס, נישט קיין טרפהס. גיי וויים, וואָס ער איז! מען פרעגט'ן: פון וואַנען? זאָגט ער: „פון פּאַריז"; וואוהין? — „קיין לאָנדאָן"; ווי קומט איר אהער? זאָגט ער: „פאַרבלאָנדזשעט!" אַ פּנים, צופוס געגאַנגען! און ווייזט זיך ביי קיין מנין נישט, אפילו שבת הגדול נישט! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען ארום אים אַ רעדל, ווערט ער פלוצים נעלם, גלייך די ערד וואָלט'ן איינגעשלונגען, און שווימט אַרויס אויף יענער זייט מאַרק.

דערווייל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! בפני קהל ועדה האָט ער געשלונגען ברענענדיקע קוילן, ווי פאַרפל, און פון מויל ארויסגעצויגן, האָט ער אלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט, און לאַנגע — ווי'ס גלות. פון אַ כאָליווע פון שטיוול וואַרפט ער ארויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צעלויפן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אויף אַ פוס און קראַצט אָפּ פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ", גיט ער אַ פייף, לויפן זיך אין דער לופטן צוזאַמען חלות און קוילטשן, — ווי די פייגל, און הייבן אָן טאַנצן אַ ראָד, צי אַ

ברוגז־טאנץ אונטער דער סטעליע, און גיט ער דעם צווייטן פייף, ווערט דאָס אַלץ כהרף עין פארשוואונדן! כלא היה! אוים קווליטשן, אוים בענ־דער, אוים אינדיקעס — גאָרנישט!

מילא, ווייסט מען דאָך, אז „יענער צד" קאָן אויך עפּעס באַווייזן, די חרטומים פון מצרים האָבן מן הסתם ג ר ע ס ע ר ע קונצן באַוויזן, איז אָבער די שאלה: פאַרוואָס איז ער אליין אזא גרויסער קבצן? א מענטש שאַרט רענדלעך פון פּאָדעשווע, און האָט נישט מיט וואָס צו באַ־צאָלן פאַר דער אכסניה. מיט א פייף באַקט ער אָן מער קווליטשן און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער ארויס פון כאַליווע, און א פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגנס, אז שענערע ליגט מען אין דער ערד אריין, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי א פלאַקער! ווערטלט מען זיך: די פינפטע קשיא צו „מה נשתנה!"...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתנה", וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצן־מאַכער, און איבערגיין צו חיים־יונהן און זיין ווייב רבקה־ביילע. חיים־יונה איז אַמאָל א וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפט א וואַלד אין „גלייכן געלט", האָט מען דעם וואַלד פאַרמאַכט, איז ער ארויס „אין איין העמד". איז ער געוואָרן „וואַלד־שרייבער", האָט ער די שטעל פאַרלוירן; זיצט ער שוין א שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. א ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט; נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פאַרזעצט איז שוין פון די ענגעל־לייכטער ביזן לעצטן קישן. זאָגט רבקה־ביילע: גיי אריבער צו קהל און נעם מעות חיטים. זאָגט חיים־יונה, אז ער האָט בטחון, אז גאָט וועט העלפן, און דאָס פּנים פאַרשוואַרצן וועט ער זיך נישט. גייט רבקה־ביילע און זוכט נאָכאַמאָל אין אלע ווינ־קעלעך, און געפינט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפל — ממש א נס מן השמים, יאָרן זייט דער לעפל איז פאַרלוירן געגאַנגען! גייט חיים־יונה, נעמט דעם לעפל, פאַרקויפט'ן, און טראָגט אריין די פּאָר גראָשן אויף מעות חטין פאַר אָרעמע לייט. אָרעמע לייט, זאָגט ער, זענען בילכער. די צייט דערווייל רוקט זיך. שוין אינגאַנצן נישט מער ווי א פּאָר וואָכן צו פּסח, — ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פאַרלאָזט נישט! מילא, רבקה־ביילע שווייגט; אַן אשה מוז פאָלגן א מאַן. עס גייט אָבער אוועק נאָך א טאָג, נאָך א טאָג, רבקה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פּנים אין שעניק אריין און ווײנט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט

הערן, און אויף פּסח איז קיין צייכן נישטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — ביינאַכט ווײנט זיך א מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, בײטאָג אָבער מוז מען קנײפּן די באַקן, די פאַרב זאָל שטײן! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפּן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרעגן: ווען באַקט איר מצות? ווי האַלט איר מיט בוראַקעס? די נענטערע זאָגן:

— סטייטש, וואָס טוט זיך מיט אײַך, רבקה־ביילע?! פעלט אײַך, וועלן מיר אײַך באָרגן, וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין „מתנת בשר ודם", און רבקה־ביילע וועט קענגן איר מאַן נישט גײן — זוכט זי זיך אויס תירוצים פון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פלאַמט און פלאַמט...

זעען די שכנים, אַז עס איז נישט, ווי עס דאַרף צו זײַן, נעמען זיי און לויפן צום רב — סטייטש? דער רב, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אָפּ און פאַרקלערט זיך, און סוף כּל סוף ענטפערט ער, אַז חיים־יונה איז א בן־תורה און א ירא־שמים, און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!...

רבקה־ביילע איז אפילו אָן בענטש־ליכט געבליבן...

און שוין — פּסח!

חיים־יונה גייט פון בית־המדרש אהיים, זעט ער, אַז אַלע פענצטער אין מאַרק שײַנען אַרויס מיט שמחת־יום־טוב, און נאָר זײַן דירה שטייט, ווי אַן אָבל צווישן מחותנים, ווי א בלינדע צווישן זעענדיקע. ער פאַלט אָבער ביי זיך נישט אָפּ: „אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער. ער גייט אַרײַן און זאָגט פרײלעך: „גוט יום־טוב", און איז נאָך אַמאָל מטעים: „גוט יום־טוב דיר, רבקה־ביילע!" און רבקה־ביילעס קול ענטפערט אים, אָנגעזאַפּט מיט טרערן, פון א פינצטער ווינקל אַרויס: „גוט יום־טוב, גוט יאָר!" און אירע אויגן ברענען אַרויס פון פינצטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן. גייט ער צו איר צו און זאָגט איר: „רבקה־ביילע, — זאָגט ער, — היינט איז יום־טוב, יציאת מצרים, פאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן? אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלן האָבן א ו נ ד ז ע ר פּסח, מוז מען אָננעמען פאַר ליב און זײַן ביי א פרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפן... יידן זאָגן: „כל דכפין ייתי וייכול", דאָס איז

טייטש: ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַריינקומען עסן. קום, נעם אויף דיר די שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן בעסטן ייד"...

און רבקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם רצון פון איר מאַן, האַלט איין מיט אַלע כוחות דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענע שאַל און וויל שוין גיין, — אין דער זעל־ביקער רגע עפנט זיך אָבער די טיר, און עמעצ קומט אַריין און זאָגט:

— גוט יום־טוב!

ענטפערן זיי: גוט יאָר, נישט זעענדיק, ווער עס איז צו זיי אַריינ־געקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַריינגעקומען: איך וויל זיין אייער גאַסט צום סדר!

ענטפערט חיים־יונה: מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט...

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך!

— אין דער פינצטער? — האַלט זיך שוין רבקה־ביילע נישט איין און שלאָכצט.

— חלילה! — ענטפערט דער אורח — עס וועט זיין ליכט. און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווייזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע סטעארין־ליכט, אינמיטן שטוב, אין דער לופטן; עס ווערט ליכטיק. חיים־יונה און רבקה־ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצן־מאַכער, און זיי גאַפן און קאָנען פאַר וווּנדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענט און שטייען מיט אויפגעריסענע אויגן און אָפענע מיילער. דער קונצן־מאַכער ווענדט זיך דערווייל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים: „נו, בחורל, באַדעק זיך און קום אַהער!" און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון סטעליע אויפן טיש אַראָפּ אַ שניי־ווייס טישטעך און באַדעקט אים און דער באַדעקטער טיש הייבט זיך אָן רירן, און גייט און קומט אינמיטן שטוב אַריין, און פאַרהאַלט זיך פּונקט אונטער די ליכט, און די זיל־בערנע לייכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַנידער אויפן טיש. „אַצינד — זאָגט דער קונצן־מאַכער — פעלן נאָך הס'בעטן, — זאָלן זיין הס־בעטן!" גייען דריי בענקלעך, פון דריי עקן פון שטוב, און גייען צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זיינע דריי זייטן. הייסט ער, דער

קונצן־מאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן, ציען זיי זיך אוים אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פאַטער־שטולן. רופט ער אוים: „ווייכער!" — באַ־דעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט, און תוך כדי דבור פאַלן אויף זיי פון סטעליע אראָפּ ווייסע, שניי־ווייסע קישן, און לייגן זיך, אויפן קונצן־מאַ־כערס געבאָט, אויף די פאָטער־שטולן און — עס ווערן הס׳בעטן! אויף זיין געבאָט באַווייזט זיך אויך א קערה מיט מינים און שטעלט זיך אויפן טיש, עס באַווייזן זיך אויך רויטע כוסות מיט פלעשער וויין, און מצות, און אלץ, וואָס מען דאַרף צו א כשרן און פריילעכן סדר, אפילו „הנדות" מיט א גאָלדענעם שניט.

— און וואסער צו וואשן האָט איר? — פרעגט דער קונצן־מאַכער — איך קאָן ברענגען וואסער אויך!

דעמאָלט האָבן זיי זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון גאַפן. און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונהן אויפן אויער: מעג מען? וואָס? און חיים־יונה ווייסט איר נישט, וואָס צו ענטפערן. ראָט זי אים: גיי, מיין מאַן, און פרעג דעם רב. ענטפערט ער, אז ער קאָן זי מיט דעם קונצן־מאַכער אליין נישט איבערלאָזן. וויל ער, ז י זאָל גיין. זאָגט זי, אז א נאַרישע יידענע וועט דער רב נישט גלויבן, ער וועט מיינען, אז זי איז פון זינען אראָפּ. גייען זיי ביידע צום רב און לאָזן איבער דעם קונצן־מאַכער מיטן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כישוף, האָט קיין ממשות נישט, וואָרום כישוף איז נאָר א פאַרבלענדעניש פאַר די אויגן. הייסט ער זיי אהיימגיין, און אויב די מצה וועט זיך לאָזן אָפּברעכן, דער וויין — גיסן אין די כוסות אריין, און די קישן פון הס׳בעט — אָנטאַפּן, וכדומה, איז גוט... איז עס מן השמים, מעגן זיי געניסן.

אזוי האָט דער רב געפּסקנט. גייען זיי מיט הארץ־קלאַפּעניש אהיים. קומען זיי אריין, איז דער קונצן־מאַכער שוין נישטאָ, און דער „סדר" שטייט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישן לאָזן זיך אָנרירן, דער וויין גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז גע־ווען אליהו הנביא, און האָבן געהאַט א פריילעכן יום־טוב!

ס׳אי׳ גוט

— איר פרעגט, אין וואָס פאַר אַ זכות איך בין אַ ייד געבליבן?

נאָר אין מ י י ן ז כ ו ת , נישט אין זכות פון מיינע אבות. איך בין אַ זעקס־יעריק לערן־ייִנגל געווען; מיין טאַטע — אַ ישובניק הינטער־ווילנע, אַזוי — אַ באַלעבאַטישער מענטש.

אַז איך בין אַ ייד געבליבן — האָב איך עס דעם שפּאָלער זיידן צו פאַרדאַנקען.

ווי איך קום צום שפּאָלער זיידן? — פרעגט איר.

דער שפּאָלער זיידע איז נאָך דעמאָלט קיין שפּאָלער זיידע נישט געווען. אַ יונגער מאַן איז ער געווען, געליטן האָט ער דעמאָלט גלות. אַרומגעגאַנגען איז ער אַ צייט מיט די קבצנים פון קהילה צו קהילה, פון אורחים־הויז צו אורחים־הויז — אַ קבצן, ווי אַלע קבצנים. קרוע־בלוא ווי אַלע. וואָס אינעווייניק, אין האַרץ, האָט געשטעקט — גיי ווייס!

און נאָכן אָפּליידן גלות, איז נאָך אויך די צייט נישט געקומען נתגלה צו ווערן. שטעלט ער זיך פאַרן בית־דין־צדק אין ווילנע, נעמט אַרויס אַ היתר־שחיטה און ווערט שוחט אויפן דאָרף. ער גייט שוין נישט אַרום אויף דער וועלט, און האַלט זיך אין דער ווילנער סביבה. מתנגדים האָבן אָבער אַ חוש־הריח, האָבן זיי עפּעס דערפילט. הייבן זיי אים אָן צו רודפן, בלבולים צו מאַכן. מסרט מען אים פאַרן בית־דין־צדק, ווייס איך?
— אַז ער איז עובר אויף כל התורה כולה! וואָס מתנגדים קאָנען!

ווי געזאָגט, בין איך דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעקס. ער פלעגט צו אונדז אַריינקומען שעכטן אַ דקה, אָדער אַזוי איבערנעכטיקן, און איך האָב אים זייער ליב געהאַט. ווּעמען דען האָב איך געזאָלט, אַ חוץ טאַטע־מאַמע, ליב האָבן? אַ מלמד האָב איך געהאַט אַ קפּדן, ממש אַ הורג נפשות; און דאָס אָבער איז געווען אַ גוטע, האַרציקע נשמה, מיטן קוק האָט ער מחיה נפשות געווען! די בלבולים האָבן זייערס געטון — מען האָט׳ן מעביר געווען פון שחיטה. מיין מלמד האָט געמוזט דערינגען אַ חלק

האָבן, וואָרום ער האָט באַלד א ידיעה באַקומען דערפון, און ווי דער שוחט איז געקומען, האָט ער א געשריי געטאָן: „עוכר ישראל! משומד!" און אָנגעכאַפּט אים ביים פּאָדקאָלנער און ארויסגעוואָרפן פון שטוב. עס האָט מיר א שניט געטון ביים הארץ, ווי א מעסער. פאַרן מלמד האָב איך אָבער געציטערט אימת־מות, און ערשט שפּעטער, אז ער האָט זיך פאַר־קוקט, האָב איך מיך ארויסגעכאַפּט פון שטוב און אָנגעהויבן נאָכלויפן דעם שוחט איבערן טראַקט, וואָס האָט זיך, נישט ווייט פון שטוב, אריינ־געלאָזט אין א וואַלד, וואָס האָט זיך שוין געצויגן ביז ווילנע. וואָס איך האָב געוואָלט דערמיט פּועל־יוצא זיין, ווייס איך נישט, נאָר עס האָט מיך עפּעס געטריבן צום אָרעמען שוחטל. איך האָב מיך געוואָלט מיט אים כאָטש געזעגענען, כאָטש נאָך איינמאָל אריינקוקן אים אין די גוט־הארציקע אויגן אריין...

אָבער איך לויף און לויף, און האַק מיר אָפּ די פיס אָן די שטיינער פון וועג, און זע קיינעם נישט פאַר די אויגן. נעם איך מיך רעכטס, אראָפּ אין וואַלד אריין, און קלער, מיך אביסל אָפּצורוען אויף דער ווייַ־כער וואַלד־ערד. איך וויל מיך שוין זעצן, הער איך א קול, דאַכט זיך, זיין קול, פון מיטן וואַלד ארויס, — א האַלב זינגענדיק קול. גיי איך שטיי־לערהייט נאָך דעם קול. דערזע איך אים פון ווייטן, ווי ער שטייט און שאָקלט זיך אונטער א בוים. איך הער מיך צו — ער זאָגט שיר־השירים! איך קוק מיך בעסער צו, איך זע, אז דער בוים, אונטער וועלכן ער זאָגט שיר־השירים, איז אנדערש ווי אַלעביימער. אַלעביימער שטייען נאָך נאַ־קעט און בלויז, און דער גרינט זיך, און בליט, און שיינט ווי די זון, און שטעקט אויס די בליענדיקע צווייגן איבערן שוחטס קאָפּ, ווי א סכך. און מחנות פייגל טאַנצן ארום צווישן די צווייגן, און זינגען מיט „שיר השי־רים"! איך ווער נבהל ונשתומם, און שטיי מיט אויפגעריסענע מויל און אויגן, און שטיי!

ענדיקט ער זיין שיר־השירים, ווערט אויסגעלאָשן דער בוים, ווערן נעלם די פייגעלעך, און ער דרייט זיך אוים צו מיר און זאָגט מיר מיט ליבשאַפט:

— הער, יידעלע, („יודל" הייס איך), איך האָב צו דיר א בקשה.

— אדרבה, — ענטפער איך מיט פרייד, און טראַכט מיר, ער

וועט אוודאי וועלן, איך זאָל אים ארויסברענגען עסן, און בין שוין בדעה צו לויפן און בדיל־הדל שטעלן דער מאַמעס שבת. ער זאָגט אָבער:

— הער, וואָס דו האָסט געזען, זאָל בלייבן ביי דיר!

די נשמה ווערט ביי מיר אויסגלאָשן, און איך זאָג צו ערנסט און געטריי, אז איך וועל שווייגן.

— הער נאָר עפּעס, יידעלע, דו וועסט גיין — זאָגט ער — אין א ווייטן, זייער א ווייטן וועג און לאַנגן וועג.

וווּנדער איך מיך: ווי קום איך צו א ווייטן, לאַנגן וועג? און ער זאָגט ווייטער:

— דיין רבינס תורה וועט מען דיר ארויסשלאָגן פון קאָפּ, וועסט טאטע־מאמע פארגעסן, — זע אָבער, בלייב ביי דיין נאָמען! דו הייסט „יידעלע", בלייב א ייד!

דערשרעק איך מיך, נאָר פון הארץ שרייט פון מיר ארויס:

— זיכער! כ'זאָל אזוי לעבן!

און מיר ליגט נאָך מיינס אין זינען!

— אָבער, — זאָג איך, — עסן ווילט איר?

נאָר איידער איך האָב עס ארויסגעזאָגט, איז ער מיר נעלם געוואָרן.

און אויף דער צווייטער וואָך איז מען אונדז באַפאַלן, און מען האָט מיך אוועקגעפירט, אלס קאַנטאָניסט...

און עס איז אוועקגעגאַנגען א צייט, און איך האָב טאקע אלץ פארגעסן... מען האָט מיר אלץ פון קאָפּ ארויסגעשלאָגן.

אין טיף רוסלאַנד האָב איך געדינט, צווישן שנייען און מוראדיקע פרעסט, קיין ייד פאר די אויגן נישט געזען... אפשר האָבן דאָרט באַהאַלטענע יידן געוווינט, נאָר איך האָב פון זיי נישט געוווּסט. פון שבת און יום־טוב נישט געוווּסט, פון קיין תענית נישט, איך האָב אלץ פארגעסן...

נאָר דאָס רענדל אויסגעטוישט האָב איך נ י ש ט !

וואָס מער איך האָב פארגעסן, מער יצר־הרע האָב איך געהאַט פּטור צו ווערן די פּיין, די יסורים — אַן עק! אָבער ווען עס איז מיר געקומען דער שלעכטער געדאַנק אויפן קאָפּ, האָט ער זיך באוויזן באַשיינפּערלעך, און איך האָב באַשיינפּערלעך געהערט זיין קול: „בלייב ביי דיין נאָמען, זיי אַ ייד!"

און אז עס איז קיין וויסטער חלום נישט געווען, האָב איך גע־ווּסט אויף זיכער... איך האָב'ן וואָס אמאָל עלטער און עלטער געזען... די באָרד און פאות — וואָס אמאָל ווייסער, דאָס פּנים — בלאַסער... נאָר די אויגן זענען געבליבן די אייגענע, די זעלביקע גוטהאַרציקע אויגן, און דאָס קול דאָס אייגענע, גלייך אַ פידעלע שפּילט...

איינמאָל האָט מען מיך געשמיסן, איז ער געשטאַנען נעבן מיר און האָט מיר געווישט דעם קאַלטן שוויס פון שטערן, און איבערן פּנים געגלעט, און שטילערהייט געזאָגט: „שריי נישט, כדאי צו ליידן, בלייב אַ ייד!" און איך האָב אויסגעהאַלטן אָן אַ געשריי, אָן אַ זיפץ, גלייך מען שלאָגט נישט מיך...

איינמאָל, שוין דאָס לעצטע יאָר, האָב איך געדאַרפט אַרויסגיין אַלס טשאַסאָוואָי צום צעכהויז הינטער דער שטאָט. עס איז געווען פאַרנאַכט, און עס האָט זיך געטראָגן אַ זאַווערוכע פון שניי. דער ווינט האָט אויפגע־הויבן גאַנצע ברילעס שניי און האָט זיי צעריבן אויף נאָדלען, צע־שטויבט אויף שטויב, און דער שנייאיקער שטויב מיט די שנייאיקע נאָד־לען האָבן זיך אַרומגעיאָגט אין דער לופט, געפּאַטשט אין פּנים אַריין, געשטאָכן... קיין אויג אָפן צו האַלטן! קיין אָטעם צו כאַפּן! פּלוצלינג דערהער איך, מענטשן גייען נישט ווייט פאַרביי, און עמעץ זאָגט אויף יידיש: היינט איז די ערשטע נאַכט סדר! צי איז'ס אַ בת־קול געווען, צי זענען ווירקלעך מענטשן פאַרבייגעגאַנגען, — ווייס איך נישט עד־היום... נאָר די ווערטער פאַלן מיר, ווי אַ בליי אויפן האַרץ. און קוים איך בין צו־געקומען צום צעכהויז און האָב אָנגעהויבן אויף און אָפּ צו גיין, באַ־פאַלט מיך אַ מין בענקעניש, אַ מין האַרץ־ווייטיק, אַז עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן. עס ווילט זיך מיר דווקא „הגדה" זאָגן, און — איך זאָל עס געדענקען אַ וואָרט! איך פיל, אַז ערגעץ טיף, טיף ביי מיר אין האַרץ ליגט זי, די הגדה, כ'האָב זי אמאָל אויסנווייניק געקאָנט; איך פיל, אַז ווען איך זאָל מיך נאָר איין וואָרט, איין איינציק וואָרט דערמאָנען, וואָלט שוין די רעשט זיך אויך באַוויזן און אַרויסגעצויגן פון מיר, ווי אַ שנור פאַר־שלאָפענע פייגל פון אונטערן שניי. איך קאָן מיך אָבער דאָס ערשטע וואָרט בשום אופן נישט דערמאָנען! „רבונו של עולם! — האָב איך אויסגעשר־ריגן מיט האַרץ: — איין וואָרט, כאָטש איין וואָרט!" און אויסגעשריגן, אַ פּנים, האָב איך אין אַ גוטער שעה. איך האָב מיך דערמאָנט: „עבדים

היינו״, — גליַיך מען האָט עס מיר פון הימל אַראָפּגעוואָרפן. ווער איך פול און פול מיט פריַיד, איך פיל, אַז איך בין איבערפולט מיט פריַיד, אַז זי גיסט זיך פון מיר אַרויס, די פריַיד, אַז זי שטראַלט מיר אַרויס פון דער נשמה, און איך גיי אויף און אָפּ מיט דער ביקס אויף די אַקסל, און זאָג, און זינג אַרויס דער וויַיס־פאַרשנייטער, פאַרחלומטער וועלט די הגדה... און זי האָט זיך פון מיר אַרויסגעצויגן, די הגדה, געצויגן און געצויגן, ווי אַ גאָלדענע שנור, ווי אַ שנור פון פּערל — אַך! דאָס קאָנט איר גאָרנישט פאַרשטיין, דאָס קאָנט איר גאָרנישט משיג זיַין... מען דאַרף אייך פריִער אַהין שיקן!

און דער ווינט האָט זיך דערוויַיל געלייגט, די זאַווערוכע האָט אויפגעהערט, און עס באַוויַיזט זיך אַ קלאָרער, פינקלדיקער הימל, אַ וויַיסע, מיט בריליאַנטן אויסגעשטראַלטע וועלט... שטיל איז אַרום און אַרום, און וויַיס, אָן אַ שיעור וויַיט, און אָן אַ שיעור וויַיס... אַ שטילע, רואיקע, זיסע, וויַיטע וויַיסקייט...

און איבער דער שטילער, וויַיטער וויַיסקייט באַוויַיזט זיך פּלוצלינג נאָך עפּעס וויַיסערס, נאָך עפּעס העלערס, שטראַלנדיקערס, און עס גייט, און עס קומט פון וויַיטן... אין קיטל און טלית געקליידט... דער טלית אויף די אַקסל, איבערן טלית, פון פּאָרנט, אַ ציטערדיקע, וויַיסע, זילבערנע באָרד, העכער — צוויי שטראַלנדיקע אויגן, איבער זיי אַ ברענענדיקע קרוין — אַ קאַפּל מיט זילבערנע און גאָלדענע שפּאַניעס, און עס קומט צו נענטער און נענטער... און עס גייט פאַר מיר פאַרביַי, און אַז עס גליַיכט זיך אויס מיט מיר, זאָגט עס:

— ס'אי'גוט!

ווי אַ פידעלע האָט עס אויסגעשפּילט, און עס ווערט פאַרשוווּנדן... נאָר די אייגענע אויגן, דאָס אייגענע קול...

צוריק־צו־וועגס בין איך געגאַנגען איבער שפּאַלע, גיי איך אַריַין צום „אַלטן״...

איך האָב א י ם דערקענט, ער האָט מ י ך דערקענט...

דער הינטישער סדר

צום בעל־שם פלעגט פֿאַרן אַן אויפגעקומענער עושר, איז׳ן טאַקע נישט געווען אויסצוהאַלטן. איך וועל׳ן אפילו אָנרופֿן ביים נאָמען, און זאָל ער מיך ווערגן! יאָקל קאָנסקיוואָליער האָט ער געהייסן. דער בעל־שם אליין איז דאָך געווען בטבע אַ דימענט, פלעגט ער אויך, ביי זיין אריינקומען, איינקנייטשן דעם שטערן. דער עולם איז פון דער הויט געשפרונגען. ראשית, איז עס נישט געווען קיין ערנסטע זאַך. אַן אויפגעקומענער עושר, מיט אַ קופה של שרצים, מן הסתם, אויף די פלייצעס, האָט ער זיך אמאָל צעקריגט מיט קהל־און־רב ביי׳ן אַ קלפי וועגן כבוד, איז ער, זיי להכעים, געלאָפן צום בעל־שם. אַ פראָסטער בשר ודם וואָלט אין אַזאַ מתנגדיש שטעטל, נישט אונטערגעשטאַנען אַזוינס צו טון, מען וואָלט׳ן געדורסט, עוקר מן השורש געווען! האָט ער דאָך אָבער די קלינגערס, איז ער אַ גבר אלים, טוט ער להכעים. שנית, איז עס געווען אַ גראָבע זאַך, אַ גשמיות, שאין לשער, און דערצו — אַ בעל־העזה מיט אַ באַרימער צוזאַמען, ווי אַלע אויפגעקומענע עשירים. שטעלט מען זיך דאַווענען, רייסט ער זיך צום עמוד; עברי קאָן ער! וויל מען בענטשן, — כאַפּט ער אויס די ברכה. אינמיטן, מען רעדט וועגן אַן עניין, פאַלט ער אריין: „האָב איך, רבותים, געקויפט אַ פערדל!״ און גיט אַ סמאָטשקע מיט די ליפּן, אַז עס הילכט. איינמאָל האָט ער מבלבל געווען דעם גאַנצן טיש וועגן אַ בייטש מיט אַ גאָלדענער סקופקע, וואָס ער האָט באַקומען פון כראַביע פּאָטאָצקים אַ לאָקיי!... צו די אַלע מעלות טובות איז ער נאָך געווען אַ קמצן שבקמצנים! אויף באַרימעניש נעמט ער אַלע ווייַלע אַרויס אַ גאָלדן טאַבאַק־שקעטעלע, „ויאכלו״ — און מאַכט שמעקן! צו דער נאָז נעמט ער נישט; חלילה, אַ שאָד דער טאַבאַק! און שטעקט עמעץ פון אַ זייט אַריין אַ פינגער, פאַרמאַכט ער דאָס שקעטעלע מיט אַ שטיק פרעמדן פינגער. עס איז גאָרנישט אויסצודערציילן פון זיין קמצנות...

איינמאָל קומט ער חול־המועד־פּסח; בלייבט אויף שבת חול המועד, און זיצט ביים טיש. דער בעל־שם לאָזט אים נישט מבייש זיין — זיצט ער. רעדט דער בעל־שם וועגן א הויכן ענין, ווי אזוי די תפילות קומען ארויף צום כסא־הכבוד, און זאָגט, אז נישט אלע תפילות קומען ארויף אין איין צייט, אז אמאָל איז א בר־נש מתפּלל שפּעטער, און זיין תפילה קומט אָן פריער! עס ווענדט זיך דערינען, ווי ריין די תפילה איז! די תפילה האָט ער פאַרטייטשט, איז א גוף מיט א נשמה. די ווערטער זענען דער גוף, די כוונה — די נשמה, וואָס מער כוונה, מער רוחניות, אלץ געשווינ־דער קומט די תפילה ארויף, אלץ מער איז זי מתמר ועולה, ווי דער רויך פון מזבח... איז אָבער די תפילה מיט ווייניק כוונה, קאָן זי נישט גלייך ארויף, שלעפּט זי זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אין רחבות, כאַפּט זי אויף א ווינט אויפן וועג, צי א כמארע, פאַרטראָגט זי אין א זייט און ווארפט זי אין כף־הקלע... טיילמאָל גיסט זיך א תפילה, וואָס האָט זיך פאַרטשעפּעט אין א וואָלקן, מיט רעגן אראָפּ... אויף ימים ומדבריות... קומען קומט זי דאָך אמאָל ארויף: די אותיות־הקודש אליין הייבן זיך אין דער הייך. יעדע זאך ציט זיך צו איר שורש... און סוף כל סוף קומט אמאָל די צייט, דער אוויר ווערט ריין, עס הערן אויף די מניעות פון וואָלקן און ווינטן, הייבן זיך אויף די אותיות פון דער תפילה ארויף; און פאַלן אותיותווייז פאַרן כסא־הכבוד... פריער צי שפּעטער — אַבי זי קומט! און שטענדיק קומען דעריבער תפילות! און דאָס איז דער סוד פון „כי הנה לא ינום ולא יישן״, — שטענדיק פאַלן תפילות פאַרן כסא הכבוד! מתנגדים האָבן אָפּגעדאַוונט, דאַוונען חסידים... דערנאָך קומען פאַרשפּעטיקטע... און טאָג און נאַכט גייען זיי, און מדת־הרחמים קאָן קיין אויג נישט צומאַכן... זי שטייט אויף דער וואַכט!

עס טרעפט זיך אָבער, — זאָגט ער ווייטער, — א ייד שטייט שמונה־עשרה, און האָט אינזינען קאָרן און ווייץ! די תפילה, רחמנא ליצלן ווערט שוין באַשווערט מיט גשמיות, מיט זעקער תבואה, מיט גראָבע עסקים... און אזא תפילה קאָן שוין, רחמנא ליצלן, קומען שפּעט: איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר! א נפש קומט ארויף אויף יענער וועלט, שטעלט זיך פאַרן בית־דין־של־מעלה, דער קטיגור לייגט ארויף אויף דער לינקער וואָגשאָל עבירות און עבירות, — גאַנצע פודן עבירות. און דער מליץ־יושר שטייט מיט ליידיקע הענט און האָט נישט וואָס ארויפצולייגן.

שרייט דער ייד: „רבונו של עולם, על כל פנים געדאַוונט האָב איך דאָך!״ איז אָבער נאָך זיין תפילה נישט אָנגעקומען! און כדי ער זאָל זען, אַז דאָס בית־דין, איז א בית־דין צדק, עפנט זיך אים א פענצטערל פון הימל, און מען הייסט אים אַראָפּקוקן... קוקט ער און זעט, ווי זיינע תפילות וואַלגערן זיך, רחמנא ליצלן, ארום ערגעץ אין א מושב...

און אז א ייד האָט גאָר, רחמנא ליצלן, הרהורי עבירה ביים דאַוונען! און יעדע זאַך ציט צו איר שורש... נעמען די הרהורי עבירה און שלעפּן אַראָפּ די תפילות אין שאול־תחתית אריין...

באַפאַלט אונדז אַלעמען א מרה שחורה. ווייל ער אונדז משמח זיין, זאָגט ער:

— איך קאָן אייך אָנזאָגן א בשורה טובה! איך האָב א ידיעה, אַז אונדזער סדר האָט זיך אין ערגעץ נישט פאַרהאַלטן, ער איז גלייך אַרויף, און מען האָט'ן דאָרט אָנגענומען מיט אַן אמתן סבר פנים יפות! דער חד־גדיא מיטן נייעם ניגון איז גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן!

פאַלט ער אריין, דער מגושם, און גיט א פרעג:

— און מיין סדר, רבי?

פאַרקנייטשט ער, דער בעל־שם, דעם שטערן און ענטפערט:

— דיין סדר איז נאָך נישט אָנגעקומען! ער טראָגט זיך נאָך ארום מיין שטוב, ער וויל אריין צו מיר אויף תיקון.

פרעגט ער, דער שוטה: ווען וועט איר אים אריינלאָזן? — ער גלייבט דאָך נישט...

ענטפערט ער אים געלאַסן:

— נאָך הבדלה!

פון דער אייגענער מתנגדישער שטאָט איז געקומען אויף פסח א מלמדל. געזאָגט האָט ער דאָרטן: ער פאָרט אהיים צו דער פלוניתטע. אַז דער קאָנסקיוואָלער עושר איז געקומען, האָט ער זיך פאַר'ן באַהאַלטן און צום טיש נישט געקומען. א מגושמער מענטש, וועט ער אַהיימקומען און דערציילן — וועט מען אים דאָס חדר צונעמען און באָרד און פאות אויסרייסן. קומט ער, דאָס מלמדל, נישט צום טיש, און זיצט אויף דער סטאַנציע, ביז דער קאָנסקיוואָלער וועט אָפּפאָרן. האָבן מיר אויף אים רחמנות, נעמט מען פאַר אים שיריים, און מען טראָגט אים אויף דער

סטאנציע שיריים מיט א פלעשל י״ש... פרעגן מיר דאָס מלמדל, ווי אזוי דער אויפגעקומענער עושר איז זיך נוהג ביים סדר. איז ער דאָך אויף אים בייז, זאָגט ער: דער שווארץ יאָר ווייסט׳ן! א מענטש — דערציילט ער — וווינט הינטער דער שטאָט, עס זאָל אים נאָענט זיין צו די פּריצים, ער זאָל פריער ארויסקומען פאר אלע סוחרים — די וועלט וויל ער איינשלינ־גען! איז ער מגדל־כלבים, מען זאָל׳ן נישט באַגנבענען, קומט צו אים קיין ייד נישט אריין! א טבע האָט ער, אז שבת און יום־טוב נאָך מעריב זאָגט ער אָן דעם שמש, ער זאָל אים אהיימשיקן צוויי ־ דריי אורחים. ווארטן אויף זיי קאָן ער נישט, דער קאָלדאָן טראָגט׳ן! אנטלויפט ער אינמיטן „עלינו״. אין דער התחלה האָט מען אים געשיקט. זענען די אורחים צוריקגעקומען מיט צעריסענע מלבושים און צעביסענע; אזוינע כלבים האָט ער. און שריי „חי וקים״ — אז טיר און לאָדן זענען פאר־מאכט! האָט מען אים טאקע אויפגעהערט צו שיקן. און ער טוט זיך זיינס: שיקט, זאָגט ער, וויפל איר ווילט!

פאר פסח זאָגט ער נאָך: „כל דכפין ייתי ויכול!״ עברי קאָן ער!

הערן מיר אויס, וואָס דאָס מלמדל דערציילט, און ווארטן, וואָס דאָ וועט זיין נאָך הבדלה, ווייל דער בעל־שם האָט אונדז געהייסן קומען הערן די „הגדה״ פון קאָנסקיוואָלער עושר.

און מיר האָבן זיך דערוואַרט. עס איז נאָך הבדלה, דער עולם איז דאָ, דער אויפגעקומענער עושר זיצט. ער ווארט. עס פארדריסט׳ן אביסל, וואָס זיין „הגדה״ מוז זיך טליקן ארום פרעמדע שטיבער; אביסל אָבער גלייבט ער אין דער גאנצער מעשה נישט. זיצט ער און שפּילט זיך מיטן גאָלדענעם שקעטעלע, און פּויקט אריין דערינען, און וואָרטשעט: וועל׳מיר זען, וועל׳מיר זען...

מען האָט שוין אָפּגעזונגען זמירות. שטייט אויף דער בעל־שם און הייסט פארמאכן די לאָדן און פארשליסן די טיר. ווערט דעם בעל־דבר אביסל נישט היימלעך! הייבט ער זיך אויף און האָט חשק צו מאכן פּיס. לאָזט מען אים נישט!; נעמט אים עמעץ אָן פון הינטן און זעצט׳ן צוריק אַראָפּ אויף דער באנק, פאלט ער אראָפּ אויף דער באנק, ווי א סנאָפּ תבואה. זיצט ער, הייסט נאָך דער בעל־שם אויסלעשן די ליכט. לעשט מען אויס די ליכט, און עס ווערט פינצטער. זיצט מען אזוי א רגע אין דער פינצטער. זיץ איך נעבן דעם קאָנסקיוואָלער עושר, פיל איך, ווי ער

ציטערט מיטן גאַנצן לייב, רופט אויס דער גבאי (אַ פּנים, דער בעל־שם האָט אים געהייסן):

—יאָקל קאָנסקיוואָלערס „הגדה", קום אַריין און לאָז דיך הערן!

און — זי לאָזט זיך הערן! מען דערקענט באַלד יאָקל קאָנסקיוואָלערס קול, נאָר עס איז אויסגעמישט מיט נאָך קולות! מיט קולות פון כלבים!

„עבדים היינו — האַאו, האַאו! לפרעה במצרים — האַאו, האַאו! — און אַזוי ווייטער... כל דכפין — האַאו, האַאו! ייתי ויכול — האַאו, האַאו!".

ווי מען האָט צוריק אָנגעצונדן די ליכט, איז שוין יאָקל קאָנסקיוואָלער אין שטוב נישט געווען. און מער האָט ער זיך נישט באַוויזן.

שטומע נשמות

צוויי וועגן; צוויי משלים

שני דרכים — צוויי וועגן פירן צו זיין ליבן נאָמען, וואָס איז די נשמה פון דער וועלט און דער תוך פון דער וועלט.

איז איינער פון זיי דער וועג פון שכל, אויב דער בשר ודם שאַרפט זיין מוח אין דער תורה הקדושה; און דער צווייטער — דער וועג פון האַרץ פון א בשר ודם, אויב ער רייניקט עס און הייליקט עס לעבודת הבורא.

נתעלה — על פי דרך הטבע ווערט געהויכט און געהויבן א מענטש נאָר דורך דעם שכל; דורך דעם שכל לערנט ער די תורה הקדושה, וואָס איז דער חוק ומשפט — דאָס געזעץ פון דער וועלט, און ער דערקענט דורך איר דעם פּלאַן, לויט וועלכן דער בורא עולם האָט זי, די וועלט, אַרויסגעפירט פון תהו ובוהו. און ער ווייסט, אויף וואָס זי שטייט, און וואָס עס קאָן זי חרוב מאַכן. און אַז ער קומט צו דער השגה, קריגט ער אַליין אויך שוין א שטיקל דעה אין דער הנהגה פון דער וועלט, און ווערט כביכול, א שטיקל שותף צום הקדוש ברוך הוא אין מעשי־בראשית...

צו א גאַנץ הויכער מדרגה קאָן אָבער אויך קומען א מענטש דורכן האַרץ; אויב די כוונה איז גוט און דאָס האַרץ איז גוט. און עס ברענט אין דעם האַרץ דאָס פייער פון גרויס ליבשאַפט צום בורא עולם, און עס רייכערן זיך דערויף מצוות און מעשים טובים ווי קרבנות אויפן מזבח...

און אשרי — ווויל איז טאַקע דעם מענטש, וואָס גייט אויף ביידע דרכים, וואָס עפנט זיך דעם הימל מיט ביידע שליסלען, וואָרום ער איז זוכה: אי צו דער גרויסער השגה, אי צו דער גרויסער ליבשאַפט, — דאָס איז אָבער — לאו כל אדם זוכה...

על פי רוב זענען די תלמידי־חכמים סאמע דין, ווייל זיי גייען נאָר מיטן וועג פון שכל; און דער שכל איז דין. זענען זיי טאַקע „נוקם ונוטר כנחש", און וואָלטן בהבל פיהם די וועלט פאַרברענט. וואָרום מי יעמוד? על פי שולחן ערוך קאָן די זינדיקע וועלט קיין רגע קיין קיום נישט האָבן; די זינדיקע וועלט דאַרף דעריבער רחמים.

און פון דער צווייטער זייט זענען די ל"ו צדיקים פון יעדן דור, כאָטש עס וואַרטן אויף זיי גאָלדענע שטולן און קרוינען אין גן עדן און די וועלט וואָלט אָן זיי קיין קיום נישט געהאַט — דווקא נישט קיין גרויסע למדנים... זיי זענען יוצא מיט א פרק משניות, מיט א קאַפּיטל תהלים, אפילו מיט תפלה בכוונה...

דער עיקר איז ביי זיי דאָס הארץ. וואָרום פון אמתן צדיקס הארץ שטראַלט און פליסט אַרויס דאָס גרויסע, האַרציקע רחמנות אויף דער וועלט...

אל יאמר — זאָל דעריבער נישט זאָגן דער עם־הארץ: „הן אני עץ יבש" — איך בין א טרוקן שטיקל האָלץ; אויף מיר קאָנען נישט בליען נישט בליטן, נישט קיין מצוות, נישט קיין מעשים טובים — —

„נסתרה דרכי מה" — מיין וועג איז פאַרוואָגלט פון גאָט... זיין אויג, כביכול, זעט מיך נישט, ווייל איך גיי אַרום אין חושך און מיין נשמה איז איינגעהילט און איינגעוויקלט אין א פינצטערן וואָלקן — —

און איך קאָן אפילו נישט ניצול ווערן פון גיהנום. ווייל, ווי אין פרק אבות שטייט: „ולא עם הארץ חסיד", דער, וואָס לערנט נישט די הייליקע תורה, קאָן נישט זיין קיין אָפּגעהיטענער ייד, ווייל ער ווייסט נישט וואָס א מצווה איז, ער זאָל זי מקיים זיין, און וואָס אַן עבירה איז, ער זאָל פאַר איר אַנטלויפן, ווו דער פעפער וואַקסט, און ער איז גאָרנישט מבחין — ער קאָן נישט אונטערשיידן בין טוב לרע — צווישן גוטס און שלעכטס.

דאָס זענען גאָר קיין טענות און קיין דבורים נישט.

וואָרום סוף כל סוף קוקט גאָט, ברוך הוא, אויפן הארץ. און „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא": סיי די וויל־לערנער, סיי די נישט וויל־לערנער, וואָס קאָנען נאָר „שמע ישראל". און „שערי תפילה אינן ננעלין" — די טויערן פון תפילה ווערן נישט פאַרשלאָסן אפילו פאַר

שטומע נשמות, וואָס פאַרשטייען נישט אפילו די טייטש־ווערטער פון די תפילות און קאָנען זיך נישט אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר גאָט...

וואָרום גאָט איז אַ בעל־רחמים, און אַזוי ווי אַ באַרמהאַרציקע מאַמע שטעקט אַריין דעם וואָרצל פון דער ברוסט דעם הונגעריקן קינד אין מויל אַריין ביים ערשטן קרעכץ, און וואַרט נישט, ביז דאָס קינד וועט שאַרף אַרויסזאָגן: מילך, אַזוי ווייסט דער רבונו של עולם, וואָס אַ מענטש וואָלט געבעטן, ער זאָל קאָנען, און טוט מיט גרויס רחמים זיין רצון...

און ער פאַרהאַלט נישט דעם שכר פון קיין שום בריאה, וואָס מיינט, אַז ער טוט אַ מצווה און האָט אַ טעות. עס איז קיין מצווה נישט. ועל אחת כמה וכמה, אַז זיין ליבער נאָמען שטראָפט נישט פאַר אַן עבירה, וואָס אַ זינדיקער מענטש טוט בשוגג, האָבנדיק אין זינען אַ מצווה...

און אין דעם ענין געפינען מיר צוויי טייערע משלים ביים של״ה הקדוש.

דאָס ערשטע משל איז: משל למלך, צו אַ מלך, וואָס איז געווען אַ מושל איבער אַ ווייטער מדינה, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן, און תרפ״ט אַלפים מיילן אָפּגעלעגן פון אַנדערע מדינות, און האָט געהאַט נאָר אַנ־דערע געזעצן ווי אַלע מדינות. איז איינמאָל צו דעם מלך אַריינגעקומען דער ערשטער מיניסטער מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט, און ער האָט, זיך בוקנדיק, דערלאַנגט דעם מלך דאָס פּאַפּיר; דער מלך זאָל עס חתמענען מיט זיין אייגענער האַנט אָדער צולייגן דעם טבעת המלכות. נעמט אים דער מלך אַרויס דאָס פּאַפּיר פון דער האַנט, און לייגט עס פאַר זיך אויפן טיש, און זעצט זיך אויפן כסא המלכות, און נעמט אין דער האַנט אַריין די פעדער און וויל אונטערשרייבן דאָס פּאַפּיר. ווייל דער מלך האָט, ווי דער סדר עולם איז, אמונה צו זיינע שרי מלכות, בפרט צום ערשטן מי־ניסטער, און ווייסט, אַז מען וועט אים קיין עוולה צום אונטערשרייבן נישט דערלאַנגען.

האָט אָבער דער מלאך געהאַט אַ שאַרפע ראיה, און ווי ער וויל שוין מאַכן דעם צוק, וואָס איז דער אָנהייב פון מלכס חתימה, דערזעט ער, אַז עס שטייט אין כתב: „חיב מיתה״ — „מורד במלכות״, נעמט ער תיכף ומיד און לייגט אַרויס די פעדער פון דער האַנט, און פרעגט:

— ווערמען און פארוואס האט עס מיין בית־דין־צדק אזוי שארף פארמשפּט?

זאגט אים דער ערשטער מיניסטער:

— אדוני קעניג, עס איז א מורד במלכות, וואס האט זיך נישט געבוקט און נישט געבויגן פאר דיינע שרי מלכות. און איז ארומגעגאנגען אויף אזוינע מקומות, אויף וועלכע מען טאר קיין פוס נישט שטעלן — אויף די וואלן פון דיין פעסטונג. און פארן צעכהויז, ווו עס ליגט דאס פולווער צום שיסן, איז ער ארומגעגאנגען מיט פייער, כאטש עס שטייט אויפגעשריבן שווארץ אויף ווייס איבערן טויער, מען זאל זיך היטן פאר פייער — — איז א סימן, אז ער האט קיין דרך־ארץ נישט פארן מלך, ווארום ער גיט נישט אפּ כבוד די שרי מלכות; און אז ער האט געוואלט אויסזען די שאנד פון דיין מלוכהס פעסטונג און איבערגעבן דיין שונא; און האט נאך בדעה געהאט אונטערצוציגדן דעם מלכס אוצרות מיט פולווער...

און דאס אלץ — גיט צו דער מיניסטער — האט ער געטון אין שיינעם העלן טאג, פאר אלע אין די אויגן, גלייך ווי די וועלט וואלט געווען הפקר, און עס וואלט קיין מלך און קיין מלוכה נישט געווען. און אפשר נאך גאר — להכעיס.

טראכט דער מלך: ווער ווייסט, צי עס איז קיין משוגענער נישט? און ער פרעגט:

— און וואס האט דער פארזינדיקטער מענטש געטענהט פארן בית־דין? האט ער גערעדט צו דער זאך?

ענטפערט דער מיניסטער, אז דאס קאן מען נישט וויסן, ווייל דער פארזינדיקטער איז פון א ווייטער מדינה, און דאס בית־דין האט זיין לשון נישט פארשטאנען, אזוי ווי ער האט נישט פארשטאנען דאס לשון פון בית־דין.

זאגט דער מלך צום ערשטן מיניסטער:

— דער מענטש, וועלכן איר האט געפּסקנט מיתה, איז קיין שול־דיקער נישט... צו וואס זאל ער מיר טון להכעיס?

— ער איז גאר א פרעמדער, וואס האט נאך אונדזערע מונדירן נישט געזען און ווייסט נישט, ווי אונדזערע שרי־מלכות זעען אויס, און דערקענט זיי נישט.

— און ער ווייסט נישט דעם פּלאַן, לויט וועלכן אונדזער שטאָט איז געבויט, און ווו די פעסטונג איז און ווו די וואַלן זענען; און ער האָט געוואָלט מאַכן חשבון־הנפש און האָבן התבודדות, איז ער אַהין געגאַנגען, ווו מען טאָר נישט, ווי איינער, וואָס גייט הינטער דער שטאָט...

— און ער קאָן די שוואַרצע אותיות אויף דער ווייסער שילד פון צעכהויז נישט לייענען, און היט זיך דעריבער פאַרן פייער נישט!...

פאַרשעמט זיך דער ערשטער מיניסטער און לאָזט די אויגן אַראָפּ; און דער מלך נעמט און צערייסט דאָס פּאַפּיר און גיט אַ באַפעל:

— לויף, ערשטער מיניסטער, געשווינד אין תפיסה אַריין, און נעם אַראָפּ די קייטן פונעם אַרעסטירטן, און הייס אים אָפּגאָלן און אָפּוואַשן, און אויסשמירן מיטן פיינסטן בוימאייל, און אָנטון די טייערסטע מלבושים, און באַצאָל אים פון אוצר המלכות צער און רפואה, און שבת און בושת, און לאָז אים פריי... און טאָמער וויל ער דאָ אין דער מדינה בלייבן, שיק אים צו מיר, וועל איך אים אַליין מוסר זיין די סימנים פון אונדזער לשון און די דינים פון אונדזער מלכות...

און אַז מען האָט די זאַך חוקר ודורש געווען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מלך איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, עס איז נאָר אַ פרעמדער געווען. און אויב ביי אַ מלך בשר ודם איז אַזוי, על אחת כמה וכמה ביים מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואָס דאַרף נישט חוקר ודורש זיין און שטויסן זיך. וואָרום פאַר אים איז אָפן דאָס האַרץ פון אַ בשר ודם און ער לייענט דערינען, ווי אין אַן אויפגעוויקלטער מגילה...

נאָך מער, דער רבונו של עולם לייגט צו די עבירות, וואָס אַן עם־הארץ טוט צוליב אַ מצווה, צו דעם חשבון המצוות, און אויף דעם האָט דער של"ה הקדוש אויך אַ משל למלך, נאָך אַ שענער משל.

— אַמאָל איז געווען — דערציילט דער של"ה הקדוש — אַ מלך, נאָר נישט, ווי דאָס רוב מלכים, אַ בייזער מלך, נאָר אַ גוטער מלך — אַ מלך חסד.

האָט דער מלך חסד — דער גוטער מלך — אַמאָל געדאַרפט פייער. ער האָט, מאָלט אייך, געוואָלט זיך פאַרויכערן די ליולקע. גיט ער אַ זאָג: פייער! דאָס הייסט, ער באַפעלט, מען זאָל אים ברענגען פייער.

איז איינער אָבער פון זיינע שרים־משרתים, מרואי פני המלך, —

פון די, וואָס שטייען פארן מלך, געווען, צי פון געבוירנהייט אָן, צי, רחמנא ליצלן, מחמת אַ קרענק, אין וועלכער ער איז אריינגעפאַלן, אבישל טויבלעך, האָט ער נישט רעכט דערהערט. און ווייל עס איז געווען אין מיטן וואלד, ווו דער מלך האָט זיך געיאָגט נאָך חיות־רעות, זיי צו פארטיליקן, און עס איז געווען אינמיטן זומער, און די היץ צווישן דיביימער איז געווען זייער גרויס, און ער אליין איז געווען דורשטיק, — האָט ער געטראכט, אז דער מלך וויל אוודאי אויך א פרישן טרונק וואַסער! איז ער תיכף ומיד ארויסגעלאָפן פון מלכס געצעלט נאָך פריש וואסער.

איז אָבער גראָד אין דעם אָרט, ווו דער מלך האָט זיך געיאָגט נאָך די חיות־רעות, און ווו זיין געצעלט איז געשטאנען, קיין וואסער נישט געווען, — איז דער שר געלאָפן, נישט געשלאָפן, נישט געגעסן, נישט געטרונקען, דריי טעג און דריי נעכט, ביז ער האָט זוכה געווען צו קומען צו א קוואל וואסער.

איז אָבער ארום קוואל געשטאנען א חברה גזלנים מיט כלי־זיין. און די גזלנים זענען נאָך געווען גרויסע מכשפים דאצו, זענען איבער זייערע קעפ ארומגעפליגן רוחות־רעות זיי צו העלפן; האָבן זיי, די גזלנים, נישט צוגעלאָזט דעם שר צום קוואל. האָט אָבער דער שר געהאַט גרויס אמונה און בטחון אין מלך, האָט ער קודם כל מיט כוח פון זיין אמונה און בטחון פארטריבן די רוחות־רעות, און דערנאָך האָט ער קעגן די גזלנים ארויסגעצויגן זיין שווערד און איז אויף זיי ארויפגעפאַלן מיט א גרויסן אימפעט, און מיט התלהבות פון דער ליבשאַפט צום מלך. און ער האָט מלחמה געהאַלטן שעהן־לאַנג מיט די גזלנים, און האָט זיי סוף־כל־סוף, נאָך גרויס מי און מאַטער און סכנות נפשות, גובר געווען, און האָט זיי פאַריאָגט פון קוואל! און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט צו היילן אָדער כאָטש ארומבינדן זיינע ווונדן, וואָס ער האָט פון די גזלנים באַקומען. און האָט תיכף ומיד אָנגעשעפּט א קריגל פריש וואסער פון קוואל, און אליין נישט דערטרונקען, כאָטש עס האָט אים געברענט פאַר דורשט. און ער איז געלאָפן א פארבלוטיקטער צום מלך אין געצעלט אריין, און מיט שמחה און מיט גרויס התלהבות א געשריי געטון: נאַ דיר, גרויסער קעניג, וואסער!

האָבן דאָך אָבער די אנדערע שרי־מלכות געהערט, ווי דער מלך האָט בפירוש געזאָגט „פייער", נישט קיין וואסער; האָבן זיי אָנגעהויבן

צו לאכן און חוזק צו מאכן פון טויבן שר. און איינער פון די שרים איז געווען א רשע בטבע, האט ער געזאגט, אז לויט זיין מיינונג, איז דער שר גאר חיב מיתה, ווארום ער האט מורד געווען אין מלכות...

וואס אבער האט דער מלך, וואס איז געווען א מלך חסד, געטון? קודם־כל האט ער אפגעריסן די עפאלעטן פונעם שר, וואס האט מקטרג געווען און געמאכט דעם טויבן משרת פאר א מורד במלכות. און ער האט אים אפגעריסן די גאלדענע קייט פון האלדז, און אלע ארדערן און מעדאלן, וואס ער האט געהאט אויפן הארץ, און ארויסגעטריבן פון שטאט און פון לאנד ארויס. —

און א באפעל האט ער געגעבן, דער מלך, מען זאל תיכף ומיד רופן זיינע בעסטע דאקטוירים, זיי זאלן אויסהיילן דעם געטרייען משרתעם ווונדן. און דער מלך איז בכבודו ובעצמו אויפגעשטאנען פון זיין כסא המלכות, און איז צוגעגאנגען צום געטרייען משרת, וואס איז אים געפאלן צו די פיס, און האט אים אויפגעהויבן און א קוש געגעבן אין שטערן אריין.

און צו זיינע איבעריקע שררים האט ער אזוי געזאגט: כדי דעם מלכס געטרייער דינער זאל מער קיין טעות נישט האבן, און אנדערע שרים זאלן פון אים נישט לאכן, הייב איך פון היינט אן זיין שטול איבער די שטולן פון אלע שרי־מלכות, ער זאל זיצן נענטער פאר אלע שרים צום מלך, און הערן פון מויל אין אויער זיין געבאט.

ועל אחת כמה וכמה — גיט צו דער של״ה הקדוש, — דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, וואס דארף בעצם נישט קיין פייער, נישט קיין וואסער, און האט געגעבן די תרי״ג מצוות נישט, חלילה, פאר זיין אייגענע טובה וועגן, נאר מזכה צו זיין ישראל, זיי זאלן נעמען שכר, נישט קיין מתנת חנם; איז טאקע א קל־וחומר, אז ער איז א גומל־חסד פאר אזוינע טעותים...

און איר זאלט קלארער זען דעם אמת דערפון, וועל איך אייך דער־דערציילן עטלעכע מעשות פון שטומע נשמות, איר זאלט זען צו וועלכע מדרגות זיי זענען געקומען.

א) א קאפיטל תהלים

אָ ד ע ר

יוחנן וואסער-טרעגער און דער „אורח-חיים"

אָן די ערשטע מעשה, וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן, האָב איך בקבלה פון מיין זיידן, עליו השלום, וואָס האָט די זכיה געהאט צו זיין אן איינגייער ביים „אורח-חיים" אין שטוב, און האָט עס, במעמד פון נאָך באַלעבאטים חשובים, געהערט מפיו הקדוש — פון „אורח-חיימס" הייליקע לעפצן.

און אָנגעהויבן האָט זיך די מעשה אזוי:

אינדערפרי, באלד נאָך שחרית, זיצט זיך דער „אורח-חיים", כמנהגו, אין קליינעם בית-המדרש פארן אָנבייסן, און קוקט אין א ספר אריין. נישט ווייט פון אים זיצן און רעדן צווישן זיך שטיל די דיינים; עס איז גראָד קיין דין-תורה נישט געווען. און נאָך אביסל ווייטער — די תלמידים, דעם „אורח-חיימס": איינער חזרט זיך איבער די נעכטיקע סוגיא, אַן אַנדערער קוקט זיך דורך דעם מהרש"א צו דער היינטיקער, א דריטער זאָגט זיך א לייענען.

אינמיטן דערהערט זיך פון דער גאס א קול „צדקה תציל ממות" און אַ קלונג מיט דער פושקע. זאָגט מען „ברוך דיין אמת". מען ווייסט, וואָס עס באַטייט: נאָך פאר שחרית האָט מען געגעבן צוויי קלעפּ אין טויער און געזאָגט, אז יוחנן וואסער-טרעגער איז נפטר געוואָרן אין הקדש.

ווערט אָבער דער „אורח-חיים" פארענדערט אויפן פנים, הייסט זיך דערלאנגען דעם שטעקן מיטן ספּאָדיק, און זאָגט, — ער גייט צו דער לוויה.

מילא, אז דער „אורח-חיים" גייט, גייען די דיינים אויך מיט; נעמען די תלמידים רשות און גייען אויך. און אזוי — אַנדערע, וואָס זענען גראָד געווען אין קליינעם בית-המדרש. קומט מען אין גאס אריין.

זעען די גאס־מענטשן, ווער עס גייט, גייט מען מיט; פארמאכט מען די קלייטן און מען גייט. קוקט עמעץ פון בית־המדרש דורך א פענצטערל ארויס און זעט די לוויה, איז ער מודיע דעם בית־המדרש־עולם, פאר־מאכט מען די גמרות און מען לויפט אראפ צו דער לוויה. הכלל — די שטאט גייט, קינד און קייט!

מען גייט און מען חדושט זיך: וואס איז?

— דער נפטר איז געווען, ער זאל אונדז מוחל זיין, א פשוטער ייד... אמת, געדאווענט ותיקין; מנחה ומעריב — אין גרויסן בית־המדרש; דער־נאך ארומגעטראגן קאלט וואסער פאר די לומדים. אבער אזא לוויה?

געווען נאר א תהלים־זאגער, אבער די עברי זיינע! מען פלעגט זיך קוים איינהאלטן פאר געלעכטער... איינמאל האט אים דער „וחלקלקות" בשום אופן נישט געקאנט פון מויל ארויס; האט מען זיך געקייקלט... אמת, דער „אורח־חיים" איז געווען דערביי, ער איז אין כעס געווארן און אנגעשריען...

און וואס נאך? א נהנה מיגיע כפו; ביז אין דער לעצטער רגע קיין מתנת בשר ודם נישט גענומען — נו הכלל?

און דער „אורח־חיים" גייט... איין גאס, נאך א גאס... א ווינט און א גליטש, עס קילט אין אלע אברים, און ער גייט ארויס פון שטאט, לייגט די האנט אויף א מטה־שטאנג און פירט די מטה אויפן בית־החיים, גייט אריין צו דער טהרה... נעמט ביים קבר אן ביים לײלעך און העלפט אראפ־לאזן... נעמט ארויס די לאפעטע פון א קברנס האנט און שיט א שאל ערד, הערט אויס קדיש, זאגט הויך „אמן" —

פארשטייט מען, אז עס איז נישט פשוט!

און געווען איז דאס דאנערשטיק. פרייטיק איז פרייטיק; דער עולם איז פארנומען, מען גרייט זיך צו לכבוד שבת; מען גייט אין מרחץ אריין; נאכן מרחץ גייען נאך לייטישע באלעבאטים אויף א גלעזל מעד. שבת איז שבת... געלויבט איז גאט — מוצאי שבת, קוים דערלעבט, מאכט דער זיידע עליו־השלום, געשווינד אפ הבדלה, זאגט אפ „ויתן לך" און לויפט צום „אורח־חיים". און קומען קומט ער צום „אורח־חיים" נישט אליין; אויפן וועג האבן זיך צו אים מצרף געווען נאך עטלעכע באלע־באטים, און לומדים... קומען זיי צום „אורח־חיים" אין שטוב אריין, זאגט ער נאך „ויתן לך", ווארט מען. דערנאך: „גוט וואך, רבי!" „גוט

יאָר, באַלעבאַטים!" די רביצן איז מיט עפּעס וואָס מכבד. זעצט מען זיך צום טיש; די רביצין גייט צו זיך אין שטוב אַריין, — מילא, מען וועט דאָך נישט אַרויס פון דער העלער הויט מיטן עצם־ענין — מאַכט מען פריער אַ שמועס מכוח דער קהילה. צי עס איז נישטאָ חשש אויפן עירוב, דערפון איז מען אַרויף אויף אַן עגונה, איבער וועלכער אַ וועלט מיט רבנים האָבן זיך דעמאָלט געאַמפּערט, וכדומה. און אַזוי ווי אַלע שמועסן ענדיקן זיך סוף־כל־סוף מיטן טויט, האָט מען שוין געקערעוועט צו דער זאַך.

איז דאָך דער אורח־חיים אַ קלוגער ייד געווען, שמייכלט ער: ער האָט באַלד געוווסט נאָך וואָס זיי זענען געקומען...

זענען זיי זיך מודה: אמת — זאָגן זיי — אַזאַ מעשה נורא...

זאָגט זיי דער אורח־חיים:

— זייט וויסן, רבותי, אַז עס איז נפטר געוואָרן אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ חוש הריח צו דערקענען לומדי תורה, וואָס אַן אורח־חיים האָט עס נישט. און דאַצו אַ ייד, וואָס האָט מער געפּועלט מיט דער האַק אין דער גראָבער האַנט, ווי דער אורח־חיים מיט די כוונות אין מוח...

גאַפט מען: מען האָט פון קיין פּתרון, פון קיין חלום נישט גע־ווּסט... דער אורח־חיים האָט גאָר קיינמאָל דערפון קיין וואָרט נישט גערעדט...

— עס איז געווען אַ סוד, — זאָגט דער אורח־חיים.

— דער ייד, זאָגט ער — האָט נישט געוואָלט נתגלה ווערן, און אַז עס איז געשען אַ מעשה, און ער האָט מיר געמוזט אַנטפּלעקן, האָט ער גענומען ביי מיר דאָס וואָרט, אַז בחייו וועל איך שווייגן.

נאָך איינער איז געווען דערביי, אויך להבדיל בין החיים והמתים, דער געוועזענער בית־דין־שמש, כאָטש ער איז געווען אינדרויסן און האָט ווייניק־וואָס געזען, האָט ער געגעבן תקיעת־כף, אַז ער וועט שווייגן, און ער האָט געהאַלטן וואָרט.

— אָבער אַצינד, — זאָגט דער „אורח־חיים", איז אויס סוד, און אַז איר ווילט, מהיכי תיתא.

מילא — שטעלט מען אויף מויל און אויערן.

— עס איז שוין דערינען — הייבט אָן דער אורח־חיים צו דער־

ציילן — אַ יאָר פינף און צוואַנציק, ער איז דעמאָלט נאָרוואָס אָנגעקומען אין קהילה אריין.

נאָר וואָס אָנגעקומען, איז ער זיך מיישב, ער וועט גיין צו מעריב אין גרויסן בית־המדרש אריין, זען ווי מען דאַוונט און לערנט אין גרויסן בית־המדרש.

קומט ער צו מעריב; גייט צו עפּעס אַ קרעמפּע יידל צום עמוד.

פרעגט ער, ווער עס איז? זאָגט מען אים: איינער יאָסל דבשהם — אַ גאַנץ ערלעכער ייד.

דאַוונט ער, דער יאָסל דבשהם, גאַלאָפּ — אַ מיל מאָלט...

אַרט עס אים: אַ באַלעבאָס, יאָגט ער זיך אַזוי צו דער וועטשערע... מן־הסתם וויסט ער, אַז מען קאָכט קליסקעלעך מיט באָבעלעך...

וויל ער שוין אָנקלאַפּן אין שטענדער: איז ער אָבער בטבע אַ רו־איקער, וואַרט ער; וואַרטנדיק דערהערט ער, אַז עס שטעקט עפּעס אין בעל־תפילהס קול — ער כאַפּט, און דאָס קול כאַפּט אָן ביים האַרץ...

שווייגט ער.

צו שמונה־עשרה דרייט ער זיך איבער צו דער מזרח־וואַנט, זעט ער „הבחור יחיאל בן דבשה לרפואה שלמה", אויפגעשריבן מיט קרייד אויף דער וואַנט! פאַרשטייט ער שוין, וואָס דער ייד, נעבעך, יאָגט זיך! צום קראַנקן קינד.

איז ער זיך מחיה מיט זיין אָפּגעהיטקייט, און האָט זיך איינאיינ־ווענגס אַ הרהור תשובה אויף דברים שבלב. וואָרום אין האַרץ האָט ער דאָך דעם ייד, וואָס האָט זיך געאיילט צום קראַנקן קינד, חושד געווען, אַז ער איז איבערגעגעבן דער שיסל... קומט ער, דער אורח־חיים, צו „רפאנו ה' ונרפא" — איז ער זיך טאַקע מתכוון צו הבחור יחיאל בן דבשה... און האָט, ברוך השם, געפּועלט! אַ שעת רצון... נאָך די אייגענע נאַכט האָט דער בחור געשוויצט, איז אַריבער בשלום דעם קריזיס, דעם שוחטס איידעם איז ער היינט; קאָן לערנען...

נאָך דער הקדמה גייט דער אורח־חיים איבער צום עיקר המעשה.

מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב, אָפּגעזאָגט רבנן־קדיש און דער שמש איז צוגעגאַנגען צום ארון טיילן ליכטלעך. טיילט ער און טיילט, און קאָן זיך נישט דערטיילן, אַזאַ עולם, קיין עין־הרע!

און דער עולם צעגייט זיך אויף זיינע ערטער, זיצט שוין יעדער ביי זיין ליכטל און פאַר זיין גמרא אויפן שטענדער. הינטן ביים שלחן — אַ חברה ש״ס! ספּאָדיק ביי ספּאָדיק!

טוט אים, דעם אורח־חיים, טאָקע שטאַרק הנאה — ליכטלעך און פלעמלעך, ווי די שטערן אין הימל; אויף כל תפוצות ישראל געזאָגט! —

ווען דער רבונו של עולם וואָלט אַראָפּגעקוקט מיט נחת אויף אונ־דזערע ליכטלעך אין די בתי־מדרשים, ווי מיר קוקן צום הימל אַרויף מיט נחת צו זיינע ליכטלעך, וואָלט גוט געווען.

און ווי ער זיצט און טראַכט אַזוי, קומט צו אים צו דער שמש און פרעגט אים, וואָס פאַר אַ ספר ער וויל. זאָגט דער אורח־חיים „מועד״; ער האָט דעמאָלט עוסק געווען אין אַן ענין פון „מועד״; געווען עפּעס אַ שאלה פון אַ גדול הדור. שטייען אין גרויסן בית־המדרש די ש״ס־גמרות הויך אויף דער שאַנק איבערן שלחן פון דער חברה ש״ס. האָט דער אַלטער שמש געמוזט מבטל זיין די לומדים, און נעמען און אַרויפ־קריכן אויף אַ לייטער... און דער שמש איז אַן אַלטער ייד... אַ בחור האָט אפילו געוואָלט ממלא מקומו זיין, ווייל ער אָבער נישט, דער אַלטער... האָט שוין דער אורח־חיים חרטה, נאָר פאַרפאַלן; ער האָט נישט געוווסט, וווּ די ש״ס גמרות שטייען... דאָך קוקט ער זיך דערווייל אום איבערן בית־המדרש און הערט זיך צו צו די קולות: עס זומט און ברומט, און זינגט, אַז עס נעמט דורך.

מיטאַמאָל דערזעט ער, ווי אַ וואַסער־טרעגער (דערנאָך ערשט איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט יוחנן) גייט אַרום מיט אַ קאַן און טראָגט צו צו די שטענדערס קאַלט וואַסער. געפעלט אים זיין התנהגות: אַז ער קומט צו צו אַ שטענדער, שטעלט ער זיך אָפּ, וואַרט ביז דער לומד־תורה וועט דערזען, און אויסשטרעקן די האַנט צו דער קוואָרט; מבטל זיין פון תורה וויל ער נישט... און ווער עס נעמט די קוואָרט, זעט ער, שמייכלט און מאַכט פאַר אים הויך אַ ברכה. און יוחנן וואַסער־טרעגער ענטפערט מיטן גאַנצן האַרץ: אמן! זאָגט נאָך: אַ שיינעם דאַנק! און קוקט אויפן לומד־תורה מיט גרויס ליבשאַפט, און גייט ווייטער...

ווערט דער אורח־חיים אַביסל נתפּעל פון התנהגות פון אַ פּראָסטן ייד. פרעגט ער, ווער ער איז. זאָגט מען אים, יוחנן וואַסער־טרעגער. גוט. קוקט ער אַזוי ווייטער, דערזעט ער פון דעם אייגענעם יוחנן וואַסער־טרע־

גער א משונה־ווילדע זאך, וואָס קיינער האָט דאָס גאָרנישט באַמערקט. נישט ווייט פון אורח־חיימס אָרט, אויף דער מזרח־וואַנט, איז געזעסן אָן א זייט איינער א בלאַסער יונגערמאַן, צי א בחור, — שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן — א פּרוש, — איבער א קבלה־ספר זיצט ער. דער אורח־חיים האָט געהאַט זייער א שאַרפע ראיה, און פונדערווייטנס האָט ער דערזען, אַז אויפן אָפענעם בלאַט זענען אויסגעמאָלט ספירות, — עס איז אַוודאי געווען דער „עץ־חיים". און צו דעם שטענדער, זעט ער באַ־שיינפּערלעך, ווי יוחנן וואַסער־טרעגער וויל צוגיין מיט וואַסער, און קאָן נישט! וואָס ער גענענט זיך צום שטענדער, פאַלט ער צוריק, גלייך עפּעס וואָלט אים אָפּגעשטויסן, יאָ א פּלא?! איז ער דאָך אָבער אַן אָפּגעהיי־טענער, דער אורח־חיים, וואַרט ער... ברענגט אים דער שמש די גמרא „מועד", פאַרהאַלט ער אים, און פרעגט אים אויפן מקובל. זאָגט אים דער שמש מיט אביסל גאווה: אַ, דאָס איז, רבי, אונדזער פּרוש! א גרויסער מקובל, זיצט גאַנצע טעג אין תעניתים, לערנט שטענדיק ביחידות... און שטילער גיט ער צו: ווײַנען ווײַנט ער אין עק שטאָט, אין א חורבה... גאַנצע נעכט הערט מען פון חורבה אַרויס משונהדיקע קולות און זמירות... אפּנים, מען קומט צו אים לערנען און זמירות זינגען...

וואָס זאָל ער טראַכטן, דער אורח־חיים?

טראַכט ער, אַז בשעתן למוד איז דער פּרוש אויף אַזאַ הויכער מדרגה, אַז דער פּראָסטער וואַסער־טרעגער האָט די זכיה נישט צו שטיין אין זיינע ד׳ אמות, צו קומען אין זיין מחיצה אַריין; שטויסט עס אים אָפּ.

איז ער דאָך א לב טוב, דער אורח־חיים, קריגט ער רחמנות אויפן אָרעמען ייד, וואָס וויל א מצווה טון, און קאָן נישט. דאָס איז איינס; און צווייטנס, וויל זיך דער אורח־חיים באַקענען מיטן פּרוש, איבער־רעדן דערפון. איז ער דאָך אָבער מרא דאתרא, וויל ער אָנזאָגן דעם פּרוש דורכן שמש, אַז ער וויל מיט אים רעדן... אָבער ווי ער האָט דאָס נאָר א טראַכט געטון, דערזעט ער עפּעס נייעס: יוחנן וואַסער־טרעגער גייט פאַרביי דעם פּרושס שטענדער, דער פּרוש דערזעט אים, און שטרעקט אויס די האַנט נאָך דער קוואָרט, און הייבט די אויגן אויף מיט א בקשה צו א טרונק... און יוחנן וואַסער־טרעגער דערשפּירט עס, דרייט ער זיך צו אים צוריק אויס, וויל דערלאַנגען די קוואָרט, און ווערט נאָכאַמאָל ווי

אָפּגעשטויסן, גיט אַ מאַך אַוועק מיט דער האַנט, גייט זיך זיין וועגס, און דער פּרוש בלייבט זיצן ווי דערשראָקן.

דערווייל קומט אונטער אַן אַנדער וואַסער־טרעגער, נאָך אַ פּשוטער ייד, וואָס הערט נישט אויס קיין ברכה, ענטפערט נישט אמן, קוקט אויף די לומדי־תורה גאָר אַן ליבשאַפט — אַ מענטש מיט אַ מגושם פּנים, טוט אַ מצווה אין פּשטות אריין... און דער מגושמדיקער וואַסער־טרעגער האָט יאָ שליטה צום פּרוש, עס שטויסט אים נישט אָפּ; פאַרקערט, ער שטעלט זיך אָפּ, שטעלט אַוועק די קאַן, שפּאַרט אָן די האַנט אויפן שטענדער, רעדט עפּעס צום פּרוש, קענטיק, ער פרעגט אים, צי ער וויל אַ טרונק וואַסער, און דערלאַנגט אים. און דער פּרוש איז דאָרשטיק, לויפט מיטן מויל אַקעגן דער קוואָרט. דער אורח־חיים דערזעט אפילו נישט, ווי ער מאַכט די ברכה...

וואָס, נאָך מער וואונדער?

טראַכט דער אורח חיים, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער מוז האָבן עפּעס אַ שנאה צום פּרוש; האַלט די שנאה צום פּרוש מלחמה מיטן חשק צו טון אַ מצווה, און די שנאה פון עם־הארץ צום תלמיד־חכם איז גובר...

האָט אָבער אַן אורח־חיים וויכטיקערע ענינים אויפן קאָפּ, פאַרגעסט ער... איבער דער צייט מאַכט זיך אָבער ווידער אַ מעשה:

איינמאָל, ערב ראש־חודש, קומט דער אורח־חיים אַביסל צו־פרי צום יום־כפּור־קטן אין שיל אַריין, איז די שיל נאָך ליידיק. אין דער הייך, אין אָפענעם פענצטער, פּישטשען פייגעלעך; אַ מחנה שוואַלבן פליט אַרויס, אַן אַנדערע מחנה שוואַלבן קומט אָן, און אונטן אין שיל, אין אַ ווינקל ביים בעלעמער, שטייט יוחנן וואַסער־טרעגער און זאָגט תהלים. גייט דער אורח־חיים פאַרביי — לא קם ולא זע — אַזוי פאַרטיפט איז ער אין תהלים. שטעלט ער זיך, דער „אורח־חיים", אָפּ נישט ווייט, הערט ער זיין עברי... וויל ער שוין שמייכלען... פּלוצלינג, דאַכט זיך אים, אַז די ווערטער, וואָס קומען מיט די גרייזן פון יוחנן וואַסער־טרעגערס מויל אַרויס, זענען נישט קיין פּשוטע ווערטער, נאָר לעבעדיקע ווערטער, עס פילט זיך אין זיי אַ חיות... ווייטער דאַכט זיך אים, אַז די ווערטער פליען אים פון מויל צום באַלקן אַרויף, און רירן זיך אָן אָן די אויסגעמאָלטע קלעזמער פון דוד המלכס „הללויה"... און די כלים גלייך ווי ווערטער קלאַפּן

אָן זיי, ציטערן; דאָ רופט זיך אָן אַ פּייקל, דאָרט אַ פלייט, אַמאָל אַ סטרו־נע פון אַ פידל, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר דאָס אויער פון דער נשמה הערט... און פון דאָרט ערשט פליען די ווערטער מיט שטילע קולות צו צום פענצטער, און אַ מחנה פייגעלעך פון דרויסן פליען זיי אַקעגן מיט גרויס שמחה, און כאַפּן זיי אויף, און פליען מיט זיי אַרויס, און צום הימל אַרויף, און אַ נייע מחנה פייגעלעך קומט אָן אויף זייער אָרט נאָך אַנדערע ווערטער, נאָך אַנדערע קולות...

צי ער האָט נישט קיין טעות? זיין אויער הערט אָבער די קולות!

קומט ער, דער אורח־חיים, נאָך יום־כפור־קטן, אַהיים, פרעגט ער די רביצין, ווער עס טראָגט צו איר וואַסער. ווייסט זי נישט. דאַרפסט דען וויסן? — פרעגט זי.

זאָגט ער: אוודאי! אַז איך פרעג, מן הסתם דאַרף איך וויסן.

לויפט די רביצין אין קיך אַריין און קומט צוריק מיט אַ תשובה: איינער אַ יוחנן.

זאָגט דער אורח־חיים:

— אַז ער וועט קומען, זאָל מען אים שיקן צו מיר אין חדר אַריין. ער האָט מיט אים וואָס צו רעדן.

גאַפט זי, די רביצין, נאָר איבערפרעגן וועט זי נישט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, דער אורח־חיים זיצט ביי זיך אין שטוב, הערט ער: עמעץ הוסט. קוקט ער זיך אום: יוחנן וואַסער־טרעגער!

בעט ער אים זיצן, וויל ער נישט.

זאָגט ער: איך הייס! זעצט ער זיך אויף אָן עק פון אַ בענקל.

— יוחנן — הייבט אָן דער „אורח־חיים" — איך האָב געהערט דיין תהלים־זאָגן...

זיפצט יוחנן אָפּ.

— הלוואי וואָלט ער עברי געקאָנט.

און ער זאָגט עס אַזוי ערנסט, אַזוי פּראָסט, אַז דער אורח־חיים מיינט שוין זיכער, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט. ווייסט ער שוין נישט, וואָס צו טון מיט דעם יוחנן. דערמאָנט ער זיך אָבער די מעשה מיטן פרוש, זאָגט ער:

— יוחנן, וואָס האָסטו אַזוינס צום פרוש, וואָס דו ווילסט אים קיין וואַסער נישט געבן?

ווערט יוחנן צערודערט, דאָס פּנים ווערט ביי אים ווייס ווי קאַלך, און שווייגט.

פרעגט דער אורח־חיים נאָכאַמאָל, ענטפערט יוחנן הייזעריק:

— רבי, איך דאַרף נישט זאָגן... עס איז אַ סוד.

— און אַז איך וועל הייסן?

ענטפערט יוחנן:

— וועל איך קיין ברירה נישט האָבן.

זאָגט דער אורח־חיים:

— בין איך אויף דיר גוזר...

— מוז איך!

— זייט וויסן, רבי, — הייבט אָן יוחנן צו דערציילן, — אַז זיין ליבער נאָמען האָט מיך געלייטזעליקט מיט אַ חוש־הריח, צו דערקענען אַ תלמיד־חכם.. איך אַליין לערנען — קאָן נישט. נאָר אַ חוש־הריח האָב איך און איך דערפיל פונוויטנס אַ תלמיד־חכם, צי ער איז תוכו כברו.

— פון וואַנען קומט עס צו דיר?

— איך בין, זייט איך לעב, משמש תלמידי חכמים, דאָס איז מיין עובדות... האָב איך אָבער מורא געהאַט, איך זאָל נישט נכשל ווערן אין אַ פאַלשן תלמיד־חכם, האָב איך מתפלל געווען דערויף צו גאָט, און עס איז געווען אַן עת־רצון, און מען האָט מיר געגעבן אַ חוש, צו דער־פילן דעם ריח פון דער תורה... פון דעמאָלט אָן, אַז איך גיי פאַרביי אַ תלמיד־חכם, דערפיל איך זיין מדרגה. פאַראַן אַ תלמיד־חכם, וואָס די תורה זיינע שמעקט מיטן ריח פון פריש ברויט פון אויוון אַרויס — דער לערנט אין פשטות אַריין... איז ער גרעסער במעלה, פיל איך זיין תורה, ווי פרישע עפּל... טיילמאָל ווי בלומען אויפן פעלד, טיילמאָל אויך — ווי פרישע בשמים...

— און ביים פרוש, וואָס פּילפּלטו, יוחנן?

— סמאָלע! ברענענדיקע סמאָלע פון גיהנום...

גלייבט נישט דער אורח־חיים; שווייגט ער.

און יוחנן זאָגט:

— רבי, עס איז אפשר גלייכער, אַז איר ווייסט, איר זענט דאָך מרא דאַתרא... און ווען איר וועט מיך דאַרפן, וועל איך אייך קומען צו הילף!

גאַפּט ער, דער „אורח־חיים”, און דער וואַסער־טרעגער נעמט ביי אים רשות און גייט אַרויס.

„מען דאַרף חוקר ודורש זיין” — זאָגט זיך צום צווייטן מאָל דער אורח־חיים און פאַרגעסט ווייטער.

איינמאָל דערמאַנט ער זיך דעריגען, איז ער זיך מישב, ער וועט גיין אין גרויסן בית־המדרש אַריין נאָך מעריב און אויספּרוּוון. קומט ער, זיצט שוין דער עולם און לערנט, דער פּרוש, ווי געוויינלעך, אויף זיין אָרט, גייט ער, דער אורח־חיים, אומישנע האַרט פאַרביי פאַרן פּרוש, זעט ער, ער איז עוסק אין קבלה מעשית... רירט ער זיך אָן אומישנע אַפילו אָן שטענדער — גאָרנישט, ער פילט נישט . . .

באַפאַלט אים אַביסל חולשות הדעת.

סטייטש? ער, דער „אורח־חיים”, פילט נישט, און יוחנן וואַסער־טרעגער פילט? ווי אַזוי קאָן דאָס געמאָלט זיין? קלערט ער ווייטער: עס מוז זיין אַ טעות . . .

זעצט ער זיך לערנען, לערנט זיך נישט. פאַרמאַכט ער דעם ספר, גייט אַהיים צו דער וועטשערע; עסט זיך נישט. וואַשט ער זיך, עסט אַ כזית, פון ברכה וועגן, און בענטשט... נעמט ער זיך אָנשרייבן אַ תשובה; פילט ער, אַז דער מוח איז אים נישט קלאָר, אַז ער איז נישט בקו הבריאה. גיט אים די רביצן עפּעס אַ היימישע רפואה; לייענט ער אָפּ „קריאת־שמע” און לייגט זיך אין בעט אַריין. קוים ער שלאָפט איין, אַזוי קעגן האַלבער נאַכט, חלומט זיך אים אַ שרעקלעכער חלום.

עמעץ וועקט אים, עפנט ער די אויגן אויף, שטייט פאַר אים דער פאָטער, עליו השלום, און זאָגט אים:

— דיין קהילה ברענט און דו פאַרלעשסט נישט דאָס פייער!

און ווערט נעלם.

שפּרינגט דער אורח־חיים פון בעט אַרויס און לויפט צו צום פענצ־טער, זעט ער, אַז פונדערווייטנס, פון דער חורבה הינטער דער שטאָט, ווו עס וווינט, לויט דער שמש האָט אים געזאָגט, דער פּרוש, רייסט זיך אַרויס אַ פייער, אַ רויט־פלאַמענדיק פייער, און ציט זיך אין שטאָט אַריין. קוקט ער ווייטער, זעט ער, ווי איין פייערדיקע צונג לעקט דעם דאַך פון שול און די צווייטע פון גרויסן בית־המדרש, און אַרום איבער די דע־

כער פון די באַלעבאַטים פליען פונקען און עס דויערט אזוי א ווײַלע און ווערט פאַרשוווּנדן.

ווערט ער, דער אורח־חיים, פאַרציטערט.

פאַרשטייט ער, אַז דאָס איז אַ התראה, אַז אין דער חורבה מוז זײַן אַ גרויסע זינד, אַז ער איז מחויב עפּעס צו טון; ווייסט ער אָבער נישט וואָס. דערמאָנט ער זיך, אַז יוחנן וואַסער־טרעגער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט אים דאַרפן, וועט ער אים קומען צו הילף. כאַפּט ער, דער „אורח־חיים", שטילערהייט, די רביצן זאָל נישט הערן, אויף זיך די בגדים און גייט אויף די נעגל אין דער ערשטער שטוב אַריין, וואו דער בית־דין־שמש האָט געשעכטיקט, און וועקט אים, און פרעגט אים, צי ער ווייסט נישט, ווו יוחנן וואַסער־טרעגער וווינט. מוז ער אים דריי מאָל איבערחזרן, איידער דער בית־דין־שמש געטרויט זײַנע אייגענע אויערן און אויגן... ער גלייבט נישט, דער „אורח־חיים" זאָל האַלבע נעכט דאַרפן יוחנן וואַסער־טרעגער, און שטייט און רייבט זיך אַלץ די אויגן. קוים מיט צרות איז ער צום גלייבן געקומען, און ער ווייסט, ווו ער וווינט — גייען זיי ביידע אַרום אָן אַ לאַמטערן, און אין גאַס איז חושך, און איינער זעט נישט דעם צווייטן, און קוים־קוים זיי טרעפן, נאָך מי און מאַטערניש, צו יוחנן וואַסער־טרעגערס דירה. קומען זיי צו צום פענצטער און ווילן אָנקלאַפּן, עפנט זיך דערווײַל די טיר פון אינעווייניק און יוחנן קומט אַרויס . . .

איך האָב, זאָגט ער, געוואַרט אויף אײַך, רבי . . . שוין צײַט צו פאַרלעשן דאָס פייער.

זעט דער אורח־חיים, ער ווייסט . . .

תוך כדי דיבור שפּאַלט זיך דער וואָלקן אין הימל און עס באַווײַזט זיך אַ שטראַל ליכט, דערזעט דער אורח־חיים, אַז יוחנן גייט מיט אַ האַק. פרעגט ער: וואָס באַטײַט די האַק? ענטפערט יוחנן, אַז זי וועט צוניץ קומען.

גייען זיי צו צו דער חורבה, ווו דער פּרוש וווינט... קומען זיי צו נאָענט, דערפילן אַלע דריי אַ ריח פון ברענענדיקער סמאָלע, וואָס רייסט זיך פון דער חורבה אַרויס און וואָס נענטער צו דער חורבה, ווערט דער ריח געדיכטער, ביז עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם... קומען זיי צו נאָך נענטער, רייסן זיך אַרויס פון דער חורבה משונהדיקע קולות, קולות פון נשים. וואָס זינגען, און פון קלעזמער, וואָס שפּילן, און אַ טופּען מיט

די פּיס פון טענץ, און אַז מען קומט נאָך נענטער צו — זעט מען ווי פּע־
דים פון ליכט שפּאַרן זיך אַרויס פון די שפּאַלטן...

הייבט אָן דער בית־דין־שמש צו ציטערן אויפן גאַנצן לייב פאַר
שרעק. וויל אים דער אורח־חיים מאַכן אַ לב. זאָגט ער אים, האַלט זיך
אָן ביי מיין גאַרטל, ציטערן אָבער אונטערן שמש די קני; פאַלט ער
אַנידער אין מיטן גאַס.

זאָגט יוחנן צום „אורח־חיים": רבי, לאָזט אים ליגן און קומט אין
חורבה אַריין, מיר זאָלן חס־ושלום, נישט פאַרשפּעטיקן...

פרעגט דער „אורח־חיים", צי ער ווייסט, וווּ די טיר איז.

ענטפערט יוחנן: מיין חוש־הריח וועט מיך פירן.

גייען זיי.

— און וואָס וועל איך דאָרט טון? — פרעגט דער אורח־חיים שטיל.

זאָגט יוחנן: יעדער זאָל טון זיינס. איר, רבי, וועט מלחמה האַלטן
מיט אייערע כוונות אין מוח, איך — מיט דער האַק! האַלט איר נאָר די
חברה פון דערווייטנס מיט השבעות; די רעשט פאַרלאָזט זיך אויף מיר...

און באותו הרגע עפנט ער די טיר אויף.

און זיי דערזעען אַ חתונה.

די חורבה איז באַלייכט.

אין דער הייך, און אַרום אויף אַלע ווענט, הענגען שאַרבנס פון
מתים, און אין די לעכער ברענען פלעמלעך פון רויט פייער . . . אָן אַ
זייט שטייען שוואַרצע קלעזמער און שפּילן אויף שוואַרצע כלים; און פון
די שוואַרצע כלים פליען אַרויס די קולות מיט פייערדיקע צונגען צוזאַ־
מען . . . און נאַקעטע נקבות, מיט קרענץ פון רויטן מאָן אויף די שוואַרצע
קעפּ, און פייערדיקע גאַרטלען אויף די לענדן, טאַנצן אַרום און אַרום אַ
ראָד, און פון אונטער די באָרוועסע פּיס, ציגענע פּיס מיט פּאָדקעוועס —
שפּריצן פייערדיקע פונקען... און אַ מהומה פון פלאַמען שלאָגט זיי פון
די אויגן, און פון די פייערדיקע גאַרטלען, און פון די מיילער צוזאַמען
מיטן געזאַנג . . .

אַ בדחן שטייט אויף און רופט: שבת! שבת! אַז עס הילכט...

און אינמיטן ראָד גייט אַ כלה־טאַנץ...

אויף אַ ווייס טיכל טאַנצט דער פּרוש מיט לילית דער כלה —

ער זינגט: באי כלה, באי כלה, און ציט איין צו זיך דאָס טיכל, לילית לאַכט און זיי טאַנצן שוין האַנט אין האַנט — —

— שבת! שבת! — רייסט זיך דער בדחן. שטאַרקער הילכן די כלים, ווילדער דרייט זיך דאָס ראָד, שרעקלעכער לויפן און וויקלען זיך די פּלאַ־מען, און לילית וויל שוין פאַלן דעם פּרוש אויפן האַרץ אַרויף, באותו הרגע אָבער האָט מען דערשפּירט די געסט, די נישט געבעטענע פרעמדע געסט, און מען איז פאַרציטערט געוואָרן.

עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ גערויש, אַ געקריצעריי מיט די ציין, דאָס ראָד צעלאָזט זיך, אַלע מאַכן פויסטן און ווילן צולויפן צו די נישט געבעטענע געסט...

נאָר דער אורח־חיים מיט זיינע כוונות האַלט זיי פון וויטן, מיט אויפגעהויבענע איינציקע פיס אין דער לופטן שטייען זיי אויף דער גרע־נעץ פון זיינע ד׳ אמות, און איבערטרעטן זיי קאָנען זיי נישט — זיי ווערן אַזוי ווי פאַרשטאַרט, ווי פאַרשטיינערט, נאָר אויסגעצויגן זענען די הענט, די ציין קריצן און אין די אויגן פלאַמט די שנאה — —

— צו הילף, צו הילף! — שרייט לילית אַרויס פון דער מיט.

און באותו הרגע הערט זיך אַ רעש, אַ געטומל פון דרויסן... אַ שטורעם־ווינט האָט זיך פון ערגעץ אויסגעריסן און לויפט אַרום דער חורבה און זוכט, ווי אַרום זיך אַריינצורייסן אין איר, און קאָן נישט... די גאַנצע חורבה ציטערט, אין שטורעם־ווינט הערן זיך טויזנטער גע־שרייען, — אַריינרייסן זיך קאָן מען זיך אָבער נישט. דער „אורח־חיים" האַלט אָפּ מיט זיינע כוונות, מיט זיינע השבעות... און פול ווערט די חורבה מיט כוונות און השבעות און דער שוואַרצער עולם שטיקט זיך אין דער לופט, מיילער עפענען זיך ברייט, רויטע צונגען שטעקן זיך אַרויס... און זיי טרעטן אָפּ, און רוקן זיך אין די ווינקעלעך אַריין, ווערן איינגעשרומפּן.

און באותו הרגע כאַפּט יוחנן די האַק און צילט מיט איר, און וואַרפט און טרעפט ליליתן אינמיטן קאָפּ אַריין, און די האַק שפּאַלט זי איבער פון קאָפּ ביז אַראָפּ צו די פיס — —

און באותו הרגע פאַלט דער פּרוש מיטן פּנים צו דער ערד... די ווינטן הערן אויף, די געשטאַלטן פאַרשווינדן, די כלים פּלאַצן, די לעמפּ־לעך לעשן זיך אויס, די שאַרבנס פאַלן אַראָפּ פון וואַנט און באַלקן און צעפאַלן אויף שטויב — שטיל... און אַ שוואַרצע בריאה מיט שוואַרצע

פליגל באפט דעם ליגנדיקן פרוש פון דער ערד, רייסט, פליענדיק מיט אים, אויף א פענצטער, און ווערט מיט אים נעלם...

דורך דעם פענצטער רייסט זיך אריין א פרישער פארטאג...

— אזוי, אזוי, רבותי! — זיפצט אפ דער „אורח־חיים.

נעלם איז געוואָרן דער פאלשער פרוש; ווער ווייסט, אויב ער איז געקומען לקבורת ישראל. אין שטאט האט מען געמיינט, אז ער איז געגאנגען אפריכטן גלות . . .

דעם בית־דין־שמש האבן מיר, יוחנן און איך, קוים דערמינטערט און אהיימגעפירט — עס האט קיין בן־אדם נישט געזען...

די רביצן האט פון גארנישט געוווסט. זי האט נישט געזען, ווי איך בין ארוים און ווי איך בין געקומען... אינדערפרי פרעגט זי מיך, וואס איך בין אזוי בלייך; מאך איך מיך נישט הערנדיק... אז יוחנן וויל, עס זאל בלייבן בסוד...

אצינד ווייסט איר שוין, וואס אזא יוחנן קאן באדייטן?

אזא פראסטער ייד האט א חוש־הריח און פילט, וואס אן „אורח־חיים" פילט נישט...

און ווען אן „אורח־חיים" האט מחשבות, כוונות, השבעות, האט דער פראסטער ייד א יד, און א האק אין דער יד, און קלערט נישט, און ווארפט וווּ מען דארף, און טרעפט . . .

און דאס אלץ מיטן כוח פון א קאפיטל תהלים . . .

איר פארשטייט?

און אז יוחנן וואסער־טרעגער קומט אויף יענער וועלט, ווער מיינט איר, קומט אים אנטקעגן? דוד המלך מיטן פידעלע!

דאס האט מען מיר אין חלום געוויזן...

אזוי האט דער אורח־חיים דערציילט —

ב) „שמע ישראל״

אָדער

דער באַם

אין טאָמאַשאָוו — א קליין פויליש שטעטל, וואָס ליגט אויף דער גאַליצישער גרענעץ, — האָט זיך אַמאָל, אין א שיינעם העלן טאָג, באַוויזן א בחור, אַן אָרעמער בחור, וואָס קיינער האָט נישט געוווסט, פונוואַנען ער איז געקומען, ווו ער טאָגט און ווו ער נעכ־טיקט, און וואָס פלעגט זיך פון צייט צו צייט באַווייזן און בעטן עסן.

מילא „כל הפורש יד״ — ווער עס שטעלט אויס א האנט, דעם גיט מען. בפרט אז דער בחור נעמט נישט, נישט קיין פרוטות, נישט קיין מאכלים, נאָר א שטיקל טרוקן ברויט, איז דאָך אַוודאי „אין בודקין למזונות״ — פרעגט מען נישט, ווער און וואָס; עסן קומט יעדער לעבע־דיקער נשמה. באַמערקט מען אָבער, אַז עס איז א משונהדיקער בחור. אויגן האָט ער, וואָס קוקן, דאכט זיך, ווייט־ווייט, און וואָס אין די ד׳ אמות טוט זיך, זעען זיי נישט; און מיט די לעפלעך פון די אויערן רירט ער שטענדיק, ווי אַנדערע מיט די ברעמען איבער די אויגן, גלייך ער וואָלט שטענדיק געכאַפּט קולות פון דער לופט; כאָטש עס איז שטיל, ווי פאר שופר־בלאָזן. און דעריבער, ווייל ער זעט, מכלומרשט, אַזוי ווייט און הערט אזוי ווייט, איז ער שטענדיק פארחושט, אַז מען גיט צו אים אַ רייד, ווערט ער פאַרציטערט, גלייך מען וואָלט אים געוועקט פון יענער וועלט, און אַז ער ענטפערט, ענטפערט ער אָדער „יאָ״ צי „ניין״. א ניט — פאַרפלאָנטערט ער זיך אין די אייגענע רייד, ווי אין אַ נעץ; עס קומט אים דער שוויים אויפן שטערן ארויס, און קאָן זיך נישט אַרויסאַרבעטן...

און פלעגט אַמאָל אַ באַלעבאָס, צי אַ באַלעבאָסטע וועלן זיך באַ־נוצן מיטן בחור און שיקן אים אַ גאַנג, פלעגט דער בחור פארלוירן ווערן

אויף עטלעכע טעג און קומען צוריק מיט א תשובה קאַפּויער, נישט גע־פלויגן, נישט געשטויגן. און נישט חלילה, פאַר פוילקייט, נאָר פאַר פאַרחושטקייט.

— האָסט געטראָפן דעם און דעם? (צו וועלכן מען האָט אים געשיקט).

— ערשט היינט.

— און ביז אהער?

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען אין שליחות, האָט ער אויפן וועג געטראָפן אַ מייזל, האָט דאָס מייזל געפּישטשעט, עס האָט אוודאי נישט געקאָנט טרעפן אהיים... דערנאָך האָט מען אים צוגערופן פון דער הייך, עפּעס א פויגל, — איז ער נאָכגעלאָפן, וכדומה, און ער איז ערשט היינט געקומען, ווו מען דאַרף; און מען האָט אים געזאָגט — און דאָס, וואָס מען האָט אים געזאָגט, אָדער ער האָט פאַרגעסן, אָדער באַלד נישט פאַרשטאַנען. אַזוי קומט אַלץ אַרויס קאַפּויער, און ער שמייכלט — בתמימות, און שטעקט אויס די דאַרע האַנט נאָך אַ שטיקל ברויט — ער האָט איבער דער גאַנצער צייט אין מויל נישט געהאַט.

אין אַן אָרעם שטעטל אָן עסקים, זומער־צייט, גרויסע ליידיקע טעג, זיצן באַלעבאַטים ביי די פענצטער און גענעצן, און קוקן אַרויס אין מאַרק אַריין, עס זאָל זיך עפּעס באַווייזן, עס זאָל זיין אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. שטייט אַזוי אַ באַלעבאָס ביי זיין פענצטער, דערזעט ער דעם פרעמדן אָרעמען בחור, רופט ער אים צו. ער האָט נישט וואָס צו טון, שוין אַלע פליגן אויסגעכאַפּט, וועט ער אים חוקר ודורש זיין.

— קום נאָר, בחור, אין שטוב אַריין.

שאָקלט דער אָרעמער בחור מיטן קאָפּ אין דער ברייט; ער וויל נישט.

— פאַרוואָס?

— אַזוי! — זאָגט ער.

לאַכט דער באַלעבאָס און פוילט זיך נישט, און גייט אַרויס צום בחור פאַר דער טיר און זעצט זיך אויף דער שוועל, און הייבט אָן:

— ווי הייסטו, בחור?

— ווי איך הייס? — חזרט דער בחור איבער, — אברהם! דאַכט זיך מיר אברהם; יאָ — אברהם!

— דו ווייסט נישט אויף זיכער?

ער איז קיינמאָל נישט זיכער. ווי קאָן מען זיין זיכער? עס דאַכט זיך אַזוי פיל.

קייכט דער באַלעבאָס.

— און אויפן צונאָמען?

פון דעם ווייסט שוין דער בחור גאָרנישט. און ער פרעגט איבער בתמימות, צי מען דאַרף אַ צונאָמען.

זאָגט דער באַלעבאָס:

— אוודאי, עס קאָן זיין אַ סך אברהמס, קאָנען זיי זיך אויסמישן...

— נו, וואָס איז?

— און וועמעס ביסטו, בחור?

— דעם טאַטנס.

— און ווי הייסט דיין טאַטע?

— טאַטע הייסט ער.

— און וווּ וווינט דיין טאַטע?

— דאָ, וווּ דיין טאַטע וווינט! און דער בחור הייבט אויף אַ פינגער און ווייזט אין דער הייך אַרויף צום הימל.

— אַ שני פּרי! — שמייכלט דער באַלעבאָס, און פרעגט ווייטער:

— און קיין אַנדערן טאַטן האָסטו נישט?

— ניין!

— און אַ מאַמען?

— מען דאַרף דען?

קייקלט זיך דער באַלעבאָס פאַר געלעכטער, און דער בחור פרעגט:

— מעג איך שוין גיין?

— באַלד, באַלד! — ענטפערט דער באַלעבאָס, וואָס שמעלצט זיך פאַר נחת, — פון וואַנען קומסטו, חכם איינער?

— פון דאָרף!

— ווי הייסט דאָס דאָרף? וווּ ליגט עס?

דאָס ווייסט ער נישט, דער בחור.

— ווייט פון דאַנען?

ער איז געגאנגען און געגאנגען, און געגאנגען...

און דער בחור חזרט אזוי פיל מאָל איבער דאָס וואָרט „געגאנגען", ביז די ליפּן ווערן אים מיד און ענדיקט: און נאָך געגאנגען!

— וויפל טעג און וויפל נעכט?

ער האָט נישט געציילט.

פאַלט איין דעם באַלעבאָס צו פרעגן:

— און דאַווענען קאָנסטו?

דאַווענען? מוז אים דער באַלעבאָס פאַרטייטשן, וואָס מען מיינט „דאַווענען", און נאָך ניין מאָס פון באַלעבאַטישע רייד, שטויסט זיך דער בחור, אז ער מיינט: שמועסן מיטן טאטן.

— יאָ, יאָ! — זאָגט דער באַלעבאָס, און עס דאכט זיך אים, אז די געדערים דרייען זיך אים אום פאר געלעכטער.

ער קאָן „שמע ישראל".

— ווער האָט דיך געלערנט?

דערציילט דער בחור, אז גייענדיק, פון דאָרף דורכן וואַלד, אין שטאָט אריין, האָט אים געטראָפן זייער אַן אַלטער מאַן. האָט אים דער אַלטער מאַן געזאָגט, ווער זיין טאטע איז. און האָט אים אויסגעלערנט ריידן מיטן טאטן, זאָגן „שמע ישראל". און כאָטש ער פארשטייט נישט, וואָס ער רעדט צום טאטן, זאָגט אָבער דער אַלטער, אז דער טאטע פאַר־שטייט און האָט הנאה דערפון.

— און ווען רעדסטו מיטן טאטן?

— צוויי מאָל אין טאָג.

און דערביי שפּילט ער.

— דו שפּילסט? אויף וואָס?

אויף וואָס עס איז.

אין דאָרף פלעגט ער שפּילן אויף גרעזלעך, אויף שאַוער; דערנאָך האָט מען אים אויסגעלערנט מאכן א הילצערן פייפערל, האָט ער געשפּילט אויפן הילצערנעם פייפערל... אין שטאָט האָט מען אים געשענקט א ליימען פייפערל, שפּילט ער דערויף...

— און מען זאָל דיר, למשל, געבן א פידל?

פלאַמען אויף דעם בחורס אויגן: אי, וואָלט ער געוואָלט א פידל, ווי

די שטאָטישע קלעזמער האָבן. בפרט אַזאַ גרויסע, גרויסע כּלי, וואָס מען טראָגט אויף אַ רימען... אַי, וואָלט ער געשפּילט — — —

— נאַר, — טרייבט ווייטער קאַטאָוועס דער באַלעבאַטישער חוקר־ודורש: — אפשר וועט מען דיר קויפן אַזאַ כּלי, ווייז נאָר פריער, וואָס דו קאָנסט!

נעמט דער בחור אַרויס פון בוזים אַ לײמען פייפערל און פייפט.

ווי ער פייפט, ווערט אַ גערודער אונטערן הימל, עס קומען זיך צו־לויפן מחנות פייגל און פליען אַרום אין דער הייך, און דער בחור קוקט אַרויף צו זיי און שמייכלט און באַהאַלט צוריק דאָס פייפערל.

דער באַלעבאָס האָט אָבער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן און דאָס אַליץ נישט געזען. צום קול פון פייפערל איז אַרויס פון שטוב די באַלע־באָסטע. הינטער איר — די דינסט, צום פענצטער זענען צוגעקומען צוויי פּאַרפאַלק און קוקן אַרויס. וויל דער באַלעבאָס ווייזן זיין חריפות און פאַרשט ווייטער דעם בחור —

— און פון וואָס האָסטו געלעבט אין וואַלד?

פון שוואָמען האָט ער געלעבט.

אַ, ער איז כּאָטש אַ מבין אויף שוואָמען!

— און פריער אין דאָרף?

פון וואָס מען האָט אים געגעבן!

— ווער האָט דיר געגעבן?

אַ פּויער, אַ פּויערטע, אפילו דער גלח און דער קרעטשמער...

— און וואָס האָט מען דיר געגעבן?

און דער באַלעבאָס האַלט איין דעם אָטעם; דאָ דאַרף אַרויס די נאָל פון זאַק.

און דער בחור ענטפערט בתמימות, אַז מען האָט אים געגעבן, אי קרויט, אי באָרשטש, אי פלייש, אי ברויט — נאָר געגעסן האָט ער נאָר ברויט, — אַנדערע עסנוואַרג האָט ער גענומען און געוואָרפן די פייגל.

— און פאַרוואָס — נאָר ברויט?

ער האָט ליב נאָר ברויט; אַנדערע מאכלים האָט ער פיינט.

וואָס ער עסט, האָט אים געפרעגט דער אַלטער אין וואַלד אויך. און אַז ער האָט אים פאַרציילט, אַז ער עסט נישט מער ווי ברויט, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַז ער האָט אים ליב דערפאַר; און האָט אים דערפאַר

אויסגעלערנט ריידן מיטן טאטן, — און דעם אלטן האט ער אזוי ליב, אזוי ליב... און זאגן זאגט ער אזוי ערנסט „שמע ישראל", ווייל דער אלטער האט אים געהייסן . . .

לאזט אים נאך דער באלעבאס נישט אפ און פרעגט:

— און ווען דער אלטער זאל דיך הייסן גנבענען?

וואלט ער געגנבעט.

— און גזלען?

— וואלט ער געגזלט...

נאר ער וועט נישט הייסן, ער איז א גוטער, דער אלטער.

— אבער פארט, ווען ער קומט און הייסט דיר הרגענען א מענטשן?

וואלט ער געהרגעט.

— און וואלסט נישט קיין מורא געהאט פארן טאטן?

פארוואס זאל ער מורא האבן?

פאר זיין שטראף.

דאס ערשטע מאל האט זיך דעם בחורס פנים צעשמייכלט:

— איר מאכט חוזק; א טאטע שטראפט נישט!

דערווייל האט מען געקלאפט אין שיל צו מנחה, איז דער באלעבאס געלאפן אין בית המדרש אריין, דערציילן צווישן מנחה ומעריב, ווי קלוג ער האט אויסגעפרעגט דעם בחור...

עס וואלט, פארשטייט זיך, געווען פארן שטעטל אן עסק, ווען נישט, וואס עס האט זיך געמאכט אן אנדער מעשה.

די קהילה האט געהאט א קאפעלע: צוויי פידל, א פלייט, א קלארנעט, א „באמציקצאק" אדער א „קלאפטעלער", ווי מען רופט דאס אין אנדערע מקומות. און צום רומל, ווי דער שטייגער איז, — א באס. אן ארעמע קאפעלע, שפילט אויף יידישע פארשפילן און חתונות, מאכט א פאר גראשן פורים און חנוכה. און טיילמאל, אז אנדערע קאפעלעס זענען פאר־נומען, נעמט מען זיי צו קלענערע פריצים אויף א באל. קיין חריפות אין שפילן האט די קאפעלע נישט באוויזן.

מאכט זיך א מעשה: ווינטער־צייט, די קאפעלע גייט פארטאג צוריק פון א קליינעם פריצישן באל. א קאפ האט מען גענומען, עסן ווי עס דארף צו

זיין, האָט מען נישט געטאָרט, קוים פאַרביסן מיט אַ בראָקן ברויט, — גייט דער עולם צעוואָרפן, האַלב זינגענדיק, ברומענדיק, שילטנדיק, און דער באָס, וואָס טראָגט די שווערסטע כלי, שלעפּט זיך נאָך פון הינטן. קוים, קוים וואָס ער ציט אויס־און־איין די פּיס פון שניי, — אַן אַלטער מאַן געוועזן און אַ שוואַכער. רופט ער און שרייט, און בעט זיך, מען זאָל נישט אַנטלויפן פון אים, הערט מען אים „ווי דעם רב"; דער עולם גייט צעוואָרפן. אין מיטן הייבט מען זיך אָן צו ווערטלען, צו שילטן, עס קומט זיי גאָר אויס אינמיטן וועג אַ סכסוך אין חשבון. און ניכטערן, ווי געזאָגט, איז מען נישט... דערווייל בייט זיך דאָס וועטער; עס גיט אַ יאָג אָן אַ פרישער שניי. מאַכט דער עולם פּיס; ווערט מען אַביסל אויסגעניכטערט און מען לויפט. קומט מען אין שטאָט אַריין, כאַפּט זיך יעדערער צו זיין הייזל. פאַלט יעדער איינער ווי אַ הרוג, אויף זיין בעט — שלאָפן שלאָפט מען אָבער נישט לאַנג: דער באָס איז נישט אַהיימגעקומען, און דאָס ווייב זיינס לויפט אַרום צו די קלעזמער מיט אַ געוואַלד, רייסט זיי פון די בעטן אַרויס: וווּ איז מיין מאַן? וווּ איז מיין מאַן?

קוים די פאַרשיכורטע פון בראָנפן און פון שלאָף קומען צו זיך און פאַרשטייען, וואָס מען רעדט צו זיי, כאַפּט זיי אָן אַ שוידער. כאַפּט מען און מען לויפט אַרויס זוכן דעם באָס; קיין וועג, קיין שטעג — ווייסע, גלאַטע תכריכים — פרישׂ אָנגעפאַלענער אומשולדיקער שניי, גיי ווייס ווו דער באָס ליגט — —

קומט מען צוריק מיט גאָרנישט. איין האָפענונג איז נאָך, אפשר האָט ער, דער באָס, שכּל געהאַט און אַראָפּגעכאַפּט זיך אין אַ דערפל אַריין.

עס גייט אַוועק אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, דער פראָסט האָט שוין געלאָזט, דער שניי איז האַלב צעגאַנגען; עס איז פרייטיק, דער עולם גייט, לכבוד שבת, אין באָד אַריין, מען פרעגט זיך נאָך אויפן באָס און קיינער ווייסט קיין נייעס נישט. פּלוצים קומט אָן צופאָרן און שטעלט זיך אָפּ אינמיטן מאַרק אַ פויערשע פור מיטן פאַרפרוירענעם, מיטן באָס... מען האָט געכאַפּט דעם בר־מנן און געשווינד קובר געווען פאַר ליכט בענטשן... מען האָט מורא געהאַט פאַר פּאַלמעסן... מען איז שיר־נישט אַריינגעפאָרן אין שבת אַריין... צומאַרגנס לאָזט די אלמנה נישט אויסנעמען, — פינף קליינע וועריס האָט ער איבערגעלאָזט דער באָס. מוצאי שבת איז אַן אסיפה, מען רופט די קלעזמער, קהל האָט קיין פאָנדוש נישט און

וויל, די קלעזמער זאָלן זיך באגיין אָן א באס און צאָלן דער אלמנה; די קלעזמער טענהן: לא כי! די קאַפּעליע אָן א באס איז קיין קאַפּעליע נישט,
— אויף יידישע שמחות וואָלט מען זיך, מיט קהלס הרשאה, אפשר באַגאנגען, נאָר א פּריץ וועט אָן א באס נישט אויסשטעלן קיין פוס צום טאנצן... טענהט דער רב, אז מקיים זיין א נפש מישראל איז מער ווערט ווי א קאַפּעליע מיט א פּריצישן טאנץ; טענהן די קלעזמער, אז דער רב, זאָל ער זיי מוחל זיין, איז אין מוזיק־זאַכן קיין בר הכי נישט. ווערט א געשריי: שקצים! —

גיט דערווייל אונדזער חוקר ודורש, דער באַלעבאָס, וואָס האָט אַזוי קלוג אויסגעפרעגט דעם בחור, א קלאַפּ אין טיש אריין:

— שאַט, רבותים!

ער האָט אַן עצה, ער האָט א בחור, וואָס גלוסט צו א באס און קאָן אוודאי שפּילן... זאָל מען דעם בחור חתונה מאכן מיט דער אלמנה, וועט זיין אי דער וואָלף זאַט, אי די ציג גאַנץ, און קהל וועט א דרייער נישט קאָסטן...

ער האָט אפשר געמיינט אויף קאָטאָוועס, נאָר קהל און רב פון איין זייט און די קלעזמער פון דער צווייטער זייט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עצה, ווי א טרינקענדיקער אָן א ברעט; די אלמנה האָט אויך באַשטאַנען, אברהמל בחור אויך, און מען האָט נאָך דעם זעלביקן חודש געשטעלט א חופּה . . .

און אומגעריכט האָט אברהמל בחור באַקומען א ווייב מיט פינף קינדער מיט א מאָל, און א באס מיט א סמיטשיק.

מיטן ווייב לעבט ער בשלום: ער קומט נישט אין שטוב אריין; נעבעכיקט פאַר דער טיר; דרייט זיך גאַנצע טעג ערגעץ ארום, אויסער, אז עס מאַכט זיך א שמחה אין שטעטל אָדער א באַל ביי א פּריץ און ער שפּילט. ווערט ער הונגעריק, קלאַפּט ער אָן צום ווייב אין פענצטער, דערלאַנגט זי אים אַרויס א שטיק ברויט, ווערט ער דערמיט נעלם, ביז ער ווערט ווייטער הונגעריק... שכנות פרעגן די באַסיכע וועגן שלום־בית, לאַכט זי: עס איז איר וויל ווי די וועלט! וואָר דאַרף אָן אַלטע יידענע? ער עסט נישט און טרינקט נישט, זאָגט איר נישט א שלעכט וואָרט; חשבונות מיט דער קאַפּעליע האָט זי, דעם חלק פאַרדינסט גיט מען איר אין האַנט אריין . . . וואָס פעלט איר?

און אברהמלען, זעט אויס, האָט אויך נישט געפעלט. אין דער התחלה האָט ער געהאַט צרות פון די קלעזמער, ווייל ער פלעגט קיינמאָל נישט אַריינטרעפן אין ניגון אַריין; דער באַס שפּילט פאַר זיך... זיי הערן שוין אויף צו שפּילן, און אברהמל טוט זיך ווייטער זיינס בשלמות, גלייך ער וואָלט אונטערגעהאָלפן גאָר אַן אַנדער קאַפּעלע, וואָס שפּילט ערגעץ ווייט, ווייט, און קיינער הערט נישט, נאָר ער אַליין. נאָר מיט דער צייט האָט מען זיך צו אים צוגעוווינט... ביי אַ פּריץ האָט מען שוין געוווסט, וואָס צו טון. אַז דער ניגון האָט זיך געדאַרפט ענדיקן, האָט אים איינער פון די קלעזמער אָנגעכאַפּט ביים סמיק און צוגעהאַלטן, — און אויף יידישע חתונות האָט מען אים אומישנע געלאָזט ווייטער שפּילן און דער עולם פלעגט פּלאַצן פאַר געלעכטער; מען פלעגט דערמיט גאָר שטאַרק משמח זיין דעם עולם, בפרט ביי דער גרויסער וועטשערע צום טיש!

און קהל איז אוודאי צופרידן געווען פון אברהמלען. שטיל און ציכטיק, זיצט ער שטענדיק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אַ וואַנט און מיט די פּלייצעס צום עולם, ער זאָל קיין נקבות נישט זען... נעמען אין מויל אַריין אויף אַ חתונה פלעגט ער בשום אופן נישט; ער האָט מיט זיך זיין שטיקל ברויט. מען זעט אַפילו נישט, ווען ער עסט, און אַ גאַנץ גייענ־דיק יאָר קאָן מען יוצא זיין מיט אים פאַר אַ שול־קלאַפּער.

וואָרום אַ מינהג האָט ער געהאַט, דער אברהמל, אַז דריי מאָל אין טאָג פלעגט ער זאָגן „שמע ישראל" אויפן באַס. אינדערפרי, ווען די זון האָט אויפגעשיינט, פאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, און חצות... אינדערפרי און פאַרנאַכט פלעגט ער עס טון ביים וואַסער אויף דער לאַנקע הינטער דער שטאָט, און צו חצות — אינמיטן מאַרק, און די קולות פון זיין באַס פלעגן זיך צעשווימען אין דער שטילער מוטער־נאַכט און אַריינרייסן זיך דורך טיר און טויער און לאָדן אין די שטובן, אין די הערצער אַריין... און אין די קולות האָט געשטעקט אַזאַ ערנסט־כוונה־דיק תמימות, אַז ווען דער שול־האַמער האָט נישט געוועקט, דער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון באַס, פון די קולות: בו, בו, בוהה, בוהה... און יידן פלעגן זיך, נישט ווילנדיק, אַרויסרייסן פון די בעטן לעבודת הבורא, אָנצינדן ליכט און לויפן צו חצות.

אַ פּריץ פלעגט אַמאָל אָפּלאָזן אַ פּריצה אינמיטן טאַנץ און צולויפן

צו אברהמלען און אויסרייסן אים א פאה פאר א שלעכטן אריינפאָרן אין ניגון; קהל האָט אויף שמחות פון אברהמלען געלאַכט, און א גאַנץ גייענדיק יאָר, אויפכאַפּנדיק זיך פון באַס צו חצות, — אָפּזיפצן:

— נעבעך, א תם, נאָר אין זיינע קולות שטעקט עפּעס, עס מוז עפּעס שטעקן.

אנדערע האָבן געזאָגט:

— נעבעך, א שטומע נשמה, וויל רעדן מיטן בורא און האָט קיין אנדער לשון נישט.

איינמאָל האָט זיך אין טאָמאַשאָוו געמאַכט א גרויסע חתונה, אַזאַ חתונה טרעפט זיך אַמאָל אין א יובל!

א שפּאַס! עס האָט זיך משדך געווען דער לובלינער פּרנס מיטן קראָקעווער רב, און טאָמאַשאָוו איז אינמיטן וועג!

וויל דער לובלינער פּרנס מהנה זיין דעם קראָקעווער רב מיט א חתונה — ער זאָל ווּיסן, מיט וועמען ער האָט געטאָן.

הייסט ער אַרויסקייקלען פון קעלער א פעסל רענדלעך אויף הוצאות החתונה; שיקט ער אַראָפּ סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו, מען זאָל אַלץ אָנגרייטן כיד המלך — ווי עס פּאַסט פאַר א לובלינער גביר א פּרנס, וואָס האָט זוכה געווען צו טון מיטן קראָקעווער רב!

קומען די לובלינער סאַרווערס קיין טאָמאַשאָוו און זוכן קודם־כל אויס אן אָרט פאַר דער חתונה: עס וועלן זיין לובלינער, קראָקעווער און א היימישער — טאָמאַשאָווער עולם! עס וועלן קומען גבירים, באַלעבאַטים, מיוחסים, לומדי תורה און דיינים...

און דריי קאַפּעלעס וועלן שפּילן. די לובלינער, די קראָקעווער און די טאָמאַשאָווער וויל אויך נישט אָפּטרעטן.

שטענדיק שטייט, כמעט שוין הינטער דער שטאָט, א שאָפּע א גרויסע, וווּ עס האָט זיך איבערן ווינטער געטריקנט סוחריש האָלץ, וואָס איז שוין היינט ביי דער ווייסל, צו שווימען קיין דאַנציק. דינגען די סאַרווערס אָפּ אויפן גבירס חשבון די שאָפּע — א תיבה א גאַנצע, און לאָזן זי אויסמאָלן פון אינעווייניק מיט אַלערליי בילדער, און הענגען זי אינעווייניק אויס, ווי א סוכה, מיט טייערע יריעות — געשפּונענע פאָרהאַנגען, און מען שטעלט טישן פון עק תיבה צום עק תיבה, פאַר מענער

באַזונדער און פֿאַר ווייבער באַזונדער, און די ווענט באַהענגט מען מיט העסעם פֿון פּאַפּירענע לאַמטערנס — אַ רחבות פֿאַר פּערציק מנינים. און איין אַריינגאַנג, באַזונדער פֿאַר ווייבער, באַזונדער פֿאַר סאַרווערס, עקס־טראַ פֿאַר די קלעזמער, און אַ גרויסער טויער אינדערמיט, מיט אַן אויס־געמאָלטן כתר־תורה אין דער הייך פֿאַרן קראָקעווער רב און אַנדערע געסט...

און דער טאָג פֿון דער חתונה איז געקומען, געסט קומען נאָך אַלץ און קומען. מען צעשטעלט זיי ביי באַלעבאַטים אין די הייזער, יעדערער האַלט זיך עס פֿאַרן גרעסטן כבוד און טרעט אָפּ די שענסטע שטוב. און אַז מען זעצט זיך צו דער גרויסער וועטשערע ביי די טישן, און אַז עס צעברענען זיך די ליכט אויף די טישן אין שבתניקעס און אויף די ווענט אין העסעם און פּאַפּירענע לאַמטערנס, און עס צעפֿינקלען זיך ביי די ווייבער די אויררינגלעך מיט די שטערנטיכלעך און ברוסט־טיכער — איז די שאַפּע פֿול געוואָרן מיט ליכט פֿון דער תורה — קראָקעווער און לובלינער לומדים; טאָמאַשאָווער אינדערמיט... אויבן אָן דער קראָקע־ווער רב.

גייען אַ שורה סאַרווערס מיט גרויסע טעלער פֿיש, הייבן אָן קלינגען זילבערנע גאָפּל־מעסער, מישט זיך אויס מיטן פֿריילעכן זומען פֿון די ווייבער ביי זייער טיש, — שווימט איבער אַלעם אַ שמועס פֿון תורה ביים קראָקעווער רבס טיש — פֿאַלט אָבער אינמיטן אַריין די מוזיק מיט אַ פֿריילעכס... דריי קאַפּעליעס, עס הילכט, עס ציטערן פֿאַר פֿרייד די פּלעמלעך אויפֿן טיש, אַרום אויף די ווענט, שפּאַרט זיך אָן דער קראָקע־ווער רב אויפֿן אָנלען און שעפּט נחת, אַ גרויסער מבין געווען אויף מוזיק...

און פֿון „פֿריילעכס" גייען די קאַפּעליעס איבער אויף אַ „וואָלאַך", פּשוט איבערגעשוווימען, מען האָט דעם איבערגאַנג נישט געפֿילט — עס שווימט, עס פֿליסט אַ „וואָלאַך" — אַ קראָקעווער פֿידל שפּילט, רעדט דבורים, שליסט אויף די הערצער און גיסט זיך אַריין... און דריי קאַ־פּעליעס האַלטן שטיל און ציכטיק אונטער... און עס דאַכט זיך, אַ וואַ־סער פֿליסט, אַ וויסל האָט זיך אויסגעגאָסן גלענצנדיק, און וויגט זיך שטיל, און ברומט, און ציטערט לכּבֿוד דעם חתן מיט דער כּלה און לכּבֿוד דעם קראָקעווער רב מיט די טייערע געסט, און איבערן וואַסער פֿליט אַרום,

הפלא ופלא, א פויגל, און שפילט, און שפילט אזוי זים־חנעוודיק־ווייגענדיק — א שטילע „יעלה" נאָך א „יעלה" און אינמיטן אויסגעשרייען, לוסטיקע, פריילעכע, געהויבענע — און ווייטער אראָפּ צו א „יעלה" — עס איז טאקע א שמחה, נאָר מען טאָר אין גלות נישט פארגעסן אָן גלות השכינה — און ווייטער אָן אויסגעשריי פון שמחה: פּאָרט אזא חתונה, א קבוץ פון לומדים, און דער קראָקאָווער רב בראש (א לובלינער חזן האָט עס אויסגעשטעלט), און די קאַפּעלע ווערט פלוצלינג ווי מיטגעריסן, אַלע כלים שפּילן, הויך, הויך, ארויף, ארויף, גלייך מען קלעטערט מיט גרויס שמחה ארויף פון א מדרגה צו א מדרגה, עס רוישט, עס טאנצט, עס בליצט —

און פלוצלינג ווערט אַלץ אָפּגעריסן מיט אַמאָל, גלייך אַלע סטרונעס און אַלע כלים וואָלטן געפּלאַצט — שטיל, נאָר אין דער שטילקייט הערט זיך: בו, בו, בוה... איין אברהמל שפּילט ווייטער, אַלע אויגן ווענדן זיך צו זיינע פּלייצעס, — שטיל, קיינער רירט מיט קיין ברעם נישט, נאָר אברהמלס האנט רירט זיך, ציט זיך אויס, ציט זיך איין מיטן סמיטשיק:

— בו, בו, בוה, בוהה...

דאָס האָבן די קלעזמער אומישנע געטון, משמח צו זיין דעם עולם אויף אברהמלס חשבון...

עס איז זיי אָבער נישט געראָטן...

די קלעזמער קוקן און וואַרטן, דער עולם זאָל ארויספּלאַצן מיט א געלעכטער, נאָר דער עולם קוקט אויף אברהמלען און פירט איבער די אויגן צום קראָקעווער רב; מען וועט אין זיין קעגנוואַרט נישט לאַכן; די פּנימער רונצלען זיך, די ליפּן קרומען זיך אויס, פון די אויגן שפּאָרט ארויס דאָס געלעכטער, נאָר מען קוקט אויפן קראָקעווער רב און מען וואַרט, און דער קראָקעווער רב זיצט אָנגעשפּאַט מיטן שטריימל אויף דעם אָנלען פון שטול און די ברעמען זענען אראָפּגעלאָזט איבער די אויגן

— צי האָט ער נישט איינגעדרעמלט, דער קראָקעווער רב?

און דער באַס שפּילט נאָך אַלץ:

— בו, בו, בוהה, בוהה...

אומהיימלעך ווערט דער עולם.

פלוצלינג ווענדן אַלע די אויגן אָפּ פון קראָקעווער רב צו דער מיטל־

סטער טיר. עס הערט זיך פון הינטער דער טיר א גערויש, טריט הערן זיך, פאַרוועררס לויפן צו, עפּענען און רופן דערשראָקן אויס:

— ניין, ניין: עס וועט זיין פאַר אייך אַן אָרעמע וועטשערע...

פאַרשטייט מען, אָרעמע לייט ווילן אַריינקומען, דער קראָקעווער רב עפנט די אויגן אויף און וויל עפּעס זאָגן, מן הסתם, מען זאָל אריינ־לאָזן, ווי דען?

נאָר באותו הרגע באַווייזט זיך אין טיר אַן אַלטער מאַן אין א צעריסענעם ספּאָדעק, מיט צעשויבערטע, גראָע באָרד און פּאות, א בעטלער ווי אַלע בעטלער, נאָר מיט אויגן, וואָס קוקן מיט דער גדולה פון א מלכות, מיט א תנועה פון דער האנט פון א מלכות, — פאַרוועררס דערשרעקן זיך און רוקן זיך אָפּ פאַר זיין בליק, נישט ווילנדיק, מיט גרוים דרך ארץ; ער מאַכט מיט דער האַנט — און זיי מאַכן אים, נישט ווילנדיק, א וואָרע, — דער אַלטער, אָנגעטון אין בגדי קבצן שבקבצנים און מיט אויגן און תנועות פון א מלך, קומט אַריין, הינטער אים גייט א חברה בעטלער, און דער אַלטער קומט אינמיטן שאָפּע אריין, און שטעלט זיך אָפּ, הינטער אים שטעלט זיך אָפּ די גאַנצע חברה קבצנים — אַלע קוקן פאַרבליפט און שווייגן, דער קראָקאָווער רב אויך, נאָר אברהמל טוט זיך זיינס, די אי־בערגעבויגענע פּלייצע, זעט מען, ציטערט, די האנט פירט אויף און אָפּ דעם סמיטשיק; און דער באַס קרעכצט האַרציק און ערנסט:

— בו, בו, בוהה, בוהה...

און דער אַלטער מלך אין בגדי קבצנים עפנט נאָך א ווײַלע דאָס מויל — די געסט בייגן זיך איבערן טיש פון פאָרנט, פון אַנדערע טישן שפּרינגט מען פלוצלינג, נאָר אָן א שום גערויש, אויף נעגל — מען ווערט צוגעצויגן צום אַלטנס מויל, ווי א מאַגנעט, אַלע אויגן בלייבן הענ־גען אויף זיינע ליפּן —

און דער אַלטער זאָגט איין וואָרט: חצות!

— קראָקאָווער רב, מאַכט ער ווייטער, אברהמל שפּילט צו חצות... איר גלויבט נישט, קראָקעווער רב, וועט איר הערן... איר זאָלט זוכה זיין צו הערן, ווי אברהמל שפּילט צו חצות, איז אייך באַשערט געוועזן צו טון מיטן לובלינער פּרנס, טאָמאַשאָוו זאָל זיין אין מיטן וועג... און

אייך צוליב וועלן אַלע הערן, נאָר נישט אַלע אַזוי ווי איר! איר זענט אַ מבין אויף מוזיק...

— בו, בו, בוה, בוהה — שפּילט זיך אברהמל זיינס — און דער עולם שווייגט פאַרגאַפט, ווי פאַרכישופט, און דער אַלטער בעטלער הייבט אויף די רעכטע האַנט, און גיט אַ צייכן צום בעליק, נעמט דער בעליק און שפּאַלט זיך, און לייגט זיך אויס, איין העלפט רעכטס, די צווייטע לינקס, ווי פליגל פון אַ סוכה.

און עס באַווייזט זיך דער הימל, אַן אויסגעשטערנטער, אויסגע־פינקלטער הימל. איבער דער עפענונג פון דער שאַפע שווימט שטיל דורך די לבנה... שטיל איז זי אַריבערגעשווומען. און אַזוי ווי זי איז אַריבער־געשווומען, גיט דער אַלטער בעטלער נאָך אַמאָל אַ מאַך אַרויף מיט דער האַנט, שפּאַלט זיך דער הימל — שווימט אין דער הייך אַ רחבות פון סאַמעראָדנע ציטערדיקע ליכטיקייט, און אין דער ליכטיקייט, וואָס צי־טערט און וויגט זיך, הערט זיך זינגען און שפּילן, די פמליא של מעלה זאָגט חצות, מלאכים־משוררים זינגען, קאַפּעליעס־מלאכים שפּילן, און אַלע שפּילן איין ניגון און אברהמל באַס פּאַסט צו צום ניגון, שווימט מיט אין זמר פון דער ליכטיקייט, וואָס וויגט זיך און הייבט און ציטערט אין דער הייך — —

און פאַרציטערט בלייבט דער עולם...

און נאָך אַ ווינק אַרויף גיט דער אַלטער, און דער הימל שליסט זיך, אויפגעהערט האָט די מוזיק, שטערנדלעך שווימען און פינקען, ציטערנ־דיק, ווי פון שטילן, טרויעריקן נחת — —

און נאָך אַ ווינק טוט דער אַלטער אוןביידע העלפטן פון דאַך איבער דער שאַפע פאַלן צוריק צו און פאַרשליסן און באַהעפטן זיך — פאַרשטיינערט זיצט דער עולם, קוים מען אָטעמט, און עס הערט זיך צוריק אברהמלס באַס.

— בו, בוה, בוהה, בווההה...

און פּלוצלינג פאַלט דער סמיטשיק מיטן באַס פון אברהמלס האַנט אַרויס, ער שטעלט זיך אַוועק, דרייט זיך איבער צום עולם און הייבט אָן: שמע ישראל! און זאָגט עס מיט דער זעלביקער נגינה, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אין הימל... און ער האָט געענדיקט און איז געפאַלן חלשות.

דער אַלטער האָט אים אין דער לופטן געכאַפּט...

— טראָגט אים אין הקדש אריין! — האָט ער געגעבן די סאַרוועדס א באַפעל...

און זיי האָבן אים גענומען און ארויסגעטראָגן...

— קראָקעווער רב, — רופט זיך אָן דער אַלטער, אז מען האָט שוין אברהמלען אַרויסגעטראָגן — נישט אויף א חתונה זענט איר געקומען, נאָר אויף א לוויה, אברהמל איז נתבקש געוואָרן צו דער פמליא של מעלה, עס האָט דאָרט א באָס געפעלט...

און דער אַלטער איז נעלם געוואָרן מיט אַלע קבצנים...

וכך הוה.

אברהמל באָס איז דעם צווייטן טאָג אין בית־המדרש נפטר גע־וואָרן און דער קראָקאָווער רב מיט אַלע געסט זענען געווען אויף זיין לוויה, און דער אַלטער, זאָגט מען, איז געווען ר' לייב שרהס...

א סברא איז עס...

דער אוצר

צו שלאָפן תמוז־צייט אין א שטיבל פון ד׳ על ד׳, צוזאַמען מיט א ווייב און אכט קינדערלעך, איז נישט קיין גרויסער תענוג, כאָטש פרייטיק צונאַכטס. כאַפּט זיך טאַקע שמערל האָלץ־העקער אויף נאָך האַלבער נאַכט אין אָפּגעקאָכטער און אָן אָטעם, גיסט זיך געשווינד אָפּ די נעגל, כאַפּט אויף זיך דאָס כאַלאַטל און לויפט א באָר־וועסער פון טרוקענעם גיהנום אַרויס. קומט ער אין גאַס אַריין — שטיל, אַלע לאָדן פאַרמאַכט, און איבערן שלאָפנדיקן שטעטל שטייט א הויכער, שטילער, אויסגעשטערנטער הימל. דאַכט זיך אים, אַז איצינד איז ער איינער אַליין מיט גאָט, ברוך הוא; מאַכט ער, אַרויפקוקנדיק צום הימל: „נו, רבונו של עולם, איצינד איז צייט, זאָלסט מיך אויסהערן און בענטשן מיט אַן אוצר פון דיינע אוצרות״. ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, דערזעט ער, אַז דאָס איז עס. וויל ער נאָכלויפן, דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז שבת, אַז לויפן טאָר מען נישט, — גייט ער נאָך. און אַזוי ווי פאַמעלעך ער גייט, אַזוי פאַמעלעך הייבט אויך דאָס פלעמל אָן צו גיין, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט נישט לענגער, נישט קירצער. גייט ער. טיילמאָל רופט זיך אים עפּעס אָן אין האַרץ: שמערל, זיי קיין נאַר נישט, נעם אַראָפּ דאָס כאַלאַטל, טו א שפּרונג־אונטער, און וואַרף עס אַרויף אויף דעם פלעמל! פאַרשטייט ער אָבער, אַז דאָס רעדט אין אים דער יצר־הרע. דאָס כאַלאַטל נעמט ער פון זיך אַראָפּ, גרייט צו וואַרפן איז ער, נאָר, להכעיס דעם יצר־הרע, מאַכט ער נאָך קלענערע טריט, און דערפרייט זיך, זעענדיק, אַז זייט ער מאַכט קלענערע טריט, רוקט זיך דאָס פלעמל אויך פאַמעלעכער. גייט ער אַזוי פאַמעלעך דעם פלעמל נאָך און גייט, קומט ער פאַמעלעך אַרויס פון שטעטל. דער וועג שלענגלט און דרייט זיך איבער פעלדער און לאָנקעס, און דער מהלך צווישן אים און דעם פלעמל ווערט אַלץ נישט לענגער, נישט קירצער, און אַז ער זאָל וואַרפן דאָס כאַלאַטל, וואָלט ער

צום פלעמל נישט דערגרייכט. דערוויל צערודערן זיך אים אין קאפ די געדאנקען: ווען ער זאל כאפן דעם אוצר, וואלט ער אויף דער עלטער קיין האלץ־העקער נישט געווען; ער האט שוין נישט דעם כוח צו דער ארבעט, וואס אמאל. דעם ווייב וואלט ער געקויפט א שטאט אין דער ווייבערשער שיל, זי זאל נישט האבן קיין פארשטערטע שבתים און ימים טובים דער־פון, וואס מען לאזט זי אין ערגעץ נישט זיצן. ראש־השנה און יום־כפור פאלט זי נעבעך גאר פון די פיס — די קינדער האבן איר די כוחות צו־גענומען! און ער וואלט איר א ניי קלייד געמאכט, א פאר שנירל פערל געקויפט... די קינדער וואלט ער אין בעסערע חדרים אפגעגעבן, פאר דעם עלטסטן מיידל וואלט ער זיך שוין אומגעקוקט וועגן א שדוך... אזוי נעבעך, טראגט זי דער מוטער נאך די קוישלעך מיט אויבס, און האט קיינמאל קיין צייט נישט אפילו זיך רעכט צו פארקעמען. און צעפ האט זי לאנגע, לאנגע, און אויגן, ווי א סארנע...

— עס וואלט א מצווה געווען צו כאפן דעם אוצר...

— ווייטער דער יצר־הרע! — טראכט ער — אז עס איז נישט באשערט, איז נישט! אין דער וואכן וואלט ער שוין געוווסט, וואס ער האט צו טון... וואלט דא זיין יענקל געווען, וואלט ער שוין נישט געשוויגן... היינטיקע קינדער — ווער ווייסט, וואס זיי טוען אלע שבת... דער יינגערער איז אויך נישט בעסער. אויסן מלמד מאכט ער חוזק... וויל ער א קלאפ טון, רייסט מען אים אויס די בארד... און ווער האט צייט אויף זיי אכטונג צו געבן? — א גאנצן טאג האק און זעג...

ער זיפצט אפ און גייט אלץ ווייטער און ווייטער, און ווארפט פון צייט צו צייט אן אויג אין הימל אריין: „רבונו של עולם, וועמען ווילסטו דא אויספרווון? שמערל האלץ־העקער? ווילסט געבן גיב!” דאכט זיך אים, אז דער אוצר הייבט זיך אן צו רוקן אביסל פאמעלעכער, נאר אין דער רגע דערהערט ער, א הונט בילט, דערקענט ער דאס בילן: דאס איז פון „וויסאקע” — דאס ערשטע דארף הינטער דער שטאט, און ער דערזעט שוין, ווי עס וויגן זיך אין דער פרישער פארטאג־לופט ווייסע פלעקן, דאס זענען די וויסאקער פויערשע הייזלעך. און באלד דערמאנט ער זיך, אז עס מוז שוין זיין א תחום שבת, שטעלט ער זיך אפ.

—יא, עס איז א תחום שבת, — טראכט ער, און זאגט, ווי אין דער וועלט אריין: — וועסט מיך נישט אראפפירן פון וועג! עס איז נישט

קיין גאָט־זאַך, גאָט מאַכט נישט קיין חוזק פון מענטשן — מעשה לץ איז עס! און ער ווערט אביסל בייזלעך אויפן בעל־דבר, און דרייט זיך צוריק אויס צום שטעטל, און גייט האסטיק צוריק. טראַכטן טראַכט ער: אין דער היים אויסזאָגן וועל איך נישט; ערשטנס, וועט מען מיר נישט גלייבן... און אז יאָ, וועט מען לאַכן פון מיר! און צו וואָס זאָל איך מיך רימען? דער בורא־עולם ווייסט — איז גענוג. און זי וואָלט זיך נאָך אפשר גע־בייזערט, וויים איך? די קינדער אוודאי — נאַקעט און באָרוועס, נעבעך! צו וואָס זאָלן זיי עובר זיין אויף „כיבוד אָב“...

ניין, ער וועט עס פאַרן מויל נישט ברענגען... ער וועט אפילו דעם רבונו של עולם דערינען קיינמאָל נישט דערמאָנען. האָט ער דער־מיט עפּעס גוטס געטון, וועט ער אליין געדענקען...

און פּלוצלינג דערפילט ער אין זיך עפּעס א מאָדנע, ליבטיקע רו־איקייט, אין אלע אברים צעגיסט זיך אים א שטילער נחת. „געלט איז פאָרט נישט מער ווי קיי און שפּיי! עשירות קאָן נאָך אראָפּפירן פון רעכטן וועג“. און עס ווילט זיך אים דאנקען גאָט דערפאר, וואָס ער האָט אים נישט געברענגט צו קיין נסיון. עס ווילט זיך אים כאָטש א ליד זינגען. „אָבינו מלך“ דערמאָנט ער זיך פון די יונגע יאָרן, נאָר ער פארשעמט זיך פאר זיך אליין און האקט אָפּ. ער וויל זיך דערמאָנען א חזנישע זאַך, א סיני׳דיקעס, — פּלוצלינג אָבער דערזעט ער, אז דאָס אייגענע פּלעמל, וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך, איז אים צוריק ארויסגעקומען פון פאָרנט, און עס רוקט זיך פאר אים גאנץ פּאמעלעך צום שטעטל, צום שטעטל... און דער מהלך צווישן אים און דעם פּלעמל ווערט ווייטער נישט לענגער, נישט קירצער, גלייך דאָס פּלעמל שפּאצירט, און ער שפּאַ־צירט — אזוי אביסל, לכבוד שבת, פרייט ער זיך שטיל און קוקט נאָך. דער הימל ווערט בלאסער, שטערנדלעך הייבן זיך אָן לעשן, דער מזרח רייטלט זיך אביסל, עס צעגיסט זיך ווי א שמאָל רויטלעך טייכל אין דער לענג — און דאָס פּלעמל רוקט זיך אלץ אין שטעטל אריין, גייט אין זיין גאס. אָט אין זיין שטוב, די טיר פון זיין שטוב, זעט ער, שטייט אָפן, ער האָט זי, אפנים, פארגעסן צו פארמאכן... און אָט: דאָס פּלעמל גייט אריין, צו אים אין שטוב אריין גייט עס! גייט ער נאָך, זעט ער, ווי עס לאָזט זיך, דאָס פּלעמל, אונטערן בעט ארונטער. אלע ארום שלאָפן, — גייט ער שטיל צו, בייגט זיך איין, זעט ער, דאָס פּלעמל דרייט זיך אונ־

טערן בעט, ווי א דריידל, אויפן אָרט. נעמט ער און וואַרפט אַרונטער אונטערן בעט דאָס כאַלאַטל און דעקט דאָס פּלעמל צו — קיינער הערט נישט, און דאָ גנבעט זיך שוין אין שטוב אריין א גאָלדענער מאָרגנ־שטראַל דורך דעם שפּאַלט פון לאָך.

זעצט ער זיך אויפן בעט און טוט א נדר, אז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן, קיין האַלב וואָרט נישט — עס וועט קומען, חלילה, צו חלול שבת... זי וועט זיך נישט איינהאַלטן, זיי, די בנים, אוודאי נישט, זיי וועלן באַלד וועלן איבערציילן, באַלד וויסן וויפל! און באַלד וועט דער סוד פון שטוב אַרויס, און אין שיל, אין בית המדרש און אין אַלע גאַסן וועט ווערן א גערודעריי וועגן זיין עשירות... וועגן מזל... און קיינער וועט נישט דאַווענען, נישט וואַשן זיך, נישט בענטשן, ווי עס דאַרף צו זיין — און ער וועט נאָך פאַרזינקען זיין הויזגעזינד און א האַלבע שטאָט. ניין — קיין פּיפּיץ נישט... און ער ציט זיך אויס אויף דעם בעט און מאַכט זיך שלאָפן...

און אין דעם זכות, אז ער האָט נאָך הבדלה זיך אַראָפּגעבויגן אונ־טערן בעט און אויפגעהויבן דאָס כאַלאַטל, איז אונטן טאַקע געלעגן א זאַק מיט אלף אלפי אלפים דינרין, כמעט אָן א שיעור — א גרויס בעט געווען! — און איז טאַקע געוואָרן א גביר שבגבירים.

און ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן.

נאָר דאָס ווייב פלעגט אים אַלע מאָל אין נחת פאָרוואַרפן: רבונו של עולם, ווי האָט עס אַ מענטש א האַרץ ווי אַ שטיין, אַ גאַנצן זומער־טאָג א וואָרט נישט צו זאָגן, פאַרן אייגענעם ווייב קיין איינציק וואָרט... און איך האָב — דערמאָנט זי זיך, — דעמאָלט ביי „גאָט פון אברהם״ זיך אזוי אָנגעוויינט, אזוי אָנגעוויינט... עס איז קיין דרייער אין שטוב נישט געווען...

און ער טרייסט זי מיט אַ שמייכל:

— ווער ווייסט, אפשר האָט זיך עס טאַקע אין זכות פון דיין „גאָט פון אברהם״ אזוי גוט אויסגעפירט.

נחת פון קינדער

וועגן נחת פון קינדער רעדט איר?

אמאָל איז געווען; נישט קיין היינטיקע סחורה!

מיין באָבע, למשל, פלעגט חמשה־עשר פּאקן עטלעכע פּערציק פּעקלעך באָקסער און ראָזשינקעס מיט מאנדלען פאר אייניקלעך און אוראייניקלעך; א בשמים־קרעמל האָט זי געהאט, די באָבע. און געגאנגען — אָן א שטעקן, געקוקט — אָן א בריל. נאָר די האנט האָט איר אביסל געציטערט, האָב איך איר געפירט די רשימה פון די אייניקלעך; מיין כתב־יד איז איר געפעלן — איך פלעג איר אויסמאָלן געכתובעט די ראשי־תיבות; דערפאר האָב איך צוויי פּעקלעך באַקומען. איך פלעג איר לייענען די רשימה און זי, עליה השלום, פלעגט נאָכציילן אויף די פינגער. ביז עטלעכע און דרייסיק האָט איר דאָס קול געציטערט פאר פּחד, צי וועט איר נישט חס ושלום פארפעלן, פון פערציק אָן האָט זי ממש נאָכגעזונגען... קומט צוויי און דריי און פערציק, טאנצן איר שוין די שפּיזלעך פון זאָק צווישן די פינגער.

נאָר דאָס איז שוין דעמאָלט אויך געווען אן אויסטערלישע זאך: א ברכה — האָט מען געוווסט — פון ערשטן אפּטער צדיק זכרונו לברכה. אָבער אייניקלעך? וועלכער ייד האָט עס נישט געהאט און נישט געטאנצט אויף חתונות פון אייניקלעך? אז עס האָט זיך געהערט, רחמנא ליצלן, ביי א לוויה, אז דער בר מנן האָט אפילו נישט די זכיה געהאט צו פירן כאָטש אן אייניקל צו דער חופּה, פלעגט טאקע אָנכאַפּן א גרויל; האָר און נעגל האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר און אַ יללה האָט זיך צעגאָסן ווי צו „ונתנה תוקף".

אַנדערע צייטן! געבענטשטע!

עס איז דאָך נאריש צו זאָגן: קיין דאגות האָבן נישט געפעלט. הכלל? האָט מען געדאגהט!... אָן דאגות וואָלט א בר־נש גאָר פארגעסן, אז עס איז פאראן א בורא עולם אויף דער וועלט! און גלאט, פּרוב, עס

א גאנצן טאָג ריין שמאַלץ! אָבער דערפאַר זענען געווען שמחות: דעם שניידט זיך צו מזל דאָס ערשטע צייגדל, די האָט די ערשטע חכמה געזאָגט, צי דער מוטער דעם ציפּיק אָפּגעריסן, י ע נ ע זאָגט שוין „תורה־צוה־לנו" ווי א וואסער, און דער הייבט אָן חומש, יענער קנאַקט א דרשה צו בר־מצווה... און חתונות, שלום־זכרים, בריתן, פדיון־הבנס, וואָס איר ווילט; א גאַנץ גייענדיק יאָר „לעקעך מיט בראָנפן"... איין אייניקל גייט אוועק און פיר קומען אָן; דריי חתונות פאַר איין גט; אז עס קומט יום־טוב און מען הייבט אָן צו רימפּלען, פאַלט מען טאַקע פון די פיס!

און אז מען קומט צו צום ברעג, און מען ווערט גערופן אויף יענער וועלט, האָט מען אן אייגענע לוויה... קינדער און אייניקלעך פון עק צו עק גאַס! אויסער, אז עמעץ האָט מורא פאַר די „רוחות לבטלה", און וויל זרע של קימא זאָל נישט גיין, אבי יענע זאָלן קיין שליטה נישט האָבן צו גיין נאָך דער מטה, איז עפּעס אַנדערש!

און היינט? היינט, אז א ייד מאַכט חתונה, מאַכט ער חתונה בסוד סודות — עס איז א בושה געוואָרן! אַלט־מאָדיש!... אַ קינד ווערט געבוירן — על אפּו ועל חמתו דעם טאַטן, נאָך א מויל צו עסן! דער מאַמען — אוודאי, זי וועט שוין נישט קאָנען אַפּלייקענען, אז זי איז שוין קיין בתולה נישט... און א לוויה איז: אַ פּאָר פערד מיט א שמייסער — אויב מען האָט שוין קינדער, זענען זיי צעשפּרייט און צעזייט...

נחת פון קינדער — כאַ, כאַ, כאַ!

ווען איך זאָל האָבן נחת פון קינדער, וואָלט איך קיין ווארשע נישט געקומען, קיין שילעכל נישט געהאַלטן — אַן אַפּטער בין איך! עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

זיבן קינדער האָב איך געהאַט: דריי יינגלעך און פיר מיידלעך. זענען מיר, נישט פאַר אייך געדאַכט, צוויי יינגלעך און איין מיידל אוועקגעקומען... ביידע ווילע יינגלעך געווען — עילויים! איינמאָל איז איינער אהיימגעקומען פון חדר מיט קאָפּ־ווייטיק און איז אָפּגעלעגן אכט טעג אין היץ און איז שוין צו זיך נישט געקומען; דאָס צווייטע מאָל, אפשר דריי חדשים שפּעטער — דער צ ו ו יי ט ע ר. דאַכט זיך, געהיט ווי אן אויג אין קאָפּ, נישט ארויסגעלאָזט אָן א שאַלעכל אויפן האַלדז, נישט

ארומגעלאָפן, נישט שפּאַצירט, זומער נישט געבאָדן,ווינטער נישט געגליטשט — גאָרנישט. גיי, ווייס ז יי נ ע דרכים. דאָס מיידל האָט לא עליכם, געקריגן פּאָקן... געבליבן זענען פיר נפשות, דריי מיידלעך און א בן־יחיד, און נאָר איינע, די עלטסטע, האָב איך צו דער חופּה געפירט.

צוויי טעכטער וואקסן מיר אויף דער וועלט אין די גרויע צעפּ אריין, און דער בן, דער בן־יחיד מיינער, בנימין הייסט ער, נאָך מיין זיידן דעם צדיק, עליו השלום, איז מיר נעלם געוואָרן... צוויי יאָר האָב איך אפילו זיין אדרעס נישט געהאט.

און ווייסט איר, ווען ער איז אוועק? ביי דער מוטערס לוויה... ביים פרישן קבר, קוים קדיש אָפּגעזאָגט — ער איז נישטאָ! קיין רגע שבעה נישט געזעסן; גלייך פון בית החיים אין דער וועלט אריין! וואָלט עס אין אמאָליקע צייטן א קינד איינגעפאלן? און ווי אלט איז ער דעמאָלט געווען — א יאָר זיבעצן! ערשט יענע וואָך האָט מען מיר דאָס קישן פארקויפט על חשבון פון די דריי הונדערט רובל קנס...

און וואָס מיינט איר, האָב איך דעמאָלט גערעכנט? איך זיץ ביים איי מיטן בייגל און קלער: ער האָט זיך א מעשה געטון! וואָרום געוווסט האָב איך, אז נפשו קשורה בנפשה! איך בין געווען ביי זיי דער גזלן, דער רוצח, זי — די גוטע, די הארציקע מאמע. און פארוואָס? ווייל איך האָב געוואָלט, עס זאָל זיין אי צו גאָט אי צו לייט. און זי עליה השלום, א נקבה, האָט זיי אלץ נאָכגעגעבן. מיט בייזן, פלעגט זי זאָגן, טאָר מען נישט! נישט די צייטן! בנימין אנטלויפט פון חדר — „זאָל ער נישט לערנען, קיין רב וועט ער סיי ווי סיי נישט זיין". פארוואָס נישט זיין? שווייגט זי. בנימין גייט ארום פוסטע־פּאַס הינטער דער שטאָט, ליגט אָפּ גאנצע טעג ביים טייכל, אין וועלדל, דריי ווי־אָרסט מיט א שמיץ הינטער דער שטאָט, — זי באשטייט. בעט איך מיך כאָטש: יונגאַץ איינער, ליגסט ביים טייך, נעם כאָטש א ווענדקע און כאַפּ אמאָל א פישל לכבוד שבת! בלאָנקעסט זיך ארום אין וואלד, קלויב אָן אביסל שוואָמען צי יאגדעס, אפילו שלאָף־עפּעלעך — נישט קיין גוטע צייטן, אליין קיין סוחר בין איך נישט, מעקלעריי ביי תבואה פאלט, — קום צו הילף. הערט מען מיך, מיינט איר? ער האָט ליב צו קוקן אויפן וואסער און אויף די ביימער, אָבער די האַנט אין קאלט וואסער צו טון — דאָס נישט! און זי שווייגט! און קומט ער אהיים, באשמירט די טישן מיט קרייד, די ווענט — מיט קוילן און מאָלט

קיסר־מענטשן אָדער, וואָס עס קומט אים אין קאָפּ אריין, איז אויך רעכט! וויל איך עפּעס זאָגן — לאָזט זי נישט. און וואָס זאָל איך טון? אזוי ווי איך עפן דאָס מויל, ווערט א געקוקעריי אויף איר, בעט מען זיך ביי איר מיט די אויגן: ראטעווע פון גזלנס הענט! און זי דאַרף נישט מער. באַלד קומט איר וואסער אין די אויגן אריין, דאָס פּנים ווערט איר בלאס און ווייס ווי א קרייד, און די הענט הייבן איר באַלד אָן צו ציטערן, א שוואַכע געווען, און טו עפּעס! איך האָב אפילו נישט געקאָנט ביי אים פּועלן, ער זאָל זיך אויסלערנען שרייבן ווי א מענטש. פון געכתיבעט רעד איך שוין נישט; נאָר יונגאַץ, האָסט א געבענטשטע האנט, מאָל מיר נאָך א למ"ד, א פארדרייטע פ"א — דאָס נישט! דאָס קומט דאָך צונויף! נאָר קיסר־מענטשן, בלעטער, צווייגן און שדים ווייסן וואָס... און ווי א יונג האָט קיין פּחד נישט: איינמאָל האָט ער אויפגעמאָלט א וואסער מענטש! „האָסט געזען — פרעג איך — א וואסער מענטש?" — אוודאי! זאָגט ער און לאַכט.

מיינט איר אפשר, אז זי האָט באמת מיט זיי געהאלטן, אז זי האָט טאקע געוואָלט, אז בנימין זאָל ווערן א פּאַרטרעטן מאַכער, אָדער שרה־לאה זאָל זיך שטעלן פאַר א דינסט, צי ביילע־גיטל זאָל ווערן א נייטאָרן? אסור־חזיר! אירע זיפצן האָב איך געהערט. גאנצע נעכט פלעגט זי איבער־קרעכצן; פארשטופּן דאָס פּנים אין קישן אריין, דאָס געוויין צו פאַר־שטיקן... און וואָס זי פלעגט אויסחלשן און אויסוויינען ימים נוראים? גאנצע שטיקער תחינות און מחזור פלעג איך איר מוזן געכתיבעט איבערשרייבן; אויסגעווייקט האָט זי עס, שטיקער זענען גע־פלויגן, און קיין נייעם סידור האָט זי נישט געוואָלט... בעסער א מויד א בענדל צו קויפן... אלץ אין זיי אַריין!

און וואָס איז געווען דער עיקר געוויין? זיי האָבן געזאָגט, אז אויף מיר וויינט זי! באשר בכן, איך האָב איר אמאָל, ווי ביי שלעכטע צייטן און שלעכטע קינדער דער שטייגער איז, א הארב וואָרט געזאָגט. דעם אמת אָבער ווייס איך, איר איינציק געבעט איז געווען, גאָט זאָל זיך מרחם זיין און זאָל די קינדערס האַרץ איבערקערן צו גוטן...

פאַרשטייט זיך, אביסל וועגן פּרנסה אויך; עס האָט געפעלט. עט!

יאָ, ביי וואָס האַלט איך? ער איז אנטלאָפן...

האָב איך געמיינט, דער יונג האָט זיך א מעשה אָנגעטון, אָדער אַזוי פאַר מרה־שחורה ערגעץ פאַרקראָכן און פאַרבלאָנדזשעט... קומען אָבער אריין חברים און דערציילן, אז ער איז אוועק! איבע דער גרענעץ איז ער! פאָרטרעטן מאכן וויל ער זיך לערנען. א שיינע פרנסה? מען זאָגט כאָטש שטיבער מאָלן!

און פארוואָס, מיינט איר, האָט ער מיר צוויי יאָר נאָכאנאנד נישט געשריבן, ווו איז ער? ערשטנס האָט ער טאקע געליטן צרות צרורות: ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט, און הונגער, און דאָרשט, און האָט אי זיך געשעמט, אי אויף קיין מארקע נישט געהאט, און צווייטנס — זאָל דער טאטע נישט וויסן און קיין מוסר נישט שרייבן. וואָרום „פן ישמע"... טאָמער שרייבט ער, און עס גייט אין הארץ אריין! דער יצר הרע ווייסט זיך שוין ווי צו באוואָרענען...

נאָר די מיידלעך, מיינט איר, זענען בעסער?

די עלטערע, שרה־לאה, וויל כלומרשט נישט ליגן מיר אויפן קאָפּ. „עס פעלט אייך אליין" זאָגט זי. מיין פלוניתטע, עליה השלום, באַשטייט. דעם סוד ווייס איך: מען האָט איר אן אלמן מיט קינדער גערעט, האָט איר די ערד געברענט אונטער די פיס. דאָס זאָגט זי נאָר, אז זי וויל זיך אליין פארדינען... א קאָמעדיע! קוים וואָס איך האָב געפּועלט, זי זאָל מיר כאָטש נישט פארשווארצן דאָס פנים אין אפּט... איז זי אוועק קיין צויזמער. אבי נישט קיין אלמן! דעם אמת זאָגנדיק, מיר אליין איז אויך א שאָד געוועזן, א מיידל ווי א גאָלד, געבליט ממש ווי א רויז. די מוטער אין די גוטע צייטן אויסן אויג... און גיי ווער מיט אמאָל א מאמע פון פינף קינדער, און קיין שמאָלץ־גרוב איז עס אויך נישט געוועזן. א קליין תבואה־סוחרל, קוים ער האָט זיך געשפּייזט, נאָר אַלץ בעסער ווי אין גרויען צאָפּ אריין צו דינען! און עס האָט זיך טאקע ארויסגעוויזן, ווער עס איז גערעכט געוועזן!

זי קומט פון צויזמער קיין אפּט אויף דער מאמעס לוויה, ביילע־גיטל איז אויך געקומען. פון עק וועלט וואָלטן זיי געקומען! די עלטערע נישט: גראָד אין קינפּעט געלעגן. זיצט שבעה, און דערווייל באנקראָטירט דאָרט אין צויזמער איר באלאבאָס, מאכט פּליטה, פאָרט אוועק צו אלדי־שווארצע יאָר; דאָס ווייב מיט די קינדער שיקט ער נאָך פריער אוועק צום שווער... עס בלייבט קיין לעבעדיק נפש... און די בעלי חובות

טרעטן צו צו דער שטוב, פאַרשרייבן און ליציטירן אַלע זאַכן, און מיין טאַכטערס קעסטל מיטן גאַנצן האָב אינדערמיט! אָן א העמד אויפן לייב! און זי האָט זיך, נעבעך, געהאַט אָנגעקליבן א גאַנצן אויסשטייער — און מיטאַמאָל — גאָרנישט! שריי איך צו איר: נאַ, זע, עס איז קיין דרך נישט, גאָט וויל נישט אַזוי... און פּונקט האָט זיך ווייטער געמאַכט א שדוך מיט א גרוש, אויך מיט קינדער און דווקא נישט קיין אָרעמאַן, — הערט זי מיך? הייבט זי זיך אויף און אַנטלויפט, ווי זי שטייט און גייט, קיין לובלין . . . און דינט דאָרט ביזן היינטיקן טאָג . . . זי רעכנט נאָך צו קומען קיין וואַרשע. איך בין איר מוחל!

א פאָטאָגראַפיע האָט זי מיר געשיקט — שוין גאָרנישט דאָס קינד! גאָרנישט דאָס... גאָט ווייסט, וואָס מיט איר טוט זיך... משונהדיקע אויגן עפּעס... איך האָב מורא צו זאָגן: ממש פאַרשאַרטע, היינטיקע צייטן... א חתן, הער איך, האָט זי...

— ווען וועסטו חתונה האָבן? פרעג איך אין יעדן בריוו.

אויף אַלעם ענטפערט זי; אויף דעם — נישט!

נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס די יונגערע האָט מיר געטון! דאָס קען קיין פאָלק זעלנער נישט טון...

א מיידל איז א נייטאָרן, זיי א נייטאָרן! ווילסט א וי ך נישט חתונה האָבן, איז נישט! טו נאָך דער עלטערער שוועסטער! אז עס איז א שטראָף פון זיין ליבן נאָמען! ווילסטו, זוך דיר אַליין א חתן... די מאַמע עליה־השלום, לעבט נישט, בין איך דער גוטער, באַשטיי איך! זאָגט זי אָבער, אז מען צאָלט איר אין אַפּטעקל ווייניק, כאַפּט זי זיך אַריבער קיין אָסטראָווצע. איז דאָרט, אַפּנים, אויך נישט בעסער, איז זי מיר מודיע (זי איז כאָטש מודיע!), אז זי פאָרט אַריבער קיין ראַדאָם... און פאָרן פאָרט זי אַליין! לית דין ולית דיין — פאַר קיינעם קיין מורא נישט! אין ראַדאָם ראָט מען איר, זי זאָל בעסער אַריבער קיין וואַרשע. וואָס איז ביי איר וואַרשע? פאָרט זי קיין וואַרשע און שרייבט מיר פון דאָרט נחת! פאַרדינט שוין אַזויפיל און אַזויפיל, מער פאַר שרה־לאהן... אויב א י ך דאַרף, וועט זי מ י ר שיקן... מן הסתם דאַרף איך נישט. דאָס הייסט, געדאַרפט וואָלט איך, איך האָב שוין געהאַט די שטוב פאַרקויפט, נאָר — מוחל! דערנאָך ווערט שטיל. עס גייט אַוועק א חודש, צוויי און

דריי חדשים — קיין תמונת אות; ווי אין א וואסער אריין. פארקויף איך דאָס לעצטע העמד און כאַפּ מיך אראָפּ קיין ווארשע — זי זיצט! דאָס סמארקאטע מיידל ווערט א מורד במלכות! אז מען צאָלט איר נישט, וויפל זי וויל, וויל זי די וועלט איבערקערן, לויפט זי ארום מיט א רויטער פאָן... בעט איך מיך, מען זאָל זי אָפּשמייסן און אן עק; זאָגט מען מיר (און קוים איך האָב פארשטאנען, וואָס מען זאָגט!) אז שמייסן טאָר מען נישט. בעט איך מיך: גיט זי מיר אין די הענט אריין, א טאטע מעג! הערט מען מיך ווי דעם רב, און מען פארשיקט זי אין טיף רוסלאנד... אויף גאנצע פינף יאָר!

דערווייל האָב איך שוין נישט מיט וואָס צוריק אהיימצופאָרן, שלאָגט מען מיר אָן א שילעכל צו דינגען, דינג איך א שילעכל, גיב די לעצטע פאָר רובל האנט געלט; עס גייט צו ימים נוראים, וועט זיין פרנסה. מאַכט זיך א מעשה, נעכטיקט עמעץ אין שילעכל אָן א פאַס, פונוואנען זאָל איך וויסן, אז אין א שילעכל טאָר מען בכלל נישט נעכטיקן און אָן א פאַס איז סכנת נפשות? האָב איך דאָך אָבער זכות אבות פון טעב־טערל — פארמאַכט מען מיר דאָס שילעכל... בעט איך זיך, הייסט מען מיר שרייבן פראָשעניעס, נו, שרייב איך פראָשעניעס... הענגט עס אזוי... דערווייל רוקט זיך אָן די צייט, מאָנט מען ביי מיר 300 רובל פאָר בנימינען. און ער שרייבט, אז פאָרטרעטן מאַכן קאָן ער שוין, ברוך השם, נאָר פארדינען פארדינט ער נאָך נישט. דערווייל פאָרט ער אריבער אויף א בעסער אָרט און וועט מיר שרייבן פון דאָרט!

זעט איר, פון דער ערשטער טאָכטער וואָלט איך יאָ נחת געהאט. א צדקת, שוין פינף קינדערלעך, ברוך השם... נאָר אז עס גייט, גייט! מאַכט זיך א מעשה, א סיבה, רחמנא ליצלן! געטון האָב איך מיט א סוחר פון בראטקאָוו, מיט אן אָנגעשטאָפּטן עושר. נו, גייט נאָך א פאָר יאָר דער יונגערמאן אראָפּ פון קעסט און הייבט אליין אָן צו האנדלען מיט האָלץ. איך בין אפילו געווען ברוגז דערויף, — זיץ און לערן נאָך א פאָר יאָר! מילא, איך בין שוין געוווינט, אז מיך הערט מען נישט. מאַכט זיך אָבער צווישן טאַטן מיטן זון מחלוקת. דער טאטע הייסט קויפן, נעמט ער און פארקויפט, און פארקערט. היינטיקע צייטן: די אייער זענען שטענדיק

סליגער פאַר הינער... איז ער דאָך אָבער מיין איידעם, און בטבע אַ כשרער יונגערמאַן, האָט ער מורא, ער זאָל נישט עובר זיין אויף כבוד־אב, ציט ער זיך אויס קיין ראַכאָוו. דאַכט זיך, גלייך? ביי דער ווייכסל! פאַלט ער אַריין נישט, חלילה, מיטן מסחר. גאָר פאַרקערט, דאָס געשעפט גייט קיין מעשה נישט. נאָר גאָר אַ זייטיקע זאַך! מאַכט זיך אין ראַכאָוו אַ שרפה. יאָגט די פּאָליציי, מען זאָל ראַטעווען. שטייט אַ טויבער ייד און הערט נישט, וואָס מען זוויל פון אים. קומט אָן אַ נייער סטראַזשניק, ווייסט ער נישט, אַז דער ייד איז טויב און הערט נישט, מיינט ער — אַ מורד במלכות, דערלאַנגט ער אים אין קאַרק. איז דאָך מיין איידעם אַ ברען פון אַ יונג, קאָן ער קיין עוולות נישט ליידן, נעמט ער זיך אָן. צום שלים־מזל קאָן ער אביסל רוסיש — רעדט ער אַנטקעגן. אַ וואָרט צו אַ וואָרט — ער לייזט אַ קלאַפּ! מילא, אַז מען קריגט אַ קלאַפּ, איז נאָך קיין אומגליק נישט. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז דער באַלעבאָס פון הויז איז געווען פריש אַסעקורירט, שיקט די אַסעקוראַציע אַראָפּ אירן אַ מענטש; איז ער חוקר ודורש, צי עס איז נישט געווען אונטערגעלייגט. טענהט דער באַלעבאָס, אַז ער איז אין דעם טאָג גאָר אין דערהיים נישט געווען, ער איז גאָר געווען אויף אַ יאַריד ערגעץ אין דער סביבה. זאָגט דער חוקר ודורש: אַפּכאָ מסתברא! ווי קומט אַ באַלעבאָס, וואָס פירט קיין מסחר נישט, אויף אַ יריד? האָסטו געהייסן אונטערלייגן? זוכט מען די שותפים צו דער עבירה, פאַלט דער חשד אויפן טויבן ייד מיטן איידעם; באשר בכן, זיי האָבן נישט געלאָזט ראַטעווען... זעצט מען דערווייל איין! ווערט אַ געוואַלד, איז מען מודיע דעם מחותן, קומט ער צולויפן און וויל שיטן מיט געלט, מאַכט מען, ערשטנס, אַ פּראָטאָקאָל אויף חורש... צווייטענס איז עס אַ סימן, אַז דער חשד איז אַ חשד! וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? ער איז אָפּגעזעסן זעקס חדשים און איז בדיל הדל געוואָרן! דאָס האָלץ אויף דער ווייסל האָט זיך צעשלאָגן, די חובות זענען גע־וואַקסן... ער האָט נאָך דעם פאָטער מיטגעשלעפּט...

די טאָכטער פרעגט מיך אָן, צי קאָן איך נישט צו הילף קומען מיט אַ פּאָר גילדן!

באַ, מען זאָל מיר עפענען דאָס שילעכל, אפשר יאָ!

איר האָט גאָרנישט געוווסט, אַז עס דרייט זיך צווישן אייך אַרום אַ ייד מיט אַזוינע שטיינער אין בויך?

נאָך וואָס האָב איך אייך געזאָלט דערציילן? איין מענטש דעם

אַנדערן העלפט נישט. העלפן קאָן נאָר השם יתברך... נאָר היינט איז מיר שוין דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען, האָט עס זיך אויסגעגאָסן...

אַ פּאָר מייל פון אַפּט, — דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרדרייט, אַז איך האָב פאַרגעסן ווי דאָס דאָרף הייסט — זיצט אַן אַרענדאַר, אָבער ער זיצט — אויף אַלע יידן געזאָגט! אפילו אַ שפּל, קוים עברי, און ווייס איך, אַ משפּחה! נאָר אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים, ווערט ער פון גאָר־נישט אַ פאַקטאָר ביים יונגען פּריץ... אַז דעם פּריץ האָט זיך פאַר־גלוסט אויסלענדיש עולם־הזה, פאָרט ער זיך אַוועק, און לאָזט אים איבער דאָס מילכיקס — עטלעכע און זעכציק קי, שאַרט ער! דער פּריץ דאַרף וואָס אַמאָל מער געלט — ווערט פון יוסלען — יוסף הייסט ער — אַן אַרענדאַר; צוויי דערפער! אַז גאָט וויל! האָט ער אַ טאָכטער, דער יוסף, אַ מיידל אפילו נישט זייער קיין שיינס, — קענגן מיינע — כקוף בפני אדם.... נאָר געטוישט וואָלט איך מיך. אַ שטילס, אַ פרומס, אַן אמת באַלעבאַטיש קינד. איך ווייס נישט, ווי עס קומט גאָר אין דאָרף אַריין צו אַזאַ עם־האָרץ! אַ ווייב האָט ער — עט, איך וויל נישט באַריידן, נאָר אין אַ יידיש הויז קאָן מען זי נישט לאָזן. אַז זי קומט אויף ימים נוראים קיין אַפּט, האָבן די ווייבער אין שיל דאָס גיהנום — אַן אויפגעקומען (אַמאָל אַ שפּחה געווען) שטיק מרשעת! נאָר ווייטער דאָס אייגענע — אַז גאָט וויל, געראָטן קינדער אויך. איר האָט געזאָלט זען איר דאַווענען אַלע אינדערפרי; איר הכנסת־אורחים, אַז עמעץ קומט אין דאָרף אַריין; איר דרך־ארץ פאַר אַ ייד אַ למדן... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אַ ברכה פון גאָט. קומט ער אַמאָל, דער יוסל, דאַכט זיך ראש השנה צי סכות, צו מיר אויף דער מזרח־וואַנט אַרויף, און מאַכט צו מיר: ר׳ חיים, איך גיב אַלף קאָרבן! — בנימין, הייסט עס, איז אים אין די אויגן אַריינגעפאַלן... מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, וואָס אין אים שטעקט, און אַ שיין יינגל איז ער געווען און מיט אַ רחמנות־פּנימל... מילא, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ווערט מיר הייס אין אַלע איברים. יאָ, טאַקע ראש־השנה איז עס געוואָרן. פאַרן למנצח, מען האָט געוואַרט אויפן בעל־תקיעה... זאָג איך אים: „נישט אַצינד איז די צייט!” איך וויל דאָך נישט צופאַלן, ווי צו אַ הייסע בולקע, „נאָך יום־טוב — זאָג איך — שיק איך אַ שדכן!” איך זאָג אים „דו”, איך קען דאָך אים, זינט ער איז נאָך ווייס־איך־וואָס גע־ווען — ביים בעקער געגנעכטיקט, געוואָלט זיך פאַר אַ באַהעלפער שטעלן,

און האָט זיך קיין עברי נישט געקענט אויסלערנען... שיקט ער נאָך יום־טוב א שדכן, מיין בנימין, פארשטייט זיך, שטעלט זיך קאַפּויר; זי, עליה השלום, איז שוין גאָר שוואך געווען, האלט זי מיט בנימינען. אהער, אהין, איך ווער דערוויי‌ל געוואָר, אז דער אייגענער שדכן האָט איבער־געדרייט דעם עסק אויף א שדוך פון ווארשע, מיט א פלייש־הענדלער, אפשר קענט איר אים, רעגנבויגען הייסט ער. נו, פאַרפאַלן, נישט קיין זיווג אפּנים. ווער איך יענע וואָך געוואָר, אַז דער אייגענער רעגענבויגען שטעלט צו פלייש אין תפיסה אריין און איז א קרוב למלכות — אויס־געקאָכט מיט אַלע קנעפּ. דאַרף איך דאָך וועגן דער שיל אַ פּראָטעקציע, פרעג איך מיך נאָך — עס האָט מיך געקאָסט גענוג געזונט און טירחה, — ווו דאָס פּאָרפאָלק וווינט, און לאָז מיך אַהין. זי קאָן דאָך מיך, וועט זי בעטן דעם מאַן; ער — דעם פאָטער, אפשר וועט עס פועל־יוצא זיין. זאָל כאָטש זיין אַן עק; אָדער עפּענען, אָדער אָפּזאָגן! לאָמיך נישט הענ־גען אין דער לופטן. וועט מען מיר אָפּזאָגן — לאָז איך מיך צופוס קיין אפּט. דאָרט, ווי עס איז, וועט מען מיך נישט לאָזן אויסגיין אין דחקות. ווארשע איז דאָך א תהום! קום איך אהין — לאָזט זיך וועגן פּראָטעקציע אויס אַ בוידעם, עס איז גאָר נישט דאָס פּאַך. מיין עסק איז אין ראָטהויז, און ער שטעלט צו צום פּאַוויאַק... עס איז גאָר נישט דאָס, אַ שפּאַס — ווארשע!

דערוויי‌ל האָט מען מיך פאַרבעטן אויף שבת. ער אַפילו נישט. א ווארשעווער פּראַנט. און איך, — איר זעט דאָך! קוקט ער אויף מיר ווי א האָן אין בני־אדם — ער וווינט דאָך אויף דער מארשאלקאָווסקי גאַס! נאָר זי, זי ווייסט דאָך, ווער איך בין! חלשט זי, איך זאָל קומען. זאָלט איר זען אַ באַלעבאַטישקייט! דריי שטובן מיט אַ קיך, געבעט מעבל, און דער פּאָטער אירער שיקט פון דאָרף פון אלעם גוטן: מעל, הינער, אינדיקעס — — — און זי איז אַ כשרע צנועה, אַזאַ מין גוטסקייט, אַזאַ יידישער חן... טראָגט אַפילו נישט די אייגענע האָר.. און דער בחור מוז זיך, איר צוליב, וואשן צום עסן, מוז בענטשן, זי לאָזט אים נישט אָפּ... אָ!

טראכט איך מיר — — נאָר וואָס העלפט דאָ טראכטן? נישט באַשערט געווען! נאָר ביטער אויפן הארץ איז מיר געוואָרן. ווייס איך, צי מיין בנימין וועט אַמאָל חתונה האָבן, און ווער זיין זיווג וועט זיין?

מער אהין גיי איך נישט!

א גאַנץ יאָר שיכור —— פּורים ניכטער

עס איז אַ יידיש ווערטל, און מען דאַרף וויסן, פון וואַנען עס קומט.

אין ר׳ חיים וויטאַלס צייטן איז אין צפת געווען אַ יונגערמאַן, וואָס איז, נישט פאַר אונדז געדאַכט, נישט קיין גאַנץ יאָר נאָך דער חתונה, אַן אַלמן געוואָרן. גאָטס וועגן זענען נישט צום פאַרשטיין, און אַזוינע זאַכן טרעפן זיך. דעם יונגנמאַן האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז די וועלט איז אים אונטערגעגאַנגען, אַז איין זון איז פאַראַן אין הימל און איין אשה איז געוון זיין ווייב. גייט ער און פאַרקויפט די סחורה פון קלייטל מיטן גאַנצן כלי־בית פון שטוב און גיט אַוועק דאָס גאַנצע געלט דעם צפתער ראש־ישיבה, מיט אַ תנאי, מען זאָל אים צורעכענען צו דער ישיבה אַריין און שפּייזן גלייך מיט אַלע און אָפּגעבן אים אַ באַזונדער חדר, ווו ער זאָל זיצן און לערנען ביחידות.

דער ראש־ישיבה האָט צוגענומען די „אפּותיקי" אויף דער ישיבה, און דעם יונגנמאַן האָט מען מיט עטלעכע ברעטער אָפּגעצוימט א באַזונ־דער חדרל אין אַ ווינקל פון בית־המדרש־בוידעם, מען האָט אים אַריינ־געטראָגן א זאַק מיט שטרוי, כלים צום וואַשן, און דער יונגערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען. אויסער שבת ויום־טוב, ווען ער פלעגט פאַר־בעטן ווערן צו באַלעבאַטים, האָט ער פאַר זיך קיין לעבעדיקע בריאה נישט געזען; עסן א גאַנצע וואָך און א העמד לכבוד שבת ויום־טוב פלעגט מען אים אַרויפטראָגן פון שמש. און אז ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ, פלעגט ער זיך איבערדרייען צו דער וואַנט, און אַזוי שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט, ביז מען איז נישט אַרויסגעגאַנגען און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

מיט איין וואָרט: ער איז געוואָרן א פּרוש.

אין אָנהייב האָט מען געטראַכט, ער וועט לאַנג נישט אויסהאַלטן, ווייל פריער איז ער בטבע א לעבעדיק מענטשל געווען; עס איז אָבער

אריבערגעגאנגען א וואָך נאָך א וואָך, דער פּרוש זיצט און לערנט, האלבע נעכט הערט מען זיין וויינענדיק־לערנען־קול איבער דער גאס, אָדער מען זעט אים שטיין ביים בוידעם־פענצטערל און ארויסקוקן מיטן בלייכן פנים אין הימל אריין, — האָט מען אָנגעהויבן צו האַלטן דערפון, און צו האָפן, אז פון פּרוש וועט אמאָל ארויסוואקסן א גדול בישראל און אפשר א מקובל, א בעל־מופת. מען האָט עס דערציילט ר׳ חיים וויטאל. האָט ער אויסגעהערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, און געזאָגט: הלוואי ער זאָל אויסהאלטן . . .

דערווייל איז געשען א קליין מופתל: דעם שמשס קליין מיידעלע, וואָס פלעגט אים, דעם פּרוש, ארויפטראָגן עסן, איז איינמאָל איינגעפאלן, אז זי מוז דעם פּרוש כאָטש איינמאָל זען באשיינפּערלעך. וואָס טוט זי? טוט זי אויס די שיך און זאָקן און טראָגט אים ארויף די גריץ באָרוועס, און אזוי שטיל, אז זי הערט איר אייגן הארץ קלאַפּן. האָט זי זיך אָבער פאר איר אייגן הארץ־קלאפּן דערשראָקן, איז אראָפּגעפאלן פון די האלבע טרעפּ און איז אָפּגעלעגן א פּאָר חדשים. אין דער היץ האָט זי די גאנצע מעשה דערציילט, האָט דער עולם אָנגעהויבן נאָך שטארקער צו גלייבן אינעם פּרוש, און נאָך אומגעדולדיקער צו ווארטן, ער זאָל נתגלה ווערן.

מען האָט עס ווייטער דערציילט ר׳ חיים וויטאל. ער האָט ווייטער געשאָקלט מיטן קאָפּ און דערצו נאָך אָפּגעקרעכצט און געזאָגט: הלוואי ער זאָל גובר זיין! און אז מען האָט אים מפציר געווען, ער זאָל פארטייטשן די ווערטער, האָט ער געזאָגט: אז ווייל די ערשטע כוונה פון אים איז נישט געווען לשם שמים, דעריבער וועט ער האָבן גרויסע מניעות פון יענעם צד, און הלוואי ער זאָל נישט שטרויכלען...

און ר׳ חיים וויטאל זאָגט נישט פון דער העלער הויט!

איינמאָל זיצט ער, דער פּרוש, פארטראַכט איבער א ספר, דערהערט ער פלוצים, ווי עפּעס פּיקט אין דער טיר, פאלט אויף אים אַן אימה. עס פּיקט אָבער ווייטער און ווייטער, הייבט ער זיך אויף, פארגעסט דערווייל צו פארמאכן דעם ספר און גייט עפענען די טיר. עפנט ער די טיר, קומט אריין אַן אינדיק. לאָזט ער אריין דעם אינדיק. קומט אים אויף דער מחשבה, אז עס איז גלייך צו האָבן א לעבעדיק באשעפעניש אין שטוב. זיין אשה פלעגט האלטן זינגענדיקע פייגעלעך אין שטוב . . .

צייט דער אינדיק פאר אים פארביי און זעצט זיך שטילערהייט טיף אין א ווינקעלע. און דער פרוש קלערט, וואס דאס קאן באדייטן, און זעצט זיך צוריק צום ספר. אזוי זיצנדיק, פאלט אים איין: עס איז נישט ווייט פון פורים, האט מען אים אין זכות פון זיין תורה אן אינדיק געשיקט. וואס וועט ער טון מיטן אינדיק? עס וועט אים — טראכט ער — עמעץ פאר־בעטן אויף פורים צו דער סעודה, און אפשר וועט עס נאך זיין אן ארי־מאן, וועט ער ערב פורים אהין שיקן דעם אינדיק, וועט ער אויך טועם זיין דערפון. זייט זיין אשה איז נפטר געווארן, האט ער נאך קיין בשר־עוף נישט פארזוכט. אזוי קלערנדיק, הייבט ער אן מיטן מויל צו „סמאקיוועז", און ער באקומט א פול מויל מיט וואסער, ווארפט ער א בליק אויפן אינ־דיק, זעט ער, אז דער אינדיק קוקט אויף אים פריינטלעך, גלייך ער וואלט געוווסט זיין מיין, און הנאה געהאט דערפון, אז ער וועט דעם זכות האבן געגעסן צו ווערן פון פרוש. קאן ער זיך שוין נישט איינהאלטן און רייסט אלע ווייל אפ די אויגן פון ספר, און קוקט צום אינדיק, און עס הייבט זיך אים אן דאכטן, אז דער אינדיק שמייכלט צו אים. אביסל דערשרעקט ער זיך דערפאר, דאך האט ער הנאה דערפון, וואס עס שמייכלט צו אים א לעבעדיק באשעפעניש...

דאס איינענע איז געווען ביי מנחה־ומעריב. אין מיטן שמונה־עשרה קאן ער זיך בשום אופן נישט איינהאלטן, און רייסט אלע מאל אויף די אויגן און קוקט צום אינדיק, און דער שמייכלט אלץ און שמייכלט. פלו־צים הייבט זיך אים אן דאכטן, אז דעם שמייכל קען ער שוין פון לאנג... אז דאס האט דער רבונו של עולם, וואס האט אים צוגענומען זיין אשה, צוריקגעשיקט אים איר ליבלעכן שמייכל, ער זאל אים טרייסטן אין זיין איינזאמקייט, און ער הייבט־אן ליב צו קריגן דעם אינדיק, און ער טראכט, אז עס וואלט א יושר געווען, עס זאל אים פארבעטן אויף פורים צו דער סעודה אן עושר, כדי דער אינדיק זאל לעבן...

און ארויסגעזאגט האט ער עס אין א גוטער רגע, ווי מיר וועלן ווייטער זען, דערווייל אבער ברענגט מען אים, ווי דער שטייגער איז, א שיסעלע גריץ מיט א שטיקל ברויט, וואשט ער זיך און מאכט זיך גרייט צום עסן.

נאר אזוי ווי ער נעמט דאס ברויט אין האנט אריין און וויל אפ־בייסן פון אים — רוקט זיך דער אינדיק ארוים פון ווינקל און הייבט זיך

אָן צו פּיקען פּיק פּיק, בלשון בקשה, ווי דאָס וואָלט הייסן: ער איז אויך הונגעריק, און שטעלט זיך פאַר אים ביים טישל. טראַכט זיך דער פּרוש: זאָל ער בעסער עסן, וועל איך אָן אים קיין היזק נישט האָבן... נעמט ער דאָס שיסעלע גריץ מיטן שטיקל ברויט און שטעלט אראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע און דער אינדיק זופּט און עסט.

אויף מאָרגן גייט דער פּרוש אריבער צום ראש־ישיבה, און זאָגט אים, באשר בכן ער האָט באקומען א מיט־עסער; ער פלעגט שטענדיק איי־בערלאָזן פון דער גריץ, און היינט — גלייך ער וואָלט פון איר נישט טועם געווען... זעט דער ראש־ישיבה פאר זיך א הונגעריק פּנים, זאָגט ער, אז ער וועט דערפון מודיע זיין ר' חיים וויטאַל, ער זאָל מתפלל זיין, דער שד זאָל זיך פון אים אָפּטון, און דערוויל וועט ער אָנזאָגן, מען זאָל אים שיקן צוויי שטיקלעך ברויט און צוויי שיסעלעך גריץ, עס זאָל זיין פארביידן גענוג. ר' חיים וויטאַל אָבער, וועלכן מען האָט דערציילט אין ראש־ישיבהס נאָמען וועגן דעם מיט־עסער, האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעקרעכצט, אז עס הייבט זיך ערשט אָן!

דערוויל באקומט דער פּרוש טאָפּלטע פּאָרציעס, און ער איז זאַט, און דער אינדיק איז זאַט. דער אינדיק ווערט אפילו פעט. און אין א משך פון א פאָר וואָכן ווערט ער, דער פּרוש, אַזוי צוגעבונדן צום אינדיק, אז יעדן טאָג בעט ער גאָט, ער זאָל אויף פּורים פארבעטן ווערן צו אן עושר, כדי ער זאָל נישט קומען צו קיין נסיון.

און ווי געזאָגט, איז ער אין דעם פאַל צו קיין נסיון נישט געקומען. איינער פון די גרעסטע באַלעבאַטים האָט אים פאַרבעטן אויף פּורים. און עס איז געווען נישט נאָר אינדיק־פליש, נאָר אַלערליי מאכלים טובים און משקה כיד המלך. און אויך זענען פיינע פּורים־שפּילער געקומען משמח צו זיין דעם גביר מיט זיין משפחה מיט אַלע געסט, וואָס זענען צו אים געקומען נאָך זייער סעודה אין דער היים. און אונדזער פּרוש האָט זיך אונ־טערגעלענט דאָס האַרץ, ער האָט געגעסן און געטרונקען, אפשר מער גע־טרונקען ווי געגעסן, ווייל דער ווייַן איז געווען א זיסער און א שמעקע־דיקער און די וואַרימקייט פון אים איז זיך צעגאַנגען אין אַלע אברים.

פּלוצלינג אָבער איז אין אים אַלץ פאַרענדערט געוואָרן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אחשורוש־ואסתר שפּיל... ושתי וויל נישט טון דעם מלכס רצון און אריינקומען ווי גאָט האָט זי באַ־

שאַפֿן... אסתּר האָט באַלד דערנאָך נושא־חן געווען... מען גיט זי איבּער הגי דעם שומר הנשים. און זעקס חדשים בּשמן המור, און אַנדערע זעקס חדשים מיט אַנדערע בּשׂמים. און אונדזער פּרוש איז פּלוצים היים געוואָרן אין אַלע גלידער, און פינצטער פאַר די אויגן, און ענג אין האַרץ, און אין דער פינצטערניש זענען פאַר אים געפֿלויגן רויטע בּענדער, פֿייער־דיקע צונגען, און עס איז אים באַפֿאַלן אַ וווּנדערלעך שרעקלעך בּענקעניש אַהיים און אַהיים. צום בּוידעם אויפֿן בּית־המדרש, צו זיין חדר, צום שטילן ווינקעלע... צום אינדיק... און ער האָט עס נישט אויסגעהאַלטן און איז פאַרן בּענטשן אויפֿגעשפּרונגען און אַהיימגעלאָפֿן.

ער קומט אַריין, קוקט אויפֿן ווינקעלע, ווו דער אינדיק שטייט, און זוערט נבהל ונשתּומם: דער אינדיק איז מגולגל געוואָרן אין אַן אשה, אין אַן אשה אַ יפת־תּאר, וואָס די וועלט זעט עס נישט, און ער הייבּט אָן ציטערן אויפֿן גאַנצן לייב, און די אשה גייט צו אים צו, און נעמט אים אַרום מיט ווייסע, וואַרעמע און נאַקעטע הענט דעם האַלדז, און דער פּרוש ציטערט נאָך מער, און הייבּט זיך אָן בּעטן: נאָר נישט דאָ, נאָר נישט דאָ, עס איז אַ מקום־קדוש, הייליקע ספרים ליגן. רוימט זי אים איין אין אויער, אַז זי איז די מלכּה שבא, אַז זי האָט דאָ נישט ווייט פון בּית־המדרש, בּיים טייכל, צווישן די הויכע סטראָסטינעס, איר קריסטאַלענעם פּאַלאַץ, וואָס שלמה המלך האָט איר נאָך געשענקט... און זי ציט אים, ער זאָל מיט איר גיין, אַהין צום קריסטאַלענעם פּאַלאַץ...

און ער וואַקלט זיך און גייט, און גייט...

אויף מאָרגן — דער פּרוש איז נישטאָ! מען גייט צו ר' חיים וויטאַל, הייסט ער אים זוכן בּיים בּרעג פון טייך. געפֿינט מען אים אין אַ זומפּ צווישן די סטראָסטינעס, נישט טויט, נישט לעבּעדיק...

מען האָט אים דעראַטעוועט, נאָר פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבּן טרינקען...

און ר' חיים וויטאַל האָט געזאָגט, אַז דאָס קומט פון גרויס בּענקע־ניש צו דער מלכּה שבא, אַז ער טרינקט, זעט ער זי, און מען זאָל אים לאָזן טרינקען, אַ גאַנץ יאָר, נאָר נישט פּורים, ווייל פּורים וועט זי האָבּן אויף אים אַ גרויסע שליטה.

און פון דעם טאָקע וואַקסט דאָס ווערטל: „אַ גאַנץ יאָר שיכּור, פּורים ניכטער"...

מסירת נפש

מיט דורות צוריק האָט געשמט אין צפת א ייד — א גביר און א גרויסער בעל־מזל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט צירונג און אַלער־ליי אבנים טובות ומרגליות. און געווען איז דער ייד אַן עושר אַן אמתער, נישט קיין אויפגעבלאָזענער, ווי היינטיקע צייטן.

און געהאט האָט ער זיין אייגנם א פּאַלאַץ, וואָס האָט ארויסגעקוקט מיט ליכטיקע פענצטער־אויגן אויפן ים־כנרת; און אַרומגערינגלט האָט דעם פּאַלאַץ א גאָרטן א גרויסער, מיט אַלערליי גלוסטיקע ביימער, מיט כל המינים פּרות און זינגענדיקע פייגל, און מיט אלערליי שמעקעדיקע קרייטעכצער און אַנדערע געוויקסן, הן לנוי והן לרפואה. —

און געהאט האָט דער גאָרטן וועגן ברייטע, אויסגעשיטע מיט גאָלדענעם זאַמד, און די ביימער איבער די וועגן האָבן זיך אין דער הייך צוזאַמענגעטראָפן מיט די קרוינען און צוזאַמענגעפלאָכטן און פארשאָטנט די וועגן.

און סוכות זיינען צעזייט און צעשפּרייט געווען אויף אַלע עקן פון גאָרטן צום אָפּרוען, און וואַסערלעך, איבער וועלכע די טייערסטע ווייסע גענדז — בר־אווזות — זענען אַרומגעשווומען, האָבן געגלאַנצט ווי די שפּיגלען, — ממש אַ גן־עדן התחתון.

און געהאט האָט דער ייד זיינע אייגענע אייזלען און קעמלען, צו פאָרן איבער דער מדבר; און אַן אייגענע שיף, מיט אייגענע שיפסלייט און אַ שיפס־קאַפּיטאַן — צו פאָרן אויפן ים...

מיט איין וואָרט: אויף כל ישראל געזאָגט...

און דער ייד האָט נישט געקאַרגט די מטבע, און האָט זיך משדך געווען מיט רבנים, ראשי־ישיבות און אזוי גאונים פון בבל און ארץ־ישראל, און האָט אוועקגעשיקט די קינדער למקום תורה; און וואָס א זון ער האָט אוועקגעשיקט, האָט ער אים באַלד אָפּגעטיילט בכסף מזומן זיין חלק ירושה, אויסער נדן, כיד הגביר. און מיט דער צייט איז ביי אים

געבליבן נאָר די ייִנגסטע טאָכטער מיטן נאָמען שׂרה, דאָס געליבטע מוזיניקל, וואָס ער האָט געהיט, ווי דעם שוואַרץ־אַפּל פון אויג.

די שׂרה איז געווען אַ גרויסע יפה־פיה, און אַ לב טוב, און אַ מזג טוב — אין לשער.

און פאַר דער בת יחידה, אַז עס איז געקומען די צייט, האָט ער זיך אַראָפּגעבראַכט, פון נשיא פון בבלס ישיבה, אַ טייערע כּלי, מיטן נאָמען חייא.

און געשריבן האָט דער ראש־ישיבה אויפן בחור צום צפתער רב נישט מער און נישט ווייניקער, ווי עטרת ראשי ועטרת הישיבה; דאָס הייסט: די קרוין פון ראש־ישיבהס קאָפּ, און די קרוין פון דער גאַנצער ישיבה און דאַצו נאָך — ו„שלשלת היוחסין", ד"ה: גאָר דאָס אייבערשטע פון שטייסל — יחוס שביחוס.

און אַ קלאַנג איז געגאַנגען איבער דער וועלט, אַז אותו הבחור חייא קומט אַרויס „מזרע המלוכה"; נייערט בשעת חירום אין בבל, ווען מען האָט דעם חייאן געהרגעט פאָטער און מוטער און אומגעבראַכט שוועסטער און ברודער, און ער אַליין איז ניצול געוואָרן, ממש על פּי נס, — איז דער יחוס־בריוו פאַרלוירן געוואָרן... האָט אָבער ר' חייא דער גרויסער עניו, דערפון קיינמאָל נישט גערעדט, ווייסט מען נישט. — זיכער איז אָבער, אַז מענטשן, וואָס האָבן דעם בחור חייא אין גאַס געזען, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, קוקן אויף אים, ווי אין אַ שיינדל אַריין, און נישט איינער האָט אַ ברכה געמאַכט איבער זיין שיינקייט. וואָרום אַ פּנים האָט דער חייא געהאַט פון אַן אמתן בן־מלך; די שכינה האָט אויף אים גערוט...

באַזעצט זיך דער חייא ביים שווער אין צפת — על התורה ועל העבודה.

נישט לאַנג אָבער האָט זיין מנוחה געדויערט; דער שווער, דער אַלמן, איז אַ צייט נאָך חייאס חתונה נפטר געוואָרן. דער יונגערמאַן האָט געמוזט איבערנעמען די גרויסע עסקים און מאַכן נסיעות איבער ווייטע מדינות. מיט איין וואָרט, ער איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר, פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

דאָס האָט אָבער אים, חלילה, צו בטול־תורה נישט געבראַכט. דאָס קעמל, אויף וועלכן ער איז געריטן איבער דער מדבר, האָט

עמעץ פון דער קאראוואנע ביים ציימל געפירט, און ר׳ חייא האט נישט ארויסגעלאזט דאס ספר, וואס ער האט געהאלטן, פון האנט, און נישט אראפגענומען קיין אויג פון ספר.

און אין שיף האט ער געהאט א חדר מיוחד (קאיוטע בלע״ז), ווו ער איז געזעסן ביחידות און עוסק געווען בתורה, הן בנגלה, הן בנסתר.

און ער האט נאך אפילו געפונען צייט, צו לערנען זיך שבע חכמות ביי די אלטע שייכן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, ווי חכמת הרפואה, שיחת חיות ועופות און אפילו אצטגנינות, וכדומה...

און א בעל־צדקה איז ער געווען, אין לשער ואין לספר. ובכל מקום בואו — ווו ר׳ חייא האט זיך ערגעץ אפגעשטעלט אין קהילה, — פזר, נתן לאביונים — האט ער קודם־כל מפריש געווען מעשר־עני פון ריווח אויפן וועג. א חוץ פדיון שבויים לפי הצורך...

און אזוי פלעגט ער אויך טון גרויסע טובות דעם כלל ישראל.

ווארום דער מסחר מיט אבנים טובות ומרגליות האט אים מקרב געווען צום מלכות מיט אירע שרים. און מיט שיינקייט און ערלעכקייט, און אפשר מער נאך מיט זיין חכמה, האט ער שטארק נושא־חן געווען אין זייערע אויגן, און זיי פלעגן אין אים אמונה האבן, גלייבן לכל היוצא מפיו, און אלץ צוליב טון...

פלעגט ער זיין א שתדלן און א מליץ יושר על כל צרה שלא תבא... און ברוח פיו האט ער מבטל געווען בלבולים נוראים: ארויסגענומען פון תפיסות, באפרייט פון מלקות און קייטן; און נישט איינמאל און אין דער לעצטער מינוט, — פון תלינם הענט; כמה וכמה יונגע נפשות, וואס ער האט ארויסגענומען פון מעטשעטן, וואס מען האט זיי געוואלט אפ־שמדן איבערגעוואלט...

און איבער דער צייט, וואס ר׳ חייא איז געווען א מהלך בדרך, פלעגט שרה די צדקת ממלא מקומו זיין אין דער היים אין צפת לכל דבר שבצדקה, ווי עס פאסט פאר אן אמתער אשת־חיל. ובטח בה לב בעלה, — האט זיך ר׳ חייא אויף איר פארלאזט און איז זיכער געווען, אז דער הונגעריקער, וואס וועט אריינקומען אין זיין הויז, וועט ארויסגיין א זאט־טער; און דער דארשטיקער — אן אנגעטרונקענער. ווי אויך, אז זי וועט זייער בת־יחידה, מרים, מגדל זיין לצדקה ולמעשים טובים און מדריך זיין אין כשרון וועג.

וכך הוה: דער פּאַלאַץ איז שטענדיק פול געווען מיט אורחים און אָרימע לייט. און תּלמידי חכמים, רבנים און ראשי־ישיבה, וואָס פלעגן אַרויסגיין לחוץ לאָרץ וועגן צרכי הצבור און צוריקפאָרן, האָבן זיך, אַהינצו וועגס, ווי צוריקוועגס, אָפּגעשטעלט — אַזוי פלעגט מען שוין זאָגן — ביי ר' חייאַם ווייב, און זי פלעגט מקבל זיין בסבר פנים יפות, און שפּייזן מיט אַלדאָס גוטס, און פלעגט נאָך פאַרלאַנגען, זיי זאָלן אַרויפלייגן זייער האַנט אויף דער בת־יחידהס קעפּעלע און בענטשן זי מיט מזל...

און די ברכות האָבן אָנגעהויבן מקוים צו ווערן: די איינציקע טאָכטער מרים איז געווען אַן אויסטערליש געראָטן קינד, אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען. און גאַנץ צפת פלעגט זיך בענטשן מיט איר, מען זאָגט: „חייאַס טאָכטער לייכט ווי די זון"... „איז קלאָר ווי דער טאָג"; „עס ליגט אויף איר אסתּר המלכּהס חן וחסד"; און זי איז ווירקלעך געווען אַ יפי־פיה — די מוטער אויסן אויג.

זענען דאָך אָבער גאָטס דרכים נישט צום פאַרשטיין; און צוריק געשמועסט, האָט דאָך שוין שלמה המלך, עליו השלום, געזאָגט: „את אשר יאהב... יוכיח" — וועמען זיין ליבער נאָמען ליבט, דעם שטראָפט ער; טיילמאָל ברענגט דער רבונו של עולם גאָר אויפן צדיק אַ נסיון; ער פּרוּווט מיט יסורים דעם צדיק, צו זען, ווי ווייט, ווי טיף, און ווי שטאַרק דעם צדיקס בטחון איז — סיי־ווי־סיי, שרה די צדקת פאַלט פלוצלינג אַוועק. ר' חייא באַקומט די בשורה־רעה אויף אַ ווייטן וועג. און לב יודע מרת נפשו — פילט ער, אַז עס איז שלעכט, וואַרפט ער אַוועק אַלע עסקים און לויפט אַהיים. איבער טאָל און איבער בערג, מדבריות און ימים. באַ־געגענען אים אַלערליי מניעות. פאַלן אונטער אים אין מדבר אייזלען און קעמלען פאַר דאָרשט; שטורעם־ווינטן ווילן אים צעשלאָגן די שיף אויפן ים, — איז אים אָבער דער זכות התורה והעבודה בייגעשטאַנען. האָט ער גובר געווען אַלע מניעות און איז אַהיימגעקומען בשלום... האָט ער אָבער שוין געטראָפן די צדקת שרה כמעט ביי יציאת נשמה... נאָר ווי די צדקת האָט אים דערזען, האָט זי זיך געשטאַרקט און אויפגעזעצט אויפן בעט, און נאָך אָפּגעגעבן אַ שבח והודיה צום בורא עולם, וואָס האָט אויסגעהערט אירע תפילות, זי זאָל זען איר כשרן צדיק פאַר דער פּטירה; און דרייט זיך איבער צו ר' חייאַן, און טרייסט אים און איז אים מבטיח, אַז זי איז מקבל די יסורי־מות באהבה... און רעדט מיט

אים נאָך א וואָרט וועגן דער בת־יחידה מרים, וואָס מען האָט ארויסגע־פירט א פארחלשטע... און ר' חייא זאָגט איר צו, אז ער וועט זיין פאר איר אי א טאַטע, אי א מאַמע; אז קיין פרעמדע הענט וועלן דאָס יונגעביימעלע נישט בייגן, נישט קרימען, נישט, חס ושלום, ברעכן... וכנגד זה, זאָגט זי אים צו, אז זי וועט אויפן עולם־האמת קיין רגע אָן זיי נישט פארגעסן, אז זי וועט זיך שטענדיק מיען פאר דער בת־יחידה וועגן א זיווג, עס זאָל זיין לפי כצודה ומעלתה... און אויב עס וועט זיך מאַכן חס ושלום, א סכסוך, א ספק, צי א מניעה, וועט זי אלץ אָנווענדן און באַ־קומען רשות, צו באווייזן זיך ר' חייאן אין חלום, און זאָגן וואָס מען דאַרף... אזוי האָט זי זיך מיט ר' חייאן געזעגנט, געזאָגט נאָכאמאָל שמע ישראל (עס איז שוין געווען נאָך ווידוי) און נאָכאמאָל געעפנט די אויגן און א קוק געטון אויף ר' חייאן באהבה רבה און מיט חן וחסד, און געהייסן גריסן די טאָכטער, און געבעטן אים, ער זאָל מקבל זיין דעם גזר־דין פון זיין ליבן נאָמען באהבה, און האָט זיך אראָפּגערוקט פון קישן, איינגעצויגן די פיס און איבערגעדרייט זיך צו דער וואַנט — ויצאה נשמתה בטהרה...

און באלד נאָך שלשים האָט ר' חייא, אָן א רגע ישוב הדעת, מיט־אמאָל אָפּגעשניטן פון אלע מסחרים, פארקויפט די פּערל און בריליאַנטן און אלערליי אנדערע צירונג כמעט בחצי חנם, און האָט זיך באזעצט במנוחה על התורה ועל העבודה אין צפת... און אין פּאַלאַץ זיינעם האָט ער זיך געעפנט א ישיבה, און האָט אויסגעזוכט און פארזאַמלט אין איר פון צפת און פון דער סביבה אלע בחורים — ווויללערנער, און האָט געזאָגט פאר זיי, וואָס גאָט גיט א טאָג, דעם שיעור. און זיי האָבן דאָר־שטיק געטרונקען זיינע רייד, און די אָרעמע בחורים פון צווישן זיי האָט ער גאָר אינגאַנצן אויף זיך גענומען, און זיי אויפגעהאַלטן ביי זיך אין פּאַלאַץ, צו צוויי און צו דריי בחורים אין א חדר מפואר. און האָט זיי מפרנס געווען בעין יפה. און האָט זיי מלביש ומנעיל געווען כבני הגבירים. וכל מחסורם עליו — פארזאָרגט אפילו מיט קליינגעלט. א בחור זאָל זיך קענען אמאָל אָנטון א נחת און נישט פארשעמט ווערן פאר זיינע באַלע־באַטישע חברים...

וכשהגיע התור, אז אן אָרים־בחור איז געקומען צו שמונה־עשר־

לחופה, פלעגט ר' חייא שיקן נאָך שדכנים און אויסקלויבן אים א שדוך מיט קעסט און אָנהאַלטעניש, לפי כבודו ומעלתו, און פלעגט געבן נדן, הלבשה ומתנות, און נעמען אויף זיך כּאָטש האלב הוצאות החתונה מיט רח"ש, און פלעגט אַליין פירן צו דער חופּה, נאָך דער חופה משמח זיין חתן־כלה כדת־וכדין. און וואָס אַנבאַלאַנגט זיין טאָכטער מרים, האָט ער געהאָפט, אז עס וועט זיך אים טרעפן גאָר א כלי יקר — טאַקע, ווי מען זאָגט, פאַר גאָט און פאַר לייט.

וועגן דעם ענין האָט ער אַמאָל געשריבן בדרך משל צו זיין מחותן דעם נשיא פון בבל, מיט וועלכן ער פלעגט זיך דורכשרייבן, הן אין דברי־תורה, הן אין עניני משפחה, אויף לשון קודש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף עברי־טייטש, כאָטש אין עברי־טייטש פאַרלירט עס א סך פון מתיקות.

און אזוי שרייבט ער:

„מיטן הילף פון זיין ליבן נאָמען האָב איך מיר געפלאַנצט זייער א שיינעם גאָרטן (דאָס מיינט ער די ישיבה) מיט כל המינים ביימער, וואָס טראָגן כל המינים פּירות (דאָס מיינט ער — די תלמידים) און אז — א פּרי ווערט צייטיק און זאַפטיק, (דאָס מיינט מען: ראוי לחופּה), זוך איך אים אויס אַן אדם הגון (א שיינעם מחותן) און הייס אים א ברכה מאַכן ברכת נשואין, און אז גאָט וועט מיר העלפן, — שרייבט ער — און עס וועט זיך באַווייזן אַן אתרוגל א הדר, גאָר אָן א פּגימה, וועט שוין אין דעם הדרל זוכה זיין בתי היקירה מרת מרים, תח"י.

און אז דער נשיא פון בבל האָט אים צוריקגעשריבן מיט זיין לשון בקצור נמרץ:

— היכא דמי, עס זאָלן אין דיין ישיבה נישט זיין קיין לומדים מופלגים?

גיט אים ר' חייא אָנצוהערן, אז „לא המדרש עיקר".

— אין תורה — שרייבט ער אים בדרך המליצה — אלא מים; תורה איז געגליכן צו וואסער. אָבער נישט אַלע וואסערן פליסן ארויס פון גן־עדן. (נישט יעדערער, הייסט עס, לערנט לשם־שמים)... איינער לערנט לשם תאוות הנצחון: ער וויל איבעריאָגן און מנצח זיין זיינע חברים; א צווייטער מיינט נאָר צו באַנוצן זיך מיטן כבוד פון דער תורה... נישט ער זאָל מכבד זיין די תורה, נאָר די תורה זאָל אים מכבד זיין; א דריטער האָט צום לערנען גאָר אַן אַנדער מין יצר־הרע — ער האָט

ליב שכלדיקס! ער פרייט זיך נישט מיט גאָטס תורה, נאָר מיט זיין אייגענער: מיט זיינע חדושי־תורה, מיט זיינע המצאהלעך; ער קוועלט פון זיינע אייגענע אויפטועכצער, פון זיינע קונצן, וואָס ער באווייזט אין דער תורה! און, צוליב אַ קונץ, איז ער אפילו גרייט מגלה פנים צו זיין בתורה שלא כהלכה. טייל זענען מער מגושם, מאַכן זיי זיך פון דער תורה א האק, צו גראָבן אין מיסט, און צו געפינען א שוועך — אַן אַנהאַלטעניש, קעסט — ריין קישקע מיט שמאַלץ, און, איבער הונדערט און צוואנציק יאָר, — א ירושה! ... און ווען אפילו מתוך שלא לשמה קומט אמאָל לשמה, — בלייבט אַלץ אויף דער נשמה אַ פלעק, אַן אָפּזאַץ, א טעם לפגם! הכלל אתרוגים כשרע זענען פאַראַן פיל, וויל אָבער ר׳ חייא א הדר: עס זאָל זיין תוכו כברו, און דעם תוך פון אַ מענטש — איז נישט אזוי לייכט צו דערקענען... כבדהו וחשדהו; און ער וויל גלאַט כשר!

איז אים דער ראש־ישיבה מודה, און ענטפערט אים, כדרכו, בתכלית הקצור:

„יגעתי ומצאתי תאמין".

ווי אזוי אָבער זוכט מען?

הוא היה אומר, א מענטש — פלעגט ר׳ חייא זאָגן — וואָלט לייכט געוועזן צו דערקענען אין די אויגן... די נשמה אין גוף זיצט, ווי אין תפיסה; האָט דער בורא עולם, מיט זיין גרויס רחמנות, געעפנט דער נשמה אין דער תפיסה צוויי פענצטערלעך, דאָס זענען די אויגן פון א מענטש, זי זאָל דורך זיי ארויסקוקן, זען די וועלט, און לאָזן זיך דער־קענען דער וועלט! וואָלט מען אין די אויגן יעדן דערקענט, האָט אָבער א מענטש פאַרהענגלעך צו די פענצטערלעך — ברעמען, מיט וועלכע ער קאָן זיי פארשטעלן... און, א מענטש, וואָס האָט א נשמה מיט א פגם, באהאלט ער זי, ווי מען באהאלט קודם א חופה א כלה מיט א מום, און ווען די נשמה וויל זיך באווייזן, לאָזט ער די פאַרהענגלעך אראָפּ; מכלומרשט פאר עניוות...

לייכטער — זאָגט ר׳ חייא — וואָלט שוין געוועזן צו דערקענען א מענטש אינעם קול. אין דעם האָט ער געהאט זיין אייגענע שיטה:

„משול — פלעגט ער זאָגן — כחרס הנשבר" — א פּראָסטער מענטש איז נישט מער ווי אַן ערדענער שארבן. און דער גאנצער מענטש,

דער אדם השלם — צו אַן ערדענער כלי, וואָס קאָן אין זיך מקבל זיין די תורה און פאַרלירט נישט קיין טראָפּן. הני מילי? ווען דער טאָפּ איז גאַנץ... ווי אַזוי דערקענט מען אָבער, צי דער טאָפּ האָט נישט קיין שפּעלטל, כאָטש עס איז נישט מיטן אויג צו דערזען? מוז מען אָנקלאַפּן אָן דעם טאָפּ און הערן זיין קלאַנג — האָט דער טאָפּ אַ ריינעם, פולן קלאַנג, מה טוב! אַניט, איז טאַקע משול כחרס הנשבר... און אַזוי אויך דער מענטש.

אַ מענטש, וואָס איז נישט גאַנץ, קאָן האָבן אַן אויבער־קול, אַן אונטער־קול, אַ ביי־קול, אַ צעשפּאָלטן קול, אַ ציטערדיק קול, אָבער נישט קיין ריינעם, קלאָרן קלאַנג; קיין רעכט קול האָט ער נישט! איז אָבער אַ מענטש קיין טאָפּ נישט; אַז מען קלאַפּט אָן, און ער האָט נישט זיין אייגן קול, מאַכט ער נאָך אַ פרעמד קול... טוט ער ווי אַ פּאַפּוגיי! דו הערסט אַמאָל פונוויטנס אַ קול, מיינסט, דער און דער פויגל, און אַז דו קומסט צו — אַ נאָכגעמאַכט קול, אַ פּאַפּוגיי...

וכה יעשה כל הימים — לויט דער שיטה פּלעגט ר. חייא זיך נוהג זיין אַזוי:

דעם שיעור פּלעגט ער זאָגן פאַר ווארימעס; און אַ פּאָר שעה פאַר מנחה פלעגט ער אַרויסלאָזן די תלמידים אין גאָרטן אַריין: זאָלן זיי מטייל זיין אין שאָטן פון די ביימער. טועם זיין פון זייערע פּירות און אַ ברכה מאַכן, און אויך נהנה זיין פון די ריחות פון אַלערליי קרייטעכצער, און שפּאַצירנדיק, איבערחזרן דעם שיעור בעל־פּה, אָדער גלאַט רעדן פון תורה; אפילו שיחת רעים איז אויך קיין סכנה נישט... און ער פלעגט זיך דערמאָלט מתבודד זיין אין זיין חדר, און לערנען סתרי תורה... און זיין חדר האָט געהאַט אַ פענצטער אין גאָרטן אַריין, מיט אַ שווער־זייד־דענער פאָרהאַנג פאַר דער זון. און פון צייט צו צייט פלעגט ר' חייא אַראָפּ־נעמען די ברילן, לייגן אויפן ספר און נאָך צודעקן מיטן פולאַרענעם טיכל און אַרויפלייגן דאָס טאַבאַק־שקעטעלע, — און צוגיין צום פענצ־טער, און שטעלן זיך אַ ווײַלע הינטער דער פאָרהאַנג, און איינהערן זיך צו די קולות פון זיינע תלמידים, וואָס גייען אַרום אויף די שפּאַציר־וועגן, פּאָרן־ אָדער קופּקעלעך־ווייז, און רעדן צווישן זיך ווי חברים, און האָבן קיין סיבה נישט צו היטן זיך און בייטן די קולות...

וואָס זיי האָבן געשמועסט, האָט ער נישט געוואָלט און נישט

געקאָנט הערן: ארויף ביז צו זיין חדר איז צוגעקומען פון די בחורים נאָר דער קלאַנג אליין, אָן א התוך־הדבור... און אז עס איז אוועקגע־גאַנגען א צייט, און ר׳ חייא האָט קיין אמת רעכט קול נישט געהערט, איז ער אריינגעפאלן אין עצבות.

איינמאָל האָט ער זיך אפילו געקלאָגט פאַר זיין ליבן נאָמען:

— רבונו של עולם! — זיפצט ער — די פייגעלעך אין גאָרטן, וואָס האָבן נאָר א נפש היה, זינגען דיין שבח, און די תלמידים מיינע, וואָס האָבן א נשמה און א יחידה, לערנען דיין תורה... פארוואָס איז דאָס קול פון דיינע פייגעלעך אַזוי גאַנץ, אַזוי ריין, אז עס גיסן זיך אין זיי אויס גאַנצע נשמות, בשעת ווען מיינע תלמידים — — —

געענדיקט אָבער האָט ער נישט: מקטרג זיין אויף זיינע תלמידים האָט ער נישט געוואָלט... דאָס עצבות אָבער טרעט נישט אָפּ!

פון צייט צו צייט קומען אָן נייע תלמידים, נייע קולות, אָבער אַלץ קיין קמח־סולת נישט!

און איינמאָל שטעלט ער אָפּ די טאָכטער מרים, קוקט אויף איר א ווײַלע מיט גרויס ליבשאַפט און רחמנות, און גיט זי א פרעג:

— גייסט אַמאָל, טאָכטערשי, אויף דער מאַמעס קבר?

— יאָ, טאַטעשי! — ענטפערט זי אים און קושט אים דערביי מיט גרויס ליבשאַפט די האַנט.

קושט ער זי אויפן שטערן, און גלעט זי האַרציק איבערן קאָפּ, און בענטשט זי דערביי, און פרעגט נאָך:

— און וואָס בעטסטו ביי איר, טאָכטער?

— הייבט זי צו אים אויף אירע געטרייע אויגן און זאָגט:

— פאַר דיין געזונט, טאַטעשי, בעט איך! ביסט טיילמאָל אַזוי טרויעריק... און איך, נעבעך, ווייס נישט, מיט וואָס דיך משמח צו זיין... זי, די מאַמע, עליה השלום, האָט געוווסט... בעט איך ביי איר, זי זאָל עס מיר אריינגעבן אין האַרץ אַריין, אָדער צו חלום קומען און אויסלערנען, ווי אַזוי דיך משמח צו זיין...

גלעט ער זי איבער די פּאַטעמקעס בעקלעך און זאָגט איר:

— איך בין, ברוך השם, טאָכטער, בקו הבריאה! עפּעס אַנדערש דאַרפסטו בעטן ביי דער מאַמען!

— וואָס, טאַטעשי?

— אַז דו וועסט גיין, טאַטעשי, אויף דער מאַמעס קבר, בעט זי, זי זאָל זיך מיען, שטאַרק מיען און זען, עס זאָל מקוים ווערן דאָס, וואָס איך טראַכט וועגן דיר.

ענטפערט זי אים בתמימות:

— גוט, טאַטעשי!

ויהי היום — איינמאָל, זיצנדיק פאַר מנחה אין ערשטן חדר, דער־הערט ר׳ חייא פון פאָדערהויז אַ וויכוח, עס הערן זיך צוויי קולות: איין קול אַ בייזערדיקס, דעם ריש־דוכנאַ׳ס קול, און אַ צווייט קול, אַ יונגס, אַ פרעמדס — מן הסתם, פון אַ פרעמדן בחור, און דאָס קול פון פרעמדן בחור מאַכט אויף ר׳ חייאן אַ גרויסן רושם. אויף אַזאַ קול האָט ער גע־האָפט, אויף דעם האָט ער מתפּלל געווען! פאַרמאַכט ר׳ חייא דאָס ספר, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיך, און וויל זיך לענגער איינהערן, האַקט זיך אָבער דאָס צווייטע, בעטנדיקע קול איבער, און עס הערט זיך נאָר דעם ריש־דוכנאַס קול, וואָס מוסרט און בייזערט זיך. גיט ר׳ חייא אַ קלאַפּ אין טיש, פאַר אַ סימן, אַז ער רופט. עפנט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך פאַר אים דער ריש־דוכנאַ. אַ צערודערטער, אַ דערשראָקענער, און שטעלט זיך פאַר ר׳ חייאן כעבדא קמיה מריה, און זיין אַלט פּנים איז נאָך בלאַס, די אויגן שפּריצן נאָך מיט פייער, און די נאָז־פליגל טאַנצן — אַזאַ כעסן איז ער געווען.

וואָרנט אים ר׳ חייא: כל הכועס!...

— ניין, רבי! — בלאָזט זיך אָפּ דער ריש־דוכנאַ — עס איז משיחס צייטן — אַזאַ חוצפּה! אַזאַ חוצפּה פון אַ בחור!

— נו, נו, — וואָס וויל ער, דער בחור?

— ער וויל אַ קלייניקייט: אַריין צו אייך אין ישיבה!

— נו?

— פרעג איך אים: קענסט „ש״ס ופוסקים״? זאָגט ער: ניין! — כאָטש „משניות״? — פרעג איך ווייטער — ניין! — מאַך איך מיר אַ שפּאַס: און „עין יעקב״? — אויך נישט! — שפּאַס איך שוין ווייטער: און דאַווענען? צעווייגט ער זיך! — וואָס איז? דאַווענען אין סידור קאָן ער, נאָר פּירוש המלות האָט ער פאַרגעסן! שוטה, וואָס־זשע ווילסטו? — צו ר׳ חייאן וויל ער! — נאָך וואָס? זאָגט ער, אַז ער זויל אייך בעטן,

איר זאָלט אים לאָזן זיצן אין ישיבה און צוהערן זיך צום שיעור, אפשר וועט אים גאָט העלפן, ער וועט זיך דערמאָנען!

— געקאָנט, הייסט עס, און פאַרגעסן, — זיפצט ר׳ חייא אָפּ, — אַ חולה, נעבעך, און וואָס איז דער כעס?

— וואָס דער כעס איז? אדרבא — זאָג איך אים, איך וועל דיך אריינלאָזן צו ר׳ חייאן. טראָגט אָבער דער בחור אַ לייוונטן מלבוש, ארומגעבונדן איז ער מיט אַ האנפענער שטריק איבער די לענדן און האַלט נאָך אין דער האנט אַ וואַלד־שטעקן, ווי אַ גזלן, — אַן אָפּגעשיילטע צווייג פון אַ מאנדלבוים. זאָג איך אים: גוט, בחור, איך וועל דיך אריינלאָזן צו ר׳ חייאן, נאָר טו דיך איבער. האָסט אנדערע מלבושים? — נישט ער האָט, נישט ער וויל זיך איבערטון... ער טאָר נישט, זאָגט ער — לייג כאָטש אוועק דעם שטעקן! דאָס אויך נישט! ער טאָר דעם שטעקן נישט ארויסלאָזן פון האנט, נישט בייטאָג, נישט ביינאכט; ער שלאָפט מיטן שטעקן!

פארשטייט ר׳ חייא, אז עס איז אַ בעל־תשובה, זאָגט ער:

—יבא, זאָל אריינקומען דער בחור.

קומט ער אריין אַ בלאסער, אַ מאָגערער; אָנגעטון, ווי דער ריש דוכנא האָט אים אויסגעמאָלט, און שטעלט זיך ביי דער טיר.

רופט אים ר׳ חייא צו צו זיך נענטער, דערלאנגט אים „שלום", לאָזט זיך נישט פאלן צו די פיס, נישט קושן די האנט, און אז ער זעט, אז דער בחור הייבט אויף אים זיין אויג נישט אויף, פרעגט ער:

— קינד מיינס, וואָס לאָזטו די אויגן אראָפּ פאַר מיר? באהאלסטו פאַר מיר דיין נשמה?

— יאָ, רבי — ענטפערט דער בחור — מיין נשמה איז אַ זינדיקע... איך האָב מיך מיט איר וואָס צו שעמען.

זאָגט ר׳ חייא: אין אָדם משים עצמו רשע... איך הייס דיר אויפהייבן די אויגן.

פאָלגט דער בחור.

און ר׳ חייא, קוקנדיק אים אין די אויגן אריין, ווערט פארציטערט, אַ פארשאָלטענע נשמה האָט ער דערזען.

— קינד מיינס — פרעגט ר׳ חייא — עס שטעקט אַ קללה אין דיינע אויגן. ווער האָט דיך פארשאָלטן?

— דער ראש־ישיבה פון ירושלים!

ר׳ חייא ווייסט, אז דער ראש־ישיבה פון ירושלים איז ערשט נישט לאנג נפטר געוואָרן, פרעגט ער: ווען?

ענטפערט דער בחור: שוין צוויי חדשים.

„ריכטיק! — טראכט ר׳ חייא — דעמאָלט האָט ער נאָך געלעבט"...

און הויך פרעגט ער:

— פארוואָס?

— אויף דעם האָט מען מיך געהייסן, איך זאָל פאר אייך זיך מתוודה זיין.

— גוט... און ווי הייסטו, בחור?

— חנניא...

— נו, בחור חנניא, — מאַכט ר׳ חייא און שטעלט זיך אויף — איצינד קום דאַוונען מנחה ומעריב, דערנאָך וועט דיר דער ריש דוכנא ווייזן אַן אָרט ביים טיש... נאָכן עסן, וועסטו אראָפּגיין אין גאָרטן אריין, איך וועל דיך אויפזוכן און אויסהערן דיינע רייד.

און ער נעמט אים אָן ביי דער האַנט, און פירט אים מיט זיך צום בית־המדרש ביי דער ישיבה.

און גייענדיק, טראכט ר׳ חייא:

— אזוי יונג, אזא קול... און א בעל־תשובה... און אין די אויגן א קללה... וואונדערלעך זענען דעם בוראס דרכים.

שפּעט ביינאכט גייט ר׳ חייא מיטן בחור חנניא ארום אין גאָרטן. פון צייט צו צייט גיט ר׳ חייא א קוק צום הימל ארויף און זוכט עפּעס א צייכן על פּי האיצטגנינות, עפּעס א סימן, איז אָבער דער הימל פאר־שטעלט מיט א שטומען גרויען נעפּל; א נאכט אָן לבנה, אָן שטערן... עס שטראַלן נאָר די שויבן פון די פענצטער אין פּאַלאַץ, און מיט זייער ליכט פירט ר׳ חייא דעם בחור חנניא מיט זיך אין סוכה אריין, און זיי זעצן זיך. „ופתח פיו בחכמה", און ר׳ חייא הייבט אָן:

— אין „פּסוק" שטייט — זאָגט ער צו חנניאן — „דאגה בלב איש — ישיחנה".

— רבי, וואָס איז דער טייטש? בעט זיך דער בחור.

טייטשט אים ר׳ חייא אוים וואָרט ביי וואָרט:

— דאָס איז טייטש: „דאגה" — אַ זאָרג (חנניא חזרט איבער), „בלב" — אין האַרץ, „איש" — פון אַ מענטש, „ישיחנה" דאָס איז טייטש: ער זאָל אויסזאָגן אַן אַנדערן, — ער זאָל זיך אויסגיסן דאָס האַרץ. און כאָטש דער בחור איז תופס נאָר טייטש־ווערטער, הייבט זיך אים אָן דאָס בלאַסע פּנים צו רייטלען, ווי ביי אַ פאַרהלשטן, ווען מען ראַטעוועט אים און די נשמה קומט פּאַמעלעך צוריק אין גוף אַריין.

קריגט אויף אים ר' חייא גרויס רחמנות און זאָגט אים:

— פּתח פיך, בני — עפן דיין מויל, חנניא, ויאירו דבריך — און זאָלן לייכטן דיינע ווערטער, און זיי דיך פאַר מיר מתוודה...

האָט אים חנניא דערציילט אַ מ ע ש ה נוראָ.

קומען קומט ער אַרויס פון ירושלים... זיין מאַמע איז אַ רייכע אַלמנה, וואָס האַנדלט מיט בשמים...

און זי האָט נאָר צוויי קינדער געהאַט, אַן עלטערע שוועסטער מיטן נאָמען אסתר, און אים, חנניא.

האָט זי, פאַרשטייט זיך, ליבער געהאַט חנניאן, דעם קדיש, פאַר זיין שוועסטער. בפרט, אַז חנניא האָט זיך באַוויזן אַ יינגל אַן עילוי...

און כאָטש אסתר איז שוין אַלט געוואָרן אַ יאָר זעכצן, האָט די מוטער זיך נישט געזאָרגט און נישט געטראַכט וועגן אַ שדוך פאַר איר. און אַז שכנות דערמאָנען זי, האָט זי אַ גרייטן ענטפער: עס וואַקסן איר נאָך ברוך השם, קיין גרויע צעפּ נישט; און אָפּגעגעבן איר גאַנץ האַרץ האָט זי חנניאן. זי האָט אים געדונגען גוטע מלמדים, און ווייל זי איז דעם ראש ישיבה'ס אַ וויַיטע קרובה געווען, און האָט געהאַט אַ דריסת הרגל אין זיין הויז, פלעגט זי אַלע עטלעכע שבתים פירן חנניא'ן צו דער רביצין, און די רביצין פלעגט אים אַריינפירן צום ראש־ישיבה צום פאַרהערן.

האָט דער בחור ביים ראש ישיבה שטאַרק נושא חן געווען. שטייט די מוטער הינטער דער טיר און הערט, ווי מען לויבט אים; און קוקט אַריין דורך אַ שפּאַרע און זעט, ווי דער ראש ישיבה קנייפּט אים אין בעקל אַריין מיט גרויס ליבשאַפט, און איז אים מכבד מיטן שענסטן עפּל פון שבת־אויבס — קוועלט זי!

נאָך מער וואַקסט אין איר דאָס האַרץ, אַז די רביצין זאָגט איר, אַז

דער ראש־ישיבה וויל דעם בחור אריינעמען צו זיך אין ישיבה אריין, אויבוואָל זי איז דערויף נישט באַשטאַנען, ווייל זי וויל זיך מיט אים נישט וואָס אַמאָל מוסר זיין די השגחה אויפן געוועלבל אַ שכנה, און אריינלויפן צעשיידן. איר שיינדל, וויל זי האָבן ביי זיך אין דער היים; זי זאָל קאָנען אויסקושן איר בן יחיד אַלע אברים. נעמט זי אים צו נאָך אַ גרעסערן תלמיד חכם, ער זאָל לערנען מיטן בחור אינדערהיים.

און אינעם גרויסן תלמיד־חכם איז זי נכשל געוואָרן...

עס איז געווען איינער פון די פאַלשע תלמידי חכמים, וואָס לערנען נישט תורה לשמה, און האָבן נאָר אינזינען זיך צו הייכן און צו קרוינען אויפן חשבון פון דער תורה; האָט ער געפירט חנניאן אויף דעם אייגענעם דרך. ער האָט מיט אים געלערנט נאָר פּלפּול און קונצן, ווי אַזוי אַלץ אָפּצוּווענדן. און האָט געפלאַנצט אין חנניאס האַרץ די בּיטערע קרייטעכצער פון גאווה און נצחון. און חנניא האָט זיך געשווינד אויסגעלערנט די חכמה; וואָרום באמת איז עס נאָר אַ ח כ מ ה, אָבער קיין ת ו ר ה נישט. נישט דאָס האָט מען אויפן באַרג סיני געמיינט. — נאָר דאָס האָט די מוטער און דער עולם אָרום נישט פאַרשטאַנען, האָט מען חנניאן נאָך מער געלויבט, און די מוטער — וואָס ווייסט אַ נאַרישע יידענע? — האָט דערפון נאָך מער נחת געהאַט...

און אין אַ צייט אַרום האָט חנניא מקבל געווען די גאַנצע תורה פון תלמיד־חכם, און האָט געזאָגט דער מוטער, אַז ער דאַרף שוין קיין מלמד נישט האָבן, האָט די נאַרישע יידענע געמיינט, אַז עס עפענען זיך פאַר איר אַלע שבעה רקיעים...

און חנניא איז געגאַנגען אויפן דרך השקר שוין אויף דעם אייגענעם חשבון, און פלעגט האָבן וואָס אַמאָל מער וויכוחים מיט בחורים פון ישיבה און גלאַט לומדים, און אַלע גובר זיין און מבייש זיין, און מאַכן פאַר עם הארצים... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז עס איז אָנגעקומען צום ראש ישיבה, האָט דער ראש־ישיבה געזאָגט: מעשה ילדות! דערפון וואַקסט אַ תלמיד־חכם אויס! און האָט נאָר געהייסן גיין אין זיין נאָמען און זאָגן דער מוטער, זי זאָל אים דערלאַנגען אַ פּעטשל דערפאַר.

— אַ מאַמע — זאָגט ער — מעג!

גייט, מן הסתם, די מוטער און גיט אים א קוש פארן פּעטשל, און קויפט אים נאָך א שיינע מתנה פאר זיין חכמה...

זעט חנניא, אַז עס איז גוט אַזוי, ווערט ער נאָך מער מחוצף, לויפט ער אַרום אין שילן און בתי־מדרשים, און מאַכט זיינע קונצן. ווו עס זיצט אַ מתמיד און לערנט, שטעלט ער אים אָפּ אין דער אייגענער סוגיא, וואָס יענער לערנט, און פרעגט קשיות, הערט תירוצים. און וווענדט אָפּ... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז יענער ווערט פארטומלט, און חנניא ווייזט פארן גאַנצן עולם, אַז דער מתמיד האָט קיין שום השגה נישט...

אַמאָל טרעפט ער, ווען אַ בחור זאָגט אַ חילוק, אָדער עס דרשנט אַ תּלמיד־חכם, — און נאָך איידער יענער זאָגט „ובא לציון”, שפּרינגט ער שוין ארויף אויפן בעלעמער, און מאַכט פון חלוק אַשפּה, און צעשניידט מיטן מויל, ווי מיט אַ שער, דעם דרש אויף פּיצלעך, און צערייסט אים ווי א שפּינוועבס, און מאַכט אַלע פאר עם־הארצים.

לויפט מען ווייטער צום ראש ישיבה, גיט ער אַרויס אַ הארבערן פּסק: גייט, זאָגט ער, צו דער מוטער און זאָגט איר, אַז איך האָב געהייסן אים אָפּשמייסן...

קריגט חנניא פון דער מוטער נאָך שענערע מתנות און נאָך מער ממתקים; טוט ער נאָך מער מעשים רעים. דערציילט מען ווייטער דעם ראש ישיבה, זיפצט ער אָפּ און זאָגט, אַז ער האָט אים מורא מעניש צו זיין, אַזא למדן איז ער, אַז נאָר אַ מאַמע מעג. דערציילט מען אים, וואָס די מוטער טוט, הייסט ער, מען זאָל ארויפשיקן חנניאן אַליין. קומט חנניא אריין מיט עזות. און אַז דער ראש־ישיבה הייבט אָן א שמועס זועגן תורה, האַקט ער אים איבער מיט חוצפה און פרעגט שפּיציקע קשיות, און קשיות אויף קשיות, און ווייזט זיין גבורה, און מישט צונויף ש”ס ופוסקים... איז אָבער דער ראש־ישיבה א גרויסער עניו געווען, בייזערט ער זיך נישט, און זאָגט אים געלאַסן:

— הער, חנניא! דיין גאַנצע חכמה איז נאָר אויף אָפּווענדן, אַלע קשיות און תירוצים — אויף נישט אַזוי, אַלץ „ניין” און „ניין”... הייסט עס, אַז דו האָסט קיין גאַנצע תורה נישט... ווייל די תורה האָט דאָך עשהן און לא תעשהן, האַלב הן און האַלב לאוו, און דו האָסט נאָר: לאוו און לאוו... מער ווי העלפט ווערסטו קיינמאָל נישט האָבן. א והא ראיה: זאָג עפּעס דיינס, דיין אייגנס אויף יאָ...

שווייגט חנניא; אין דעם איז זיין כוח נישט געווען. זיין כוח איז געווען „סתירה,״ נישט „בנין״...

פארענטפערט ער זיך:

— דאָס האָט מיך דער מלמד נישט געלערנט!

זאָגט אים דער ראש ישיבה: דיין מלמד, חנניא, איז נפטר געוואָרן, און עס ברענט אים דאָס פייער אין גיהנום און דער זכות פון דער תורה קאָן אים נישט מציל זיין, — און ער וועט אזוי ברענען, כל זמן דו, חנניא, וועסט נישט תשובה טון און אויסרייסן פון האַרץ דאָס שלעכטס, וואָס ער האָט אין דיר פארזייט...

— דארפסטו — זאָגט דער ראש ישיבה ווייטער: רחמנות האָבן אי אויף דיר, אי אויף יענעם תלמיד־חכם, און תשובה טון און לערנען תורה לשמה...

לויפט חנניא אויפן בית עלמין ארויס און פרעגט זיך נאָך, צי דער און דער מלמד איז באמת נפטר געוואָרן? און ווען? ווייל ער האָט דערפון נישט געהערט. זאָגט מען אים: יאָ, און די קבורה איז געווען ערשט נעכטן, און מען ווייזט אים דעם וועג צום קבר. זעט ער, חנניא, ווי דאָס קבר איז איבער נאכט פארוואקסן געוואָרן מיט שטעכעדיקע און ברענענדיקע דערנער... פארשטייט ער, וואָס דאָס באדייט, און באשליסט זיך תשובה צו טון...

מאכט זיך אָבער, מעשה שטן, אזא מעשה:

אין יענער צייט האָט געלעבט אין ירושלים א געוועזענער קצב, וואָס דאָס בית־דין־צדק האָט אים ארייגעזעצט א תלמיד־חכם פאר א נאמן, ווייל ער, דער קצב, איז געווען א חשוד על הטרפות; און אז דער נאמן וויל ממלא זיין משלחתו באמונה און באמת משגיח זיין אויף דער יאטקע, כאפט דער קצב די האק און ווארפט דעם תלמיד־חכם אין קאָפּ אריין און נעמט אים אָן א פארווונדעטן, און ווארפט אים ארויס אין גאָס אריין. נסים מן השמים, וואָס מען האָט אים אָפּגעראטעוועט. ווערט א רעש, גייט דער בית־דין־צדיק און הייסט אויסרופן, אז דעם קצבס פלייש איז פגול, טרפה ונבלה, ערגער ווי חזיר... איז אָבער דער קצב פון טרפות שוין א גביר געוואָרן, פארמאכט ער גאָר אין גאנצן די יאטקע, און ווערט א מלווה ברבית, און מסרט דאָס בית־דין־צדק למלכות. כאפט מען די דיינים און מען ווארפט זיי אין תפיסה אריין, און מען איז זיי

מחייב מלקות און גלות... און וואס זאל מען טון, אז ער האט שוין קיין כשרע יאטקע נישט? — דאנקט מען און מען לויבט גאט, אז דער רשע האט זיך דאס הארץ געקילט, און עס וועט שטיל ווערן.

איז נאך דער עושר א רע לב און האט אויף זיין אייגענער פרוטה קיין שלימה נישט געהאט, און פלעגט נישט עסן, נישט טרינקען, און ארומגיין קרועה בלואה, און אז א מלבוש איז אים אראפגעפאלן פון לייב, האט ער עס אויך נישט אוועקגעשענקט קיין ארעמאן, נאר פארקויפט בפרוטה אויף לאטעס... און מגדל געווען האט ער כלבים, עס זאלן קיין ארעמע לייט נישט מאכן זיך קיין דריסת הרגל אין זיין הויז...

און קיין בנים זכרים האט דער רשע נישט געהאט, נאר איין איינציקע טאכטער חנה. ווייל א ווייב האט ער געהאט אן אשה צנועה און א צדקת, און נאך דעם, ווי חנה איז געבוירן געווארן, און זי האט אנגעהויבן צו פארשטיין דאס התנהגות פון מאן, האט זי געבעטן גאט, ער זאל איר טראכט פארשליסן, זי זאל כאטש קיין בנים זכרים נישט האבן, ווייל ברא ברעיה דאבוהו, און וועלן בוודאי ארויסגיין לתרבות רעה. האט זי מער ווי די איינע טאכטער נישט געהאט און דעם מאן מחזיר למוטב זיין האט די צנועה נישט געקאנט, האט זי פריער מקבל געווען אויף זיך די יסורים באהבה, וכאשר כשל כח הסבל — ווייל ער פלעגט זי פייניקן און רודפן, האט זי אויף זיך אליין געבעטן דעם טויט... און פאר דער פטירה האט זי באשווארן די קרובים, זיי זאלן זיך אליין מתעסק זיין אין איר קבורה, און דער מאן זאל אפילו פון איר קבר נישט וויסן.

און דער רשע איז שוין אן אלמן געבליבן. קיינער וויל אים נישט געבן קיין טאכטער פאר א ווייב. וווינט ער אליין מיט דער בת יחידה חנה. און הפלא ופלא — זי, די בת יחידה זיינע, האט ער דווקא שטארק ליב געהאט, און געהאלטן, ווי אן אויג אין קאפ, און האט געוואלט, זי מהנה זיין מכל המיני עולם הזה, און איז גרייט געווען פאר איר מבזבז צו זיין דאס גאנצע געלט, כאטש דאס געלט איז אים טייערער געווען פאר דער נשמה.

ווייל אבער די טאכטער נישט נחנה זיין, זי האט א צוואה פון דער מוטער, זי זאל, אויסער ברויט מיט וואסער, אין פאטערס הויז נישט עסן... און קיין טייערע קליידער וויל זי נישט און דארף נישט, ווייל זי קומט נישט ארויס מפתח ביתה, זי זאל נישט הערן, ווי מען שעלט דעם פאטער און מען איז אים מבזה אין אלע גאסן.

און וואָס וויניקער די טאָכטער וויל נהנה זיין פון זיין גוטס, מער חשק און תאווה האָט דער עושר איר טובות צו טון.

און אַז עס העלפט קיין איבעררייַדן נישט, טראַכט ער: איין טובה וועט זי וועלן; איך זועל איר געבן אַ מאַן אַ תלמיד חכם.

וכשהגיעה לפרקה, וויל ער פאַר איר אויסזוכן אַ חתן, דאָס אייבער־שטע פון שטייסל — אַ למדן שבלמדנים; גיט ער לאַנד־שדכנים גרויסע רשימות, און ער אַליין לויפט אַרום אין ירושלים און אין דער סביבה אין אַלע ישיבות, און איז פּוסק אַ הון רב פאַר אַ גוטן בחור. און אַלץ איז אומזיסט. קיינער וויל זיך נישט משדך זיין מיט דעם מנוול — וואָרום פון קרן האָט דאָך קיין שום בן אדם נישט געוווּסט.

ווערט דער עושר מלא חמה, בפרט אַז עס איז צו אים געקומען אַמאָל אַ שדכן און געזאָגט אים, ער זאָל אוועקלייגן די גאווה און טון, וואָס עס לאָזט זיך, און דערציילט אים, אַז בשכנות וווינט אַ בעל־מלאכה — אַ נהנה מיגיע כפו, אַן ערלעכער מאַן, וואָס וויל זיין טאָכטער, און וויל אַפילו קיין גראָשן געלט נישט, ווערט ער גאָר אונטערגעצונדן!

וואָס דען טוט ער?

פאַלט ער אויף אַן עצה און זוכט אויס צוויי תלמידי חכמים אביונים און גיט זיי געלט אויף הוצאות הדרך אויף צוויי יאָר, אַ חוץ פּרנסה, איבערצולאָזן פאַר ווייב און קינד אין ירושלים, און הייסט זיי אַרויסגיין אין גאַנץ תפוצות ישראל, וווּ זיין שלעכטער נאָמען האָט נאָך נישט דערגרייכט, און ברענגען אים אַן איידעם אַ תלמיד חכם, אַ מופלג.

יידן — אביונים, באַשטייען זיי, — און נעמען צידה לדרך, און לאָזן זיך אין וועג אַריין; און מעסטן אויס אין דער לענג און אין דער ברייט גאַנץ ארץ ישראל — און אַלץ בחנם.

און — אַ פּשוטע זאַך: די תלמידי חכמים האָבן אַלץ גערעדט וועגן נדן, קעסט און מתנות, און פון מחותן נישט גערעדט אַ וואָרט. און אַז מען האָט זיי געפרעגט וועגן מחותן, האָבן זיי זיך געמאַכט נישט הערנדיק, וואָרום קיין ליגן זאָגן האָבן זיי נישט געוואָלט; פאַרשטייט מען, אַז עס איז מיט אַ גרויסע סירכא, וויל מען נישט...

גייט אַוועק די צייט, וואָס דער עושר האָט זיי געגעבן, גייען די תלמידי חכמים צוריק בידים ריקות, און שטעלן זיך אָפּ ביי די טויערן פון ירושלים מיט גרויס פּחד; זועו נישט וואָס זיי וואָלטן איבערגעלאָזט

קינדער — לעבעדיקע יתומים און ווייבער עגונות, וואָלטן זיי בעסער אויף דער מדינה ארויס, און אהיים נישט געקומען, וואָרום זיי ווייסן, אז דער עושר וועט זיי נישט גלייבן, און מיינען, אז זיי האָבן זייערס נישט געטון בשלמות. און וועט זיי רודפן עד חרמה און חס ושלום נאָך איבערגעבן אין גוישע הענט... זיצן זיי אַזוי און טרויערן.

און ווי זיי זיצן אַזוי פארן טויער פון שטאָט ירושלים און טרויערן, געגענט זיך צו זיי אַן אָרעם בחור, אָנגעטון אין ווייסע לייוונט מיט א האנפענעם שטריק ארום די לענדן, און א פּראָסטן וואלד שטעקן פון א מאנדל־בוים אין דער האַנט; און ער גייט צו צו זיי, און גיט זיי שלום, און פרעגט זיי, צי זיי ווילן נישט טרינקען, און וואָס זיי זיצן אַזוי פאַרשמאַכט; און זאָגט זיי, אז ער וווינט דאָ אין דער מדבר און ער ווייסט פון א באר מים חיים, און עס איז נישט זייער ווייט פון דאַנען, און אויב זיי ווילן, וועט ער זיי פירן צום קוואַל... ווייל ער האָט קיין כלי נישט אַהער צו ברענגען וואַסער. זאָגן זיי אים, אַז דורשטיק זענען זיי נישט, נאָר זיי האָבן אַזוי עגמת נפש, און עס מאַכט זיך אַ שמועס, פרעגן זיי ביי אים, ווער ער איז; זאָגט ער זיי, אַז ער איז אַ נע־ונד, ווייל ער איז אַ יתום אָן טאַטע־מאַמע, לעבט ער חוץ לישוב און שפייזט זיך פון קרייטעכצער.

— און ווילסט גאָרנישט לערנען קיין תורה?

ענטפערט ער זיי, אַז ער לערנט תורה; אַז אַלע נאַכט, ווען עס ווערט פינצטער אין מדבר, קומט צו אים אַן אַלטער מאַן, און לערנט מיט אים בעל־פה... און ער דערזעט דעם אַלטן מאַן נאָר פון ווייטנס, ווייל עס לייכטן אים די אויגן אין דער פינצטער ווי די שטערן, און די ווייסע באָרד זיינע איז בלאַנק ווי שניי, און דער אַלטער מאַן קומט צו אים נאַכט אויף נאַכט און זעצט זיך נעבן אים און לערנט מיט אים ש"ס ופוסקים, ספרי, ספרא און תוספתא... ווילן זיי אים פאַרהערן, צו זען אויב ער זאָגט אמת. ווייזט ער זיך אַ גאון עולם... בערל שיטן זיך אים פון מויל... פרעגן זיי אים, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די מדבר, און וואָס ער טוט הינטער די טויערן פון ירושלים? דערציילט ער זיי בתמימות, אַז נעכטן האָט זיך מיט אים דער אַלטער מאַן געזעגנט און געזאָגט, אַז ער וועט שוין מער צו אים נישט קומען, און ער האָט אים געוויזן דעם וועג קיין ירושלים, און געהייסן אים גיין אין דער הייליקער שטאָט אריין, ווו ער וועט געפינען זיין זיווג און זיין מזל, און וועט זיצן על התורה ועל העבודה. און איך —

זאָגט ער — מוז דעם אלטן פאָלגן... ווערן זיי, די תלמידי חכמים, דער־פרייט, און זאָגן אים: קום, בחור, מיט אונדז, מיר האָבן פאר דיר א ווילן שדוך. גייט ער מיט זיי...

פירן זיי אים גלייך אריין צום גביר, און זאָגן אים: „אל תבט אל מראהו" — עס איז א גאון עולם; אליהו הנביא אליין האָט מיט אים תורה געלערנט. גלייבט זיי דער גביר און דערפרייט זיך, און מאכט באלד א סעודה, און שרייבט תנאים און איז מגביל זמן החתונה אינגאנצן אויף צוויי וואָכן. ער האָט מורא פאר אַן עין־הרע און אַ בייז וואָרט... און קודם כל נעמט ער פון חתן אראָפּ די קליידער און נעמט צו דעם שטעקן, און איז אים מלביש ומנעיל כיד הגביר, און די אלטע קליידער באהאלט ער צום פארקויפן, תיכף ומיד נאָך דער חתונה, דעם ערשטן בעסטן אויף לאַטעס פאַר א פרוטה... און די זאך באקומט אין שטאָט א שם. טייל זאָגן: דער ערגסטער הונט כאַפּט דעם בעסטן ביין... אַנדערע הענגען עס אָן אין דעם זכות פון דער כלהס מוטער. דאָס האָט די צנועה אויסגעבעטן, נאָך אַנ־דערע — אז בכלל זענען גאָטס דרכים נישט צו פארשטיין...

די צוויי וואָכן גייען בשלום פארביי, און עס קומט דער טאָג פון דער חתונה. און צוליב דער טאָכטער האָט דער כלב אָוועקגענומען די האנט פון הארץ, און געמאכט א הילולא, וואָס די וועלט זעט עס נישט. און לכבוד דעם חתן, זענען אלע נכבדים פון ירושלים געקומען אויף דער חתונה, און צום חתן־מאָל — אלע בחורים פון די ישיבות...

און די צייט פון פארן באדעקנס — דערציילט חנניא ווייטער — איז געקומען, דער חתן זאָגט פאר אונדז בחורים און במעמד תלמידי חכמים, דינים און דעם ראש־ישיבה — אַ שאַרפן חלוק... אין דער צוויי־טער שטוב איז מען שוין גרייט צום באַדעקנס... די קלעזמער שפּילן שוין מוסר, און די אונטערפירערס פון חתנס צד, דער רב און דער ראש ישיבה, האַלטן שוין הבדלות אין די הענט און דעם חתנס תורה גיסט זיך נאָך אלץ ווי בוימל, און צעגייט זיך, ווי א ריח פון בשמים, און די אויגן זיינע לויכטן ווי די שטערן... אלע גאַפן און הערן, הנניא אויך. ער האלט וואָרט. עס פאלט אים גאָרנישט איין אים אָפּצוווענדן. אדרבא, ער האָט נחת פון פרעמדן חלוק: ער פרייט זיך, אז פון אצינד אָן וועט ער האָבן אַ חבר, מיט וועלכן עס וועט כדאי זיין צו לערנען און צו רעדן וועגן לערנען. און עס האָט זיך שוין אין אים דערוועקט אפילו א ליבשאפט צום חתן, א

הייסט ליבשאַפט. עס פאַרגלוסט זיך אים דווקא אויפצושטיין און צוגיין און קושן דעם חתן... און ער טוט עס. אָבער אין גאַנג האָט ער זיך אויסגעגליטשט! פאַרבייגייענדיק דעם עולם, הערט ער, ווי איין בחור זאָגט צום צווייטן: דער חתן קאָן בעסער לערנען פאַר חנניאן. און יענער ענטפערט: חנניא איז א גולם קעגן אים... און דאָס איז שוין פאַר חנניאן אַ צו גרויסער נסיון געווען... עס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרץ, עס האָט אויפגעפלאַקערט אין אים אַ ווונד, גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון — הוא הנחש — הוא היצר־הרע! און ער בלייבט שטיין, שטעלט זיך אויף די נעגל, הייבט פלוצלינג אָן רעדן, אָפּצוווענדן, און פון מויל שיט זיך אים פעך און סמאָלע... פלוצלינג דערפילט ער, אז ער פאַרזינדיקט זיין נשמה, אַז ער גייט קעגן אליהו הנביאס תורה, קעגן תורת האמת... אַז ער שטעכט דער תורה אין האַרץ אריין שפּיזן און שווערדן, אז ער טייט די תורה. און ער דערשרעקט זיך און וויל אויפהערן רעדן, און קאָן נישט... עס רעדט זיך שוין אָן זיין רצון, קעגן זיין ווילן, עס רעדט פון אים אַ נישט־גוטער אַרויס! און ער זעט, ווי דער חתן ווערט בלאַס פאַר שרעק, ווי ער וואקלט זיך און פאַלט פאַר חולשות הדעת אויף אַ שטול...

און באותו הרגע ווערט אַ גיהנום אין שטוב. דער סקנער ווערט מלא חימה און ברילט ווי א לייב: מקח טעות! מקח טעות... און לויפט אַרום ווי משוגע, און ער זוכט און כאַפּט די אָרעמע תלמידי חכמים, די שליחים און שדכנים זיינע, און שלאָגט זיי און רייסט זיי אויס די בערד, און לויפט קעגנאיבער צו די קלעזמער און רייסט זיי די כלים פון די הענט אַרויס, און וואַרפט און צעשמעטערט זיי. און לויפט צו צו דער כלה אינמיטן שטוב און רייסט זי אוועק פון באַדעקנס. און לויפט ערגעץ אין א קאמער אַריין און ברענגט אריין דעם חתנס אַלטע מלבושים: דאָס לייווענטענע מלבוש מיטן האַנפענעם שטריק און ווייסן זואלד שטעקן. און רייסט אַראָפּ פון פאַרחלשטן חתן די נייע מלבושים, און שטופּט אים אַרויס אַ נאַקעטן פון טיר, און וואַרפט אים נאָך די אַלטע מלבושים... און די אנשי השובים פון ירושלים און אַלע חתונה געסט אנטלויפן פאַר שרעק.. איין חנניא בלייבט. ער שטייט נאָך אַלץ פאַרשטאַרט אויפן אָרט. און הערט, ווי דער עושר שרייט: אַ שאָד די סעודה; ברענגט מיר אַריין דעם סטאָליאַר — שרייט ער — האַלט גרייט די חופה!... רייסט ער קוים די פיס אָפּ פון פאַדלאָגע און אנטלויפט פון שטוב אַרויס. און באַלד אין גאַס איז אים

אנטקעגן געקומען דער ראש־ישיבה; ער שטעלט אים אָפּ און זאָגט אים: חנניא, דו קענסט חרוב מאַכן א וועלט, פאַרגעס בעסער דאָס לערנען!...

— און באותו הרגע — דערציילט חנניא, האָט מיר עפּעס א קנאַק געטון אין מוח, עפּעס האָט דאָרט געפּלאַצט, און איך בין געבליבן ווי א לערע שטייג אָן טויבן, אָן א וואָרט תורה! פאַל איך דעם ראש ישיבה צו די פיס, און בעט א תשובה, זיפצט ער: — ווער ווייסט, צי עס וועט העלפן.

הייב איך אָן שטאַרק צו וויינען, ווייזט ער מיר, אז נישט ווייט, אונטער א ווינקל פון א הויז, שטייט דער חתן, וואָס ווייסט נישט, ווו אוים און ווו איין אין דער פרעמדער שטאָט.

— צו אַלעם ערשטן — זאָגט ער — גיי צו אים צו און בעט ביי אים מחילה...

איך האָב מורא צו גיין, שטופּט ער מיך אונטער:

— גיי און פּועל ביי אים, ער זאָל מיט דיר אהיימגיין צו דיין מאַ־מען... איך וועל אויך אונטערקומען.

גיי איך צו צום מבויישן חתן; דערזעט ער מיך, און לויפט מיר אנטקעגן, און לאָזט מיך צום וואָרט נישט קומען, און רופט צו מיר:

— מוחל, מוחל! במחילה גמורה; עס איז קיין זיווג נישט געווען!

געוואָלט וואָלט איך בעסער, ער זאָל מיך דורסן; און ער לייגט מיר די האַנט אויף מיין אַקסל און רופט מיך: חבר!

זאָג איך: וואָס פאַר א חבר קאָן זיין אַן עם־הארץ מיט א תלמיד־חכם? גאַפט ער. און איך דערצייל אים פון דער קללה, מיט וועלכער דער ראש ישיבה האָט מיך פאַרשאָלטן. ענטפערט ער מיר:

— אז עס וועט זיך מיר באַווייזן מיין אַלטער רבי (אליהו הנביא, הייסט עס), וועל איך אים בעטן פאַר דיר!

פיר איך אים צו מיין מאַמען, און לייד אויפן וועג חבוט הקבר! ער רעדט צו מיר תורה, און איך פאַרשטיי אים נישט א וואָרט... און עס וויינט מיר דאָס הארץ פאַר בענקשאַפט צו דער תורה... און אין דער נשמה איז פינצטער און וויסט, ווי ביינאַכט אין א חורבה... קומען מיר אריין צו דער מאַמען, פאַל איך איר אויפן האַלדז מיט א געוויין:

—מאַמעשי, גאָט האָט מיך און דיך געשטראָפט.. אַצינד האָסטו א זון אַן עם־הארץ!

זווערט איר נעבעך נישט גוט און עס ציטערט איר קול:

— ווי הייסט... ווי אזוי? ווער האָט עס דיר אַן עין־הרע געטון?

דערציייל איך איר די גאַנצע מעשה, און ווייז איר, אַז דאָס איז דער חתן, וואָס איך האָב אים פאַרשעמט, פאַרברעכט די מאַמע אירע הענט און וויינט מיט אַ פאַרביטערט קול, און אסתר, די שוועסטער מיינע, שטעלט זיך אין אַ ווינקעלע מיטן פּנים צו דער וואַנט, און גיסט טרערן... באותו הרגע קומט אריין דער ראש־ישיבה און ווענדט זיך קודם כל צו אסתרן:

— הער, כלה, גיי אין קיך אריין, און מאַך עפּעס צו עסן פאַר דעם תלמיד־חכם... — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט אויף דעם פרעמדן בחור — און אַז דיין מזל וועט שיינען, — לייגט ער צו — וועט ער זיין דיין זיווג.

פאַרצאָגט קוקט זיך אסתר אום אויף דעם חתן און זיין הולך, נאָר דעם ראש־ישיבה פאָלגט זי און גייט ארויס...

און דער ראש־ישיבה ווענדט זיך צו דער מאַמען:

— אצינד — זאָגט ער — איז נישט קיין צייט פון וויינען... און דו האָסט דיך אויך פאַרזינדיקט דערמיט, וואָס דו האָסט פאַר אסתרן נישט געזאָרגט און חנניאן נישט געשטראָפט... נישט גוט! נישט גוט!

הייבט די מאַמע אָן נאָך שטאַרקער צו וויינען.

— נישט וויינען — זאָגט נאָך אַמאָל דער ראש ישיבה — טון דאַרף מען.

— וואָס? וואָס? — קלאָגט די מאַמע.

— און דו וועסט מיך פאָלגן? — פרעגט דער ראש־ישיבה.

— פאָלגן, פאָלגן! איילט זיך די מאַמע צו זאָגן.

זאָגט דער ראש־ישיבה אזוי.

— קודם, מאַך חתונה אסתרן... אָט איז איר זיווג.

רייסט זיך ארויס פון דער מאַמעס האַרץ אַ געוויין:

— דער בחור אין לייוונט, מיטן שטעקן?

— דאָס איז דער בחור, וואָס אליהו הנביא האָט מיט אים תורה געלערנט. אזוי פאָלגסטו, קרובה?

— זייט מיר מוחל, רבי... איך פאָלג שוין, איך פאָלג...

— און דיין זון, — זאָגט ער ווייטער — מוז גיין גלות אָפּריכטן

ביז דעם רחמנס רחמנות וועט זיך אויף אים דערוועקן, און דו וועסט פון אים אויך נחת האָבן, נאָר שפּעטער... עלטער איז אסתר!...

— און דו, — ווענדט ער זיך צו מיר — דיר וואָלט אפשר קיין תשובה נישט געהאָלפן פאַר דיין גרויסע זינד... האָסטו אָבער אַ נס, וואָס עס איז קיין זיווג נישט געווען, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ טובה, אי פאַרן חתן, אי פאַר דער כלה!

— דער כלה אויך?... — וווּנדערט זיך די מאַמע.

ענטפערט דער ראש ישיבה:

— זיי זויסן, אז לאה, דעם רשעס טאָכטער, איז אַ באהאַלטענע צנועה, און איר׳ מוטער, די צדקת האָט זיך פאַר איר געמיט אין די עולמות העליונים, און אויסגעבעטן פאַר איר אַ למד־וואָווניק... און דאָס איז ער טאַקע, דער סטאָליאַר, וואָס דער עושר האָט אים געשלעפּט צו דער חופּה, די סעודה זאָל נישט קאַליע ווערן. נאָר דאָס, בעט איך, זאָל בלייבן בסוד סודות, ביז ער וועט נישט אַליין נתגלה ווערן!...

— גאָטס נסים! זאָגט די מאַמע, שוין אביסל געטרייסט.

— און אַצינד — זאָגט ער ווייטער צו מיר און צום חתן — אַצינד, מיינע ליבע קינדער, טוישט אייך מיט די מלבושים!...

— און דו, — זאָגט ער צו מיר — גיי תיכף ומיד אין גלות אריין... און דעם שטעקן נעם און היט אים, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ביינאַכט האַלט אים צו קאָפּנס, ווו דו וועסט שלאָפן. און איך זועל מתפּלל זיין, עס זאָל קומען דיין הילף און דער שטעקן זאָל אויפבליען, און דעמאָלט וועט דיין נשמה אויך אויפבליען און דו וועסט דיך אַלץ דערמאָנען. נאָר געדענק, ערשט דעמאָלט וועסטו מעגן אָנטון אַנדערע מלבושים, און אַצינד גיי און געזעגן דיך נישט מיט קיינעם.

כהרף עין האָב איך מיך איבערגעטון אין דעם חתנס קליידער, און באותו רגע קומט אריין מיין שוועסטער מיט אַ פּאַנקוכן אויף אַ טעלער אין דער האַנט, און ווי זי דערזעט אונדז אין די פאַרטוישטע מלבושים, האָט זי פאַר שרעק אַראָפּגעלאָזט דעם טעלער מיטן פּאַנקוכן, און דער טע־לער האָט געפּלאַצט מיט אַ הויכן קלאַנג, און דער ראש־ישיבה האָט אויסגערופן: — „מזל טוב, מזל טוב!".

מער האָב איך שוין נישט געהערט, איך בין באַלד אַרויס פון שטוב.

און אַזוי ווי ער איז אַרוים פון ירושלים — דערציילט חנניא — האָט ער תיכף ומיד פאַרבלאָנדזשעט אין אַ מדבר, אָן ברויט און אָן וואַסער. נאָר נישט צו ברויט און וואַסער האָט ער געגלוסט, פאַרן גוף האָט חנניא יוצא געווען מיט גרעזלעך, וואָס געפינען זיך אַמאָל אין מדבר... און געווען איז ער שטענדיק בחזקת סכנה, צווישן אַלערליי חיות, נחשים ועקרבים, נאָר זיי האָבן אים גאָרנישט געטון . . . פלעגן עפּעס ברומען צווישן זיך און אַראָפּגיין פון וועג. האָט ער, חנניא, פאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן אויף אים קיין שליטה נישט, ווייל זיין פּסק איז נאָר „נע־ונד". און איינמאָל האָט ער אַפילו געהערט בחוש, ווי אַ קול רופט אויס — „זה שייך"... — נאָר צו וועמען, האָט ער נישט דערהערט...

און אַזוי האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט טאָג און נאַכט, און גע־טראַכט און געטרויערט האָט ער אויף זיינע יונגע יאָרן, וואָס גייען אַוועק אָן תורה, אָן ליכט, אָן אַ שטראַל פאַר זיין פינצטערן מוח... וואָלט ער כאָטש אַ וואָרט תורה געהערט! כאָטש אַ סידור ער זאָל האָבן... בעל פּה קען ער אַפילו נישט דאַווענען, גאָר נישט.

איינמאָל, דערציילט ער, האָט ער זיך געשאָטן זאַמד אויפן קאָפּ, און לשם צער זיך געשטעלט אויף איין פוס, און אַלץ אינאיינעם געשריען אין הימל אַריין „תורה!" „תורה!", נישט מער ווי דאָס איינע וואָרט... און געשריען האָט ער מיט מסירת נפש... לאַנג, לאַנג, ביז די זון איז אונטער־געגאַנגען, און ער איז געפאַלן אויף דער ערד און איז איינגעשלאָפן פאַרשמאַכט, און געפילט, אַז ער וויינט אין שלאָף אויך און שרייט: תורה! תורה... באַווייזט זיך אים דער ראש־ישיבה, אָנגעטון אין תכריכים און אַ גאָלדענע קרוין אויפן קאָפּ, און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— שטיי אויף, חנניא, דיין רפואה הייבט זיך אָן... גאָט האָט גע־הערט דיין געבעט, און אליהו הנביא האָט זיך פאַר דיר געמיט, שטיי אויף און גיי פאַר דיר, ווו די אויגן וועלן דיך טראָגן. וועסטו קומען קיין צפת, און זאָלסט אַריינגיין צום לב־טוב, ר' חייאן, און וועסט זיך פאַר אים מתוודה זיין, און בעטן, ער זאָל דיך אַריינעמען אין זיין ישיבה, און ער וועט דיר נישט אָפּזאָגן, און אַז דו וועסט אַלט ווערן אַכצן יאָר, וועט ער דיר געפינען דיין זיווג, און ער וועט מתפּלל זיין פאַר דיר, און זיין תפילה מאַכט שטענדיק אַ רושם פאַרן כסא הכבוד. אַ חוץ דעם — איז חופּה מכפּר, און שבע ברכות אויך... וועסטו געהאָלפן ווערן... און צום אַכטן

טאָג נאָך דער חופה וועסטו זיך אויפכאַפּן אינדערפרי, וועט דער שטעקן ביי דיר צו־קאָפּנס שוין האָבן אויפגעבליט און שפּראָצן מאַנדלען, און בליען און שפּראָצן וועט אויך אין דיר די נשמה...

— און דו וועסט זיך אַלץ דערמאָנען, אויסער דעם שלעכטן, און וועסט זאָגן פאַר ר׳ חייאן א חילוק, אַ בנין, נישט קיין סתירה; און ר׳ חייא וועט פון דיר נחת האָבן... נאָר צי וועסטו לאַנג לעבן, — זאָגט ער — ווייס איך נישט...

און ער איז נעלם געוואָרן, און איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג און געגאַנגען, ביז איך בין געקומען צו אייך, רבי...

אזוי דערציילט חנניא, און ר׳ חייא קוקט אויף אים מיט גרויס צער און פרעגט:

— און ווי אַלט ביסטו, חנניא?

— זיבעצן יאָר און צען חדשים.

פאַרטראַכט זיך ר׳ חייא... „נעבעך — טראַכט ער — אָן אריכת ימים!" דערווייל הייבט חנניא אויף זיינע גרויסע אויגן אויף ר׳ חייאן און זאָגט מיט א האַרציק געבעט, שטיל און פאַרציטערט:

— רבי, וועט איר מיך אריינעמען אין דער ישיבה?

„אַ לערע נשמה — טראַכט ר׳ חייא — אָן א וואָרט תורה, און פון האַלדז שפּילט אַרויס דוד המלכס פידעלע" — און הויך זאָגט ער:

— גיי, מיין קינד, שלאָפן... זאָג דעם ריש דוכנא, ער זאָל דיר ווייזן וווּ, און קום מאָרגן פרי צו מיר נאָך תשובה, אַצינד גיי, מיין קינד...

חנניא גייט אַרויס, און ר׳ חייא בלייבט נאָך א ווײַלע אין סוכה, ער קוקט דורכן פענצטערל אין הימל אַריין און פרעגט:

— זאָל עס זיין ד ע ר ? . . .

נאָר דער הימל איז פאַרוואָלקנט און שווייגט.

און פאַרוואָס ר׳ חייאן איז שווער צו געבן חנניאן תשובה באַלד אויפן אָרט, זועט מען זען אין שמועס מיט חנניא׳ן צו מאָרגנס אינדערפרי.

— חנניא בני, — זאָגט ער אים אין א באַזונדער חדר, — זיי ווייסן מיין קינד, אז בנוגע צו דיין בקשה, איך זאָל דיך אריינעמען אין מיין ישיבה אריין, איז פון מיין צד קיין מניעה נישט, נאָר...

הייבט חנניא אָן אויפן גאַנצן לייב צו ציטערן.

— „רבי, זאָגט ער — לאָזט מיך זיצן, ווי אַם ווייטסטן פון אייך ערגעץ אין אַן עק באַנק, אין אַ פינצטער ווינקעלע, איך וויל נאָר הערן וואָס איר וועט זאָגן פאַר זיי, פאַר די תלמידים... נאָר הערן וויל איך...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל. — טרייסט אים ר׳ חייא — נאָר, זאָגט ער, איך האָב פּחד, עס זענען דאָך פאַרט יונגע לייט, מעשה נערות, זיי וועלן אויס דיר, חס־ושלום, חוזק מאַכן... און דערצו, לאָמיר זיך נישט נאַרן, חנניא, תלמידי חכמים זענען זיי דאָך, און דו דערוויל... און די שנאה פון אַ תלמיד חכם צו אַן עם הארץ איז גרויס... וועסטו ליידן יסורים פון זיי, דאָס האָב איך מורא...

שרייט אויס חנניא מיט פרייד:

— אדרבא, רבי, איך דאַרף ליידן און אָפּקומען, וואָס מער ביוש, וואָס מער יסורים, וועט געשווינדער אַראָפּ די קללה:

— זאָל זיין אַזוי, — איז ר׳ חייא מרוצה — האָב איך אָבער מורא, עס זאָל זיי, חס ושלום, נישט שאַטן, המלבין פני חבירו ברבים...

באַווייזן זיך דערוויל פּייערלעך אין חנניאס אויגן:

— וואָס איז טייטש, רבי?

— עס איז טייטש, אַז איינער פאַרשעמט זיין חבר, ברבים — צווישן מענטשן — פאַרלירט ער זיין חלק עולם הבא!

ווערט חנניא נאָך מער דערפרייט.

— הייסט עס — זאָגט ער — רבי, אויב איך וועל אָפּקומען, און די קללה וועט אַראָפּ פון מיין נשמה, וועל איך אַלץ קיין חלק לעולם הבא נישט האָבן און לערנען וועל איך תורה טאַקע לשמה, נישט האָפנדיק אויף שכר...

הלוואי, רבי, הלוואי!

ר׳ חייאס הארץ זאַפּט איין זיינע ווערטער ווי אַ שמעקנדיקן בוימל.

— אָבער זיי, — טענהט ער — די תלמידים? ווי קען איך זיי לאָזן שטרויכלען און פאַרלירן עולם הבא.

בלייבט חנניא אַ ווײַלע שטיל און דערנאָך פרעגט ער:

— און ווי איז, רבי, אַז איך בין זיי מוחל, פאַרויס מוחל...

— „למפרע", הייסט עס! — טייטשט זיך אויס ר׳ חייא, און נעמט

חנניאן אָן ביי דער האנט און פירט אים מיט זיך אין ישיבה אריין, און זעצט אים לויט זיין פארלאנג באַזונדער, גאָר אָן א זייט פון די תלמידים.

און ר׳ חייא זאָגט דעם שיעור, און, פון צייט צו צייט, ווארפט ער אַן אויג אויף חנניא׳ן. זעט ער, ווי דער בחור זיצט מיט פארמאכטע אויגן, נאָר אָפענע אויערן, און הערט זיך איין צום שיעור, און זיין פנים רייטלט זיך, ווען ער כאַפּט א וואָרט, און ווערט בלאַס פאַר שרעק, אַז עס ווערט אים עפּעס פארלאָרן. און טיילמאָל פאלט אויף אים א מרה־שחורה, ווען ער קען אפילו דאָס טייטש־וואָרט נישט כאַפּן. דערמאָנט עס ר׳ חייאן אָן א פארשמאכטן קעמל, וואָס בלאָנדזשעט אין מדבר, און האָט יסורים פון דאָרשט, און נחת דערפון, וואָס עס הערט פון ווייטנס א קלאָר ריזלען פון א קוואַל...

און אמאָל הערט ער, ווי די תלמידים מורמלען צווישן זיך וועגן חנניאן, טייטן אויף אים מיט די פינגער, און זיין אויער כאַפּט בלבולים ווי בור, עם־הארץ... האָט ר׳ חייא גרוים צער דערפון, און דאָך שרייט ער אויף זיי נישט אָן, ווייל ער זעט, ווי חנניא הייבט דעמאָלט אויף די אויגן און קוקט אויף די תלמידים, וואָס ווילן אים פייניקן דערמיט, מיט פרייד, מיט ליבשאַפט, גלייך זיי וואָלטן אים די גרעסטע טובה געטון... זאָגט ער ווייטער דעם שיעור...

און ר׳ חייא זאָגט, און די תלמידים פרעגן קשיות, און ר׳ חייא ענטפערט, און מען אמפערט זיך, נאָר איין חנניא שווייגט, ער זאָל קיין פּאַרע פון מויל נישט ארויסלאָזן, און פירט מיט קיינעם קיין חברותא נישט. און דאָס מסירת נפש, מיט וועלכן ער לאָקערט אויף יעדעס וואָרט, איז צעגאָסן אויף זיין פנים... און אז דער שיעור ענדיקט זיך, גייט ער ארויס דער לעצטער, און די פאָר שעה פאַר מנחה, גייט ער אביסל ארום איינער אליין און אויף אָפּגעלייגטע און פארוואקסענע וועגן, ביז ער קומט צו צו א פארגעסענע סוכה צווישן אָלעאנדער ביימער, און זעצט זיך דאָרט אין התבודדות און קומט ערשט ארויס צו מנחה־צייט.

איינמאָל, קומט דער ריש דוכנא צו ר׳ חייאן, זיך אָן עצה האַלטן, צי ער איז נישט מחויב, גיין איבערבעטן דעם בחור חנניא.

— וואָס איז פאַר א נייעס? — פרעגט ר׳ חייא — האָסט זיך ווייטער געבייזערט?

— חס ושלום! — זאָגט דער ריש־דוכנא — און דערציילט אים, אז ווען עס קומט אים אויס פאַרבייצוגיין ביי דער סוכה צווישן די אַלעאַנדער ביימער, הערט ער פון סוכה אַרויס חנניאס קול — אָדער ער חזרט זיך איבער די ווערטער פון שיעור מיט עברי־טייטש, אָדער ער איז מתפּלל צום הימל מיט גרויס געבעט און דבקות, און רופט אַלץ אינאיינעם, תורה תורה — תורה! ווי א הונגעריקער בעט זיך ברויט...

— זע איך, — זאָגט דער ריש־דוכנא, — אז עס איז א גרויסער בעל־תשובה, האָב איך מורא, צי האָב איך אים דעמאָלט נישט מבייש גע־שטעלט און צי איך וועל נישט האָבן קיין עונש דערפאַר.

האַלט אים ר' חייא דערפון אָפּ, ווייל ער ווייסט, אז חנניא דאַרף נאָך אַלץ אָפּקומען; נאָר ער האָט גרויס הנאה דערפון, וואָס מען הייבט אָן אויפן בחור חנניא א מבין צו זיין; בפרט, אז ער האָט באַמערקט, אז אפילו די תלמידים פון ישיבה קריגן פאַר אים, נישט־ווילנדיק, דרך ארץ...

און ער קלערט ווייטער: צי איז עס נישט מרימס באַשערטער? און ענטפערט זיך מיט צער: פאַרט אַן עם־הארץ.

איינמאָל גייט ר' חייא אומישנע פאַר מנחה אַראָפּ צו חנניאן אין סוכה, אויסצופאָרשן, ווו ער האַלט אין לימוד.

— ביסט שוין עפּעס תופס? — פרעגט ער.

— דערווייל נאָך נישט, רבי! די זכיה האָב איך נאָך נישט געהאַט, נאָר הערן הער איך, וואָס אמאָל מער, וואָס אמאָל שאַרפער און באַהאַלט אין זכרון וואָס אמאָל מער טייטש־ווערטער.

שווייגט ר' חייא און זיפצט.

און חנניא בעט זיך רחמים:

— רבי, איך האָט דאָך געזאָגט „ישיחנה" — דאָס וואָרט איז מיר געבליבן אין זכרון, עס לייכט אין מיין פינצטערער נשמה, ווי אויסגע־זעצט מיט בריליאַנטן... לאָזט מיך רעדן פאַר אייך!

— אדרבא! — איז ר' חייא מסכים.

— רבי, מיט מיר געשעט עפּעס וווּנדערלעכס! אין אָנהייב, באַלד דעם ערשטן טאָג, אז איך בין געזעסן פאַר אייך מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָב געלאָקערט מיט אָפענע אויערן, זיי זאָלן, חלילה, קיין וואָרט נישט פאַרלירן, — אזוי ווי איך האָב די אויגן פאַרמאַכט, האָט זיך מיר אָנגע־הויבן דאַכטן, אז איך גיי נאָך אַלץ אַרום און בלאָנדזשע אין מדבר, און

בין פארשמאכט, און די צונג איז מיר צוגעקלעפּט צום גומען פאר דאָרשט. נאָר פון ווייטנס הער איך, ווי ער ריזלט א קלאָר, קלאָר וואסער, מיט א זיס, היימיש קול, וואָס קלינגט ווי א בשורה טובה, א פריש נחת פאר דער נשמה... און איך האָב געפילט, אז גאָטס רחמנות וועקט זיך איבער מיר, און פירט מיך אויפן גלייכן וועג צום קוואל, און איך גענען מיך צו אים, צום לעבעדיקן וואסער, און דער קוואל גענענט זיך אויך צו מיר און קומט מיר אנטקעגן! און איך ווייס דאָך, וועד דער קוואל מיט זיין לעבעדיק וואסער איז, איך האָב דאָך אמאָל פון אים געטרונקען, נאָר א שלעכטער מענטש האָט מיך איבערגעדייבערט און אוועקגעפירט פון קוואל צו שלעכט וואסער, צו פארסמט וואסער, און איך האָב געמיינט, אז דאָס איז טוי פון הימל... און א צינד האָט מיר גאָט געהאָלפן. איך גיי צוריק, און דער קוואל קומט מיר אנטקעגן, ער אליין העלפט מיר, און דער בטחון שטארקט זיך אין מיר, איך גיי מיט אלע כוחות... און כאָטש איך קלעטער איבער שטיינער, ביינער און דערנער, פריי איך מיך און גיי... און גיי... און אזוי ווי איך גיי צום קוואל, אזוי גענענט זיך דער קוואל צו מיר.

— אמן, זאָל דיר גאָט העלפן! — ווינטשט אים ר' חייא.

— און זיצנדיק אליין אין סוכה, פארטראכט איך מיך אמאָל, און עס דאכט זיך מיר, אז איך בין געווען ווי א שטיינ, פול מיט זינגענדיקע פייגל, און די פייגל האָבן גאָטס לויב געזונגען, זיין שבח געשפּילט... דערנאָך איז געקומען א כישוף־מאכער, און האָט די פייגל א כישוף אָפּגעטון, און זיי האָבן אָנגעהויבן אַנדערע ניגונים צו זינגען... חוצפּהדיקע אויסגעלאסענע... דער פּראָסטער עולם האָט זיך נישט פארשטאנען דערויף, און געלויבט די שטייג און די פייגל אין שטייג, ביז עס איז אמאָל דורכגעגאנגען א צדיק א גרויסער, און איז צוגעגאנגען צו, וואָס מען זינגט פון שטייג ארוים פארן עולם. האָט ער געהערט, און זיין אויער האָט באַלד געכאפּט דעם אמתן תוך פון די ניגונים. ער האָט דערהערט אין זיי אלערליי קולות פון תאווה, פון נבול־פה, און אז ער איז צוגעגאנגען נעענטער צו דער שטייג און געזאָגט: איידער אזוי צו זינגען, פארשטומט בעסער, פייגל! און ער האָט א בייזן בלאָז געטון אין דער שטייג אריין מיט א בייזן, קאלטן אָטעם, און תוך כדי דיבור זענען די פייגל ווי פארכישופט און פארשאָלטן געוואָרן, און זענען פארשטומט און פארפרוירן אראָפּגעפאלן אויף די פאָדלאָגע פון שטייג, און זיי ליגן דאָרט צונויפגעקנוילט,

מיט פאַרוויקלטע פליגל, מיט פאַרשלאָסענע שנאָבלען און פאַרמאַכטע אויגן, ווי די טויטע...

און אַז איך הער מיך איין צו אייער שיעור, און כאַפּ אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, וועקט יעדעס וואָרט אין מיר אויף אַן אַנדער פייגעלע, עפנט עס זיינע אייגעלעך און זיין מיילעכל און הייבט אָן זינגען מיט אַ שוואַך קול, מיט אַ שטילס, נאָר גוטע ניגונים; פרומע, ערלעכע ניגונים... און רירט שטיל מיט די פליגעלעך... אָט, אָט וועט עס פליען.

— זעסט, חנניא, גאָט האָט רחמנות — טרייסט אים ר׳ חייא.

לאָזט זיך אָבער חנניא נישט טרייסטן.

— דאָס אַלץ — קלאָגט ער זיך, איז אָבער נאָר בייטאָג... און אַזוי ווי די זון לאָזט זיך אַראָפּ, ליגן זיך די שאָטנס פון דער נאַכט צוריק אויף מיין נשמה... אַלץ אין שטייג ווערט צוריק פאַרשטומט, פאַרפרוירן, און וואָס עס האָט מיט אַ פליגל גערירט, ווערט געליימט און פאַלט צוריק אַראָפּ ווי טויט, מיט אַ פאַרשלאָסן מיילעכל, מיט פאַרמאַכטע אויגן...

האָט ר׳ חייא דערפון גרויס צער, זאָגט ער אים: גיי, מיין קינד, דאַווענען מנחה... איך וויל דאָ בלייבן און אויף דיר מתפלל זיין...

קוקט אויף אים חנניא מיט גרויס ליבשאַפט און דאַנק, און גייט אַרויס פון סוכה.

ר׳ חייא בלייבט אַליין, ער דאַוונט אָפּ מנחה ומעריב אין סוכה און וויל אַרויסגיין אין גאָרטן אַריין, מתפלל צו זיין פאַר חנניאן אונטערן הימל. קומט ער צו צו דער שוועל פון סוכה, דערזעט ער, אַז אַ פּאָר טריט אינגאַנצן פאַר דער סוכה האָבן זיך צוויי שלאַנגען אַרומגערינגלט אַרום צוויי נאָענטע אַלעאַנדערביימער, און זיי האָבן איינע קעגן דער אַנדערער אויסגעבויגן די פיסקלעך אַזוי, אַז די גיפט קעפּעלעך האָבן זיך כמעט אָנגערירט.

קאָן ר׳ חייא אַלע חיות ועופות פון זיין גאָרטן: הן די, וואָס פליען הויך אונטערן הימל; הן די, וואָס ליגן אויף דיביימער צווישן די צווייגן; הן די, וואָס קריכן אַרום איבער די בלעטער פון אַלערליי נידעריקע פלאַנ־צן און אויף די בייטן פון אַלערליי קרויט; ווי אויך די, וואָס פרוכפּערן זיך נידעריק אין גראָז. דערקענט באַלד ר׳ חייא, אַז איין שלאַנג איז אַ היימישע שלאַנג, די צווייטע, וואָס הייסט „עכנאי“, איז אַ פרעמדע שלאַנג, וואָס

ער האָט נאָך דאָ נישט געזען. ווייל ער וויסן, נאָך וואָס איז זי אהער געקומען. ציט ער זיך צוריק אריין אין שאָטן פון דער סוכה, הערט ער, ווי דאָס זעלביקע פרעגט די היימישע שלאַנג. און די פרעמדע ענטפערט איר:

— איך בין געקומען דאָ עמעצן בייסן.

שמייכלט די היימישע שלאַנג:

— אומזיסט איז דיין טרחא! איך בין דאָ שוין לאַנג א היימישע, און געקומען בין איך א ברענענדיקע שלאַנג, א מרשעת, און פלעג בייסן די תלמידים פון ישיבה. מיט דער צייט האָב איך אָבער אויפגעהערט צו בייסן. און ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ר׳ חייא, דער ראש פון דער ישיבה, איז אַמאָל א סוחר געווען, און געמאַכט אַמאָל ווייטע נסיעות איבער דער וועלט, און פון אַלע שייכן, וואָס האָבן שבע חכמות בירושה, און מיט וועלכע ער פלעגט זיך טרעפן אויפן וועג, האָט ער זיך אויסגעלערנט צווישן אַנדערע חכמות אויך חכמת הרפואה... און זיי האָבן אים אָנגעוויזן און ער האָט זיך געבראַכט פון ווייטע אינדזלען גראָז אויף רפואות קעגן אונדזער בייס... איך בייס, און ער היילט... זע איך, אז איך ארבעט אומזיסט, האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט צו בייסן...

— נאַריש! ענטפערט די פרעמדע שלאַנג. — גראָזן — זאָגט זי — העלפן נאָר דעמאָלט, ווען א שלאַנג בייסט מדעת עצמה, פאַר שנאה, וואָס קומט נאָך ארויס פון דעם „ואיבה אָשית״ — פון דער גאָטס קללה אויף מענטשן און שלאַנגען, פאַרן חטא אין גן־עדן... האָט ער אָבער, דער רבונו של עולם, א טבע, מקדים צו זיין רפואה למכה, און נאָך איידער ער האָט באַשאַפן דעם גיפט פון שלאַנגען, האָט ער געהייסן, אז די ערד אויף די אינדזלען, ווו אַלע שלאַנגען זענען זיך פרה ורבה, זאָל ארויסשפּראָצן אַלערליי גראָזן אויף רפואה... דערפאַר אָבער האָב איך קיין פּחד נישט: איך קום נישט מיט מיין אייגענעם ווילן, נישט אויס רשעות וועל איך בייסן; איך קום אין שליחות פון מלאך־המות, וואָס האָט מיך געשיקט מקיים צו זיין א פסק אויף א חייב־מיתה.

— ווו האָסטו דאָ א חייב־מיתה? סאַמע תלמידי חכמים, צדיקים!...

— וווּנדערט זיך די היימישע שלאַנג.

— אָט דער בחור חנניא, וואָס האָט יעדן טאָג דאָ התבודדות אין סוכה, איז חייב מיתה.

— ווי איז מעגלעך?

— זעסט דאָך! ער האָט מבייש געווען א תלמיד־חכם, אליהו הנביאס א תלמיד... און — ברבים... אין טאָג פון תלמיד חכמס חופה! און א שטיקל פסק האָט ער באַלד באַקומען: דער ראש־ישיבה פון ירושלים, וואָס איז דערביי געווען, האָט אים פארשאָלטן, ער זאָל פארגעסן דאָס לערנען, און ארויסגעגעבן א תשובה, ער זאָל ווערן א נע־ונד, טראָגן לייוונטענע קליידער, מיט א פראָסטן האנפענעם גארטל אויף די לענדן. און האָט אים געגעבן אין דער האנט אריין אן אָפּגעשיילטן צווייג פון א מאנדל־בוים, און געזאָגט, אז ער וועט זיך נישט דערמאָנען דאָס לערנען, ביז דער שטעקן וועט נישט אויפבליען!

— הייסט עס — לעולם ועד! מאכט די היימישע שלאנג.

— דאָס קאָן מען נישט וויסן! — ענטפערט די פרעמדע, — נאָר אין הימל איז מען אויף דעם פסק נישט באַשטאַנען! דאָס איז ווייניק, האָט מען געזאָגט; מען דאַרף אים צונעמען דעם חלק לעולם הבא. האָט זיך אָבער דער שר־התורה אָנטקעגן געשטעלט, ניין און ניין! איז געבליבן, אז מען זאָל אים געבן א כפרת עון... זאָל דער בחור חתונה האָבן מיט א בת טובים, לפי מעלתו, און צום אכטן טאָג נאָך דער חופה זאָל ער שטארבן... האלב וועט מכפר זיין די חופה מיט די שבע ברכות, די אנדערע העלפט — די מיתה... און ווייל א בת־ישראל וועט ווערן, אָן איר חטא און שולד, א פריע אלמנה, על כן זאָל זי דערפאר געבענטשט ווערן מיט א בן זכר, וואָס וועט ארויסקומען א גאון עולם, א מאור הגולה באמת...

די שלאנג איז שוין מיד געוואָרן רעדנדיק, זי האָט נאָך אפשר קיינמאָל נישט מיט אמאָל אזוי פיל גערעדט, בעט זי זיך ביי דער חבר־טאָרין, זי זאָל זי פירן צום וואסער. וויקלען זיך די שלאנגען אָפּ און גייען אוועק... און אויף ר' חייאן פאלט א גרויסע שרעק...

זואָרום ר' חייא איז צו א גרויסן נסיון געקומען: וועט ער חנניאן נישט חתונה מאכן, וועט ער גיין קעגן דער השגחה פרטית און חנניא וועט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנען דאָס לערנען... יאָ חתונה מאכן? טייט ער אים מיט די אייגענע הענט! און ווי קאָן ער נעמען א בת־ישראל און ברענגען פאר א קרבן? מאכן אכט טאָג נאָך דער חתונה פאר אן אלמנה?

קוקט ער און קוקט אין הימל אריין; דער הימל שווייגט. נאָר דאָס

הארץ אין ר׳ חייאן הייבט אָן שטארק צו קלאפּן און צו צאפּלען; און ער הערט בחוש אַ קול פון הארץ ארויס:

— חייא, זיי מקריב דיין טאָכטער, דיין בת יחידה מרים... אברהם אבינו וואָלט זיך נ י ש ט מיישב געווען...

נישט אזוי לייכט איז אָבער מקריב צו זיין אן איינציקע טאָכטער. דערמאָנט ער זיך, אז שרה די צדקת האָט אים צוגעזאָגט צו קומען צו חלום, ארויסצופירן פון ספקות, הייבט ער אויף צום הימל די אויגן און איז מתפלל וועגן דעם...

און אזוי ווי ער איז מתפלל, וויקלט זיך אָפּ דער וואָלקן פון הימל, און עס באווייזן זיך מיליאָנען שטערנדלעך מיט אמאָל, און זיי ווינקען צו אים מיט חסד, מיט בטחון, מיט א גוטן צוזאָג!

ר׳ חייאס תפילה איז אויסגעהערט געוואָרן. איינמאָל פארנאכט, נאָך אַ תענית, זיצט אזוי ר׳ חייא אויף דער שטול, קומט אויף אים אַ חולשות הלב, פארמאכן זיך אים די אויגן, און ער דרעמלט איין, און באותו הרגע באווייזט זיך אים שרה די צדקת. זעען זעט זי אוים פונקט ווי בשעת פּטירה, און קוקט אויף אים מיט די זעלביקע חן־וחסד שטראַלנדיקע אויגן און זי לייגט אים מיט גרוים ליבשאַפט די רעכטע האנט אויפן אקסל, און זאָגט אים:

— זאָרג נישט, חייא, אונדזער טאָכטערס מזל שיינט ווי די זון, פארלאָז דיך אויף א י ר . . .

וויל ער זי איבערפרעגן, ווערט די צדקת פארשוואונדן, און עמעצ, פילט ער, וועקט אים... עפנט ער די אויגן אויף, דערזעט ער, אז מרימל, זיין איינציקע טאָכטער, שטייט פאר אים, און לייגט איר רעכטע האנט אויף דעם אייגענעם אקסל, ווו איר מוטער די צדקת האָט איר האנט גע־האַלטן, און זי זאָגט אים:

— טאטעשי, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב דיך געוועקט... די זון איז שוין לאנג אונטערגעגאנגען, די לבנה איז שוין ארויפגעשוואומען אויפן הימל און די שטערנדלעך האָבן זיך צעפלאקערט, — שוין צייט, זאָלסט עפּעס טועם זיין, טאטעשי...

זעט ר׳ חייא, אז עס איז א המשך פון חלום; נעמט ער זי אָן מיט ליבשאַפט ביי דער האנט, און דריקט זי צו צום הארץ, און זאָגט איר:

— טאַכטערשי, איך וועל נישט טועם זיין, ביז איך וועל דיך נישט פרעגן, און דו וועסט מיר נישט ענטפערן דעם אמת.

זעט ר' חייא, ווי זי רייטלט זיך, זאָגט ער ווייטער:

— טאַכטערשי, דער סדר עולם איז, אַז בנוגע צו געוויסע מחשבות, אַנטפּלעקט אַ בתולה איר הארץ נאָר פאר דער מוטער. ביסטו דאָך אָבער, טאַכטערשי, אַ יתומה, בין איך דיר, — ווי איך האָב דיין מוטער, דער צדקת, צוגעזאָגט, — אי אַ פאָטער אי אַ מוטער, מוזטו מיר דעם גאנצן אמת זאָגן. גאָרנישט איבערלאָזן אין הארץ...

באַהאַלט מרימל איר פּנים אויף זיין ברוסט און זאָגט שטילערהייט:

— פרעג, טאַטעשי.

זאָגט ער איר: זע, טאַכטער מיינע! יאָרן ציען, איך בין שוין נישט יונג... די באָרד מיינע איז ווייס ווי דער שניי אויפן בארג חרמון — און וואָס וועט זיין, טאַכטער, אז מען וועט מיך רופן צום בית־דין של מעלה, און צו דער מאמען דיינער, — אויף וועמעס באַראָט וועל איך דיך איבערלאָזן?

— טאַטעשי, רעד נישט דערפון... איך זויל שטענדיק טון דיין רצון...

פרעגט ער זי:

— מרימל, ווילסט זיין מער צדקת, ווי רבקה?

שמייכלט מרימל: ניין.

— און אַז אליעזר עבד אברהם איז געקומען רעדן רבקהן אַ שדוך מיט יצחקן, שטייט: „וישאלו את פי הנערה", האָט מען רבקהן געפרעגט, צי זי וויל גיין מיט דעם מענטש מיט אליעזרן, הייסט עס, האָט זי זיך נישט געשעמט און געענטפערט: הן, — איך וויל!

— פרעג, טאַטעשי! אַז דו ווייסט, וועל איך דיר ענטפערן.

פרעגט ער זי בהאי לישנא:

— זאָג מיר דעם אמת, מרימל. וועלכער פון מיינע תלמידים וואָלט דיר אמבעסטן געפעלן פאר אַ מאַן?

— חנניא! — ענטפערט מרימל שטיל. אזוי שטיל, אז נאָר אַ פאַטערס אַן אויער האָט געקאָנט אויפכאַפּן דעם נאָמען.

ווערט ר' חייא גבהל ונשתומם און פרעגט:

— און מיט וואָס געפּעלט ער עם דיר, טאַכטער? האָסט גערעדט מיט אים?

ענטפערט זי:

חס ושלום! און — ער וואָלט מיר דען געענטפערט?

שמייכעלט ר׳ חייא און פרעגט:

— וואָס דען, קינד? אדרבא, דערציייל.

און אז ער זעט, אז עס איז איר נישט לייכט צו רעדן, זאָגט ער:

— איך בין אויף דיר גוזר בכבוד אב!

דערציילט זי אים, אז באלד אין דער ערשטער רגע איז ער איר געפּעלן. ערשטנס — דאָס קול; עס גיסט זיך אין איר הארץ אריין, ווי כשרער בוימאייל! צווייטנס — די גבורה!

— גבורה? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— אוודאי איז א גבורה, אז א בחור גייט ארום אין לייוונטענע קליידער צווישן לייטישע חברים און שעמט זיך נישט, און האָט קיין מורא נישט...

— און שויין? — וואונדערט זיך ר׳ חייא.

— און פאר זיין גוט הארץ, וואָס קוקט אים, ווען ער הייבט די ברעמען אויף, פון די אויגן ארויס. און זיין טרויער... עס כאַפּט אָן ביים הארץ...

— קינד, ער קומט אָפּ... א זינד ליגט אים אויף דער נשמה!

— גאָט מוז אים מוחל זיין! — רייסט זיך איר ארויס פון מויל מיט בטחון — איך גיי אמאָל פארביי דער סוכה, זוו ער זיצט פאר מנחה... הער איך זיינע תפילות! טאטעשי, איז א מעגלעכע זאך, מען זאָל אזוינע הארציקע תפילות נישט הערן?

גאָט איז א בעל־רחמים, טאָכטער!

— איך ווייס נישט זיין זינד... נאָר זיין תשובה איז גרויס! עס ליגט אויף זיין פּנים אזויפיל חרטה, אזויפיל הארצווייטיק... טיילמאָל — אזא מרה־שחורה! מען מוז אויף אים רחמנות האָבן!...

— האָסטו נאָר רחמנות, טאָכטער?

— דאָס איז געווען דער אָנהייב, טאטעשי... איך זאָל זיין — האָב איך אמאָל געטראַכט — אויף דיין אָרט, טאטעשי, וואָלט איך פאר אים שטענדיק מתפּלל געווען... דערנאָך האָב איך אזא געדאנק געהאַט:

איך זאָל זיין א ברודער זיינער, וואָלט איך מיך פאר אים מוסר־נפש געווען... און פּלוצלינג, טאטעשי, — דו הייסט דאָך מיך זאָגן דעם אמת — האָט מיר א שטראָם היים בלוט צוגעשלאָגן צום האַרץ... עס האָט זיך מיר געדאכט, אז באמת מוסר נפש זיין קאָן זיך נאָר א ווייב! אַז דו ביסט אויף מיר גוזר, דערצייל איך דיר!...

— און איינמאָל, טאטעשי, האָב איך וועגן דעם א חלום געהאט.

עס איז געווען ל"ג בעומר. דו ביסט מיט דיינע תלמידים שפּאצירן געפאָרן אויף דער שיף איבערן ים... חנניא אויך; דו האָסט אים גע־הייסן... און געזען האָב איך דורכן פענצטער, ווי טרויעריק ער איז ארויף אויף דער שיף...

און איך בין איינע אליין געבליבן... עס איז מיר אומעטיק געוואָרן איינע אליין אין הויז און אזוי טרויעריק... בין איך אראָפּגעגאַנגען אין גאָרטן אריין. אין גאָרטן איז אויך געווען שטיל — קיין פויגל האָט נישט געזונגען... עס האָט קיין וואָרעם אין קיין בוים נישט געקלאַפּט... און איך בין וואונדערלעך טרויעריק און מיד געוואָרן... גיי איך צו די בלומען... שטייען זיי אלע פארחלשט און געבויגן; עס איז א הייסער טאָג געווען... ליג איך מיך אויף א בייט ביי די ווייסע ליליען, מיט די הענט אונטערן קאָפּ, און קוק אזוי אין הימל אריין... און ווער אזוי איינגעדרימלט, חלומט זיך מיר א חלום:

עס פליט אונטערן הימל אַ טויב... אַ ווייסע, שטילע, טרויעריקע טויב. און הינטער איר, — די טויב זעט עס נישט, — פליט נאָך אַ שוואַרצער פויגל, מיט אַן אויסגעשטרעקטן שארפן שנאָבל און וויל שטעכן די טויב... קריג איך אויף דער טויב א ווילד רחמנות און הייב אָן רופן, שרייען. די טויב הערט מיך נישט, שווימט ווייטער אין דער לופט, נאָר דער שוואַרצער פויגל דערשרעקט זיך און ווערט פארשווונדן אויף א ווייל... ער קומט אָבער צוריק, פליט האסטיקער, הייבט אָן דער־יאָגן די טויב... וועקט זיך אין מיר נאָך א שטארקער, נאָך א ברענענ־דיקער רחמנות; שריי איך נאָך העכער. דער שוואַרצער פויגל דערשרעקט זיך נאָכאמאָל, רוקט זיך אביסל הינטערווייַלעכטס צוריק... און פליט נאָכאמאָל צו... און אזוי עטלעכע מאָל, ביז די טויב האָט מיך אויך דערהערט, און לאָזט זיך אראָפּ צו מיר און מאכט צו מיר טרויעריק:

— וואָס שרייסטו, קינד!

ענטפער איך:

— איך יאָג אָפּ פון דיר דעם שווארצן פויגל, וואָס דו זעסט נישט. און וואָס וויל דיך טייטן!

ענטפערט מיר די טויב מיט מרה־שחורה:

— נישט ער וויל, ער מוז מיך טייטן... איך בין א חייב מיתה... און ער וועט מיך טייטן, אויב עמעץ וועט זיך נישט פאר מיר מוסר נפש זיין! דאָס אָבער — זאָגט זי טרויעריק — וועט קיינער נישט טון!

— איך! — שריי איך אוים צו דער טויב. — איך וועל עס טון!

— און וועסט קיין חרטה נישט האָבן?

— ניין! — און איך שווער איר צו, אז ניין...

ניקט זי צו מיר, די טויב, מיט ליבשאפט, שטייט א ווײַלע און פליט אוועק. און אז איך האָב מיך אויפגעכאפּט, האָב איך פארשטאַנען, וואָס עס באטייט...

— די טויב איז ער — חנניא... און מוסר־נפש זיין, טאַטעשי, קאָן זיך נאָר א ווייב... און געשוואָרן האָב איך!

ווערט ר׳ חייא זייער טרויעריק און פרעגט:

— און ווי איז, אז דעם חנניא איז קיין אורך ימים נישט באַשערט? עס דארף נאָר פון זיינע לענדן ארויסקומען א גאון, אָבער ער מוז אוועקגיין יונגערהייט פון דער וועלט?

ענטפערט זי:

— וויפל עס איז אים יאָרן באשערט, אזוי פיל גוטע זאָל ער האָבן...

טרויעריק לייכטן אויף ר׳ חייאס אויגן, און ער פרעגט:

— און ווי איז, אויב עס איז אים נאָר באשערט ארויסצוגעבן פון זיך א גאון־עולם... א גרויסן, גאָר א גרויסן — זיין לעבן אָבער איז אין הימל גערעכנט נישט אויף יאָרן, נאָר פון דער חופה אָן,—אויף טעג—

— זאָל זיין טעג! אָבער גוטע זאָל ער האָבן!

— און דו ווילסט א יונגע אלמנה בלייבן?

— אָבער א געבענטשטע פון גאָט!

בלייבט ר׳ חייא זיצן, נישט פארשטייענדיק די גבורה פון יונגן קינד.

„א הימל־זאך״, טראכט ער.

און זי לייגט אים נאָכאמאָל די האַנט אויפן אקסל און מיט אויפֿגעהויבענע אויגן, און מיט א קול פון א נביאה זאָגט זי:

— איך האָף אָבער, אז דער גזר־דין, וואָס הענגט איבער אים, וועט בטל ווערן! — איך וועל פאר אים מיין לעבן אװעקגעבן.

— ווי אזוי טאָכטערשי?...

איך אליין ווייס נישט, ווייל איך ווייס דאָך נאָך נישט, פאר וואָס פאר א זינד ער דאַרף אָפּקומען. שפּעטער, וועט ער מיר שוין זאָגן.

אין ר׳ חייאס שווערן האַרץ בלייבט שוין קיין ספק נישט, אז עס איז אַ זיווג פון גאָט... „און גאָט — טראַכט ער — פּרוווט מיך, נאָר איך וועל דעם נסיוןביישטיין”, און הויך זאָגט ער:

— מזל־טוב דיר, טאָכטער! אם ירצה השם וועלן מיר מאָרגן שרייבן תנאים.

מרים בייגט זיך איבערן פאַטערס האַנט, און אז זי האָט זיך צוריק אויפגעהויבן, האָט זי ר׳ חייא כמעט נישט דערקענט. זי איז מיטאמאָל אזוי גליקלעך געוואָרן... שטראַלנדיק איז זי מיטאמאָל געוואָרן.

— האָסט קיין פּחד נישט, מרים!

— ניין, איך פאַרלאָז מיך אינגאַנצן אויף גאָט!

און איר קול האָט געקלונגען אזוי קלאָר און אזוי ריין, ווי קריסטאָל...

ר׳ חייאס האַרץ איז אָבער דאָך נישט אזוי רואיק... און אַז די טאָכטער איז אוועקגעגאַנגען, האָט ער געשריבן בריוו צום ראש־ישיבה פון ירושלים און צום נשיא פון בבל.

און ער גיסט פאר זיי אויס זיין פאַרביטערט האַרץ:

„מאָרגן — שרייבט ער — וועלן זיין ביי מיין טאָכטער, מרים שתחי׳, תנאים... טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אז איך זעץ איר ארויף א קרוין אויפן קאָפּ, און טיילמאָל — אז איך פיר מיין איינציק ווייס שעפעלע, רחמנא לצלן, צו דער שחיטה...

„קענן גאָט וויל איך אָבער נישט גיין — שרייבט ער; — מגביל זיין דעם זמן החתונה וועל איך אויף א חודש...”

„איבער דער צייט וואַרט איך פון אייך אַן עצה, א ראָט — און זייט פאר מיר מתפּלל, און פאר מיין טאָכטער, און פארן בעל־תשובה חנניא...”

אַן עומד בדבורו איז ר׳ חייא געווען.

דעם צווייטן טאָג האָט מען תנאים געשריבן. דער עולם האָט גע־גאַפט. די בחורים פון דער ישיבה זענען אויסער זיך: דעם עם־הארץ זאָל אזוינס קומען! פאר דרך־ארץ אָבער שווייגט מען.

און דער חודש גייט פארביי... קיין תשובה פון ראש־ישיבה פון ירושלים און פון נשיא פון בבל האָט ר׳ חייא נישט באקומען; נעמט ער עס אָן פאר א שלעכטן סימן, רופט ער אין טאָג פון דער חופה אריין די טאָכטער, און זאָגט צו איר:

— זיי וויסן, מרים, אז אויף דיין חתן חנניא איז נגזר געוואָרן אוועקצוגיין פון דער וועלט דעם אכטן טאָג נאָך דער חופה...

און ער דערציילט איר, וואָס ער האָט געהערט פון דער שלאַנג, און אז ער האָט קיין תשובה נישט פון די גדולי הדור, און זאָגט איר, אז אויב זי איז נישט פעסט אין דער דעה, קען זי נאָך חרטה קריגן.

ענטפערט אים מרימל:

— איך בין פעסט, און מיין הארץ איז פעסט, און אז איך וויים דעם גזר־דין, וויים איך שוין, ווי אזוי איך וועל אים מבטל זיין!

— דו! אין וועמעס זכות, אין וועמעס כוח? — קען זיך נישט אויסוווּנדערן ר׳ חייא.

און מרימל זאָגט:

— אין כוח פון מיין אמונה... און אין זכות, דיר, טאַטעשי, צו לאנגע יאָר, פון מיין מאמען דער צדקת, עליה השלום! און אין דיין זכות, טאַטעשי, אין זכות פון דיין תורה, מצוות און מעשים־טובים — —

בלייבט צו שטעלן א חופה...

און עס איז א חתן־מאָל, זיצט דער חתן אין זיינע מלבושים, און רעדט נישט א וואָרט...

ר׳ חייא האַלט פאר אים א דרשה, און ער הערט זיך איין, מיט נחת און צער צוזאמען...

פירט מען דעם חתן צו קבלת־פנים, זיצט די כלה אין לייוונטענע קליידער, אפנים, שלא לבייש את החתן, און מיט א פראָסטן טוך איי־בערן קאָפּ...

און אז מען הייבט אויף דאָס טוך, שיינט אויף א פנים, ווי א זון, אויגן קלאָרע, גלויבנדיקע, שטיל, נאָר טיף גליקלעכע!

לויפט זיך גאנץ צפת צוזאמען צו דער חופה — שטייט דער חתן

אונטער דער חופּה אין לייוונטענע קליידער, מיט א האנפּענעם שטריק אויף די לענדן, און מיט א וואלד־שטעקן אין דער האנט...

און מען פירט ארום אים די כלה אין וואָכעדיקע קליידער, שלא לבייש את החתן... און ר' חייא שטייט און שעפּט נחת און וויינט.

און אז ער וויל פאַרזאָגן דעם חתן „הרי את" — פרעגט ער:

— וואָס טייטש?

און ר' חייא גייט צו און פאַרטייטשט אים וואָרט ביי וואָרט... און אזוי פאַרטייטשט ער אים די ברכות און די כתובה...

גאַפט מען.

נאָר אז ר' חייא טוט אזוי, מן הסתם ווייסט ער, וואָס ער טוט...

נאָך מער געגאַפט האָט מען איבער דעם, וואָס דער חתן האָט קיין וואָרט תורה נישט געזאָגט, אפילו נישט ביי דער סעודה, און מען האָט דעריבער נישט אויסגערופן קיין דרשה־געשאנק, אפילו נישט פון כלהס צד...

און די שבע ברכות — עס איז געווען זומער־צייט — זענען אין גאָרטן געווען... אויף דער מיטעלער ברייטער אלעע זענען געשטאנען טישן פאר זכרים באזונדער, און פאר ווייבער באזונדער, און די כלה איז געזעסן, ווי אן אָרימע כלה צווישן רייכע געסט; און דער חתן איז געזעסן ווי א שטומער צווישן אלע למדנים און רבנים, וואָס האָבן געדרשנט און גערעדט תורה, און איבער אלע — ר' חייא...

און ר' חייא, צי ער אליין האָט געזאָגט, צי אנדערע, איז אלץ געזעסן אומרואיק, און האָט עפּעס געזוכט ארום און ארום מיט די אויגן אויף דער ערד. צי האָט ער נישט חרטה אויפן שידוך? חס ושלום! ער זוכט נאָר מיט די אויגן די פרעמדע שלאַנג, און זעט, ווי דער „עכנאי" דרייט זיך אַרום שטילערהייט צווישן די געסט, פון קיינעם נישט געזען, און לאָזט קיין אויג נישט אראָפּ פון זיין קרבן — פון חתן חנניא...

און אין אָוונט, נאָך די לעצטע שבע־ברכות, האָט ר' חייא צוגערופן די טאָכטער און האָט איר געזאָגט מיט א משונהדיק קול:

— טאָכטער, מאָרגן איז דער יום־הדין. שטארק זיך!

— איך בין שטארק! — ענטפערט דאָס יונגע ווייבל, — איך בין געבענטש פון גאָט! און — גיט זי צו מיט בטחון — איך וועל אים אויסלייזן פון טויט...

— זאָל דיר גאָט העלפן! — ווינטשט איר ר' חייא מיט הייסע טרערן.

— נאָר געדענק, — זאָגט זי, טאַטעשי, אַז מאָרגן דאַרף פריער זיין דער נס! — דער שטעקן דאַרף בליען, זיין נשמה אויך! ער דאַרף זאָגן פאַר דיר א חילוק! קום צו אונדז גאַנץ פרי, טאַטעשי, פאַרשלאָף נישט!

טראַכט ער: צי וועל איך דען שלאָפן? און הויך זאָגט ער איר צו.

און צומאָרגנס, אַז ר׳ חייא איז געקומען צום פּאַרפאַלק, איז שוין מרים געווען אָנגעטון, נאָר חנניא איז נאָך געלעגן אין בעט.

— זייט מיר מוחל, שווער, — זאָגט ער, — איך פיל מיך נישט בקו הבריאה... — און ער פאַרמאַכט צוריק די אויגן.

קוקט ר׳ חייא אויפן ווייסן שטעקן, וואָס שטייט חנניאן צוקאָפּנס, גלייבט ער זיינע אויגן נישט — דער שטעקן באַדעקט זיך מיט א גרינער הויט, די הויט — ווערט אָנגעדראָלן מיט אָדערלעך, באַדעקט זיך מיט קנאָספּן און הייבן אָן בליען.. וויל ער זיך אויפהייבן און נענטער זיך צוקוקן צום נס. דערזעט ער אָבער, ווי חנניאס פּנים ענדערט זיך, רייטלט זיך, און ער עפנט אויף א פּאָר שטילע, קלאָרע, געבענטשטע אויגן, אָן א צייכן פון קללה. — קוקט ער און גאַפט, זוכט ער מיט די אויגן די טאָכ־טער, צי זי זעט, איז אָבער מרימל שוין נעלם געוואָרן. און דערווייל עפנט חנניא די ליפּן און הייבט אָן דרשנען, און ר׳ חייא הערט און פאַרגעסט אָן אַלעם: אָן נס פון שטעקן, אָן דער טאָכטער, אָן „עכנאי״ — דעם שליח פון מלאך המות; פּערל שיטן זיך חנניאן פון מויל: תורה און סתרי תורה, און ער עפנט פאַר ר׳ חייאן די טויערן פון א נייעם עולם התורה — א וואונדערלעכער גאָרטן — א גן־עדן מיטן עץ הדעת, מיטן עץ החיים, און אַלערליי אַנדערע פּירות, און די ריינע ליכט פון שבעת הימים באַ־שיינט אַלץ און באַשיט מיט ריין גינגאָלד, און אַלע ביימער בליען, און מחנות פייגל זינגען צווישן די בלעטער און פּירות אויף די צווייגן — און עס בליט, און שפּראָצט, און זינגט, און שפּילט... חנניא רעדט, און ר׳ חייאן דאַכט זיך, אַז די נשמה פון דער זועלט רעדט! צי חלומט ער נישט? ווייט און ברייט עפנט ער די אויגן — די אויערן זאַפּן איין וואונדערלעכע קולות. און מיטן אָפענעם מויל שלינגט חנניא די ווערטער פון די ליפּן אראָפּ, און א הייליקער, שטילער נחת צעגייט זיך אים אין אַלע גלידער.

נאָר דעם תענוג פון ר׳ חייאן קענען מיר נישט באַשרייבן, בפרט נאָך אויף עברי־טייטש. די סודות התורה, וואָס חנניא האָט מגלה געווען,

הלא הם כתובים על ספר הישר — אין חנניאס ספר, וואָס ר' חייא האָט ארויסגעגעבן מיטן גאָלדענעם שניט. וועלן מיר דעריבער פארלאָזן די גאונים, און זען, וואָס די צדקת מרימל טוט.

אזוי ווי זי האָט דערזען, ווי דער שטעקן הייבט אָן בליען, און דער פּאָטער, ר' חייא, איז פארקוקט אויפן שטעקן, האָט זי געכאַפּט דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים און איז פון שטוב ארויס... שטיל און לייכט גייט זי ארויס פון חדר, דער דיוואַן זאַפּט איין אין זיך אירע לייכטע טריט... און זי לויפט איבער אלע חדרים ביז צום לעצטן חדר, פאַר דער פאָדער־שטוב... קיין שום בן־אדם טרעפט זי נישט איבערן וועג. זי האָט נאָך נעכטן אָנגעזאָגט, עס זאָל זיך דאָ קיינער נישט באווייזן, ביז זי וועט רופן. און אז זי קוקט זיך אום און זעט, אז זי איז אליין, ווארפט זי פון זיך אראָפּ די קליידער, „גאָט! — שעפּטשען אירע ליפּן — עס איז פּקוח נפש, זיי מיר מוחל „שמלת־גבר"... און כאַפּט אויף זיך דעם מאַנס לייוונטענע מלבושים, און לויפט צו און עפנט די טיר, און זעצט זיך אויף דער שוועל פון פאָדער־שטוב אין גאָרטן אריין. אזוי זיצט זי א ווײַלע שטיל און קוקט אויף די אלע וואָס ציט זיך פון דער הויז־טיר, ווייט, ווייט און ווערט פארלוירן צווישן די אָלעאנדער־ביימער...

און אירע ליפּן שעפּטשען תפילות ותחנונים צום בורא עולם, ער זאָל אָננעמען איר קרבן; און אז זי דערהערט, ווי דער „עכנאי" וויקלט זיך אָפּ פון אָלעאנדער־בוים און לאָזט זיך איבערן וועג, נעמט זי געשווינד און פארשטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענט, זעט זי אויס כהויה ווי דער מאַן חנניא. און לאָזן לאָזט זי נאָר איבער א דין שפּעלטל צווישן די פינ־גער, און קוקט, ווי די שלאַנג רוקט זיך און רוקט זיך... און דער „עכנאי" רוקט זיך פּאַמעלעך, בנעימות, נאָר זיכער. ער ווייסט, אז זיין קרבן וועט אים נישט אנטרינען! — און אז ער דערזעט חנניאן (אזוי מיינט ער), ווי ער זיצט זיך רואיק אויף דער שוועל, דאָס פּנים פארשטעלט, טראַכט ער: דער קרבן זיצט שטיל. און דאָס האַרץ זאָגט אים שלעכטע נביאות. און ער איז מתפּלל, אָדער ער זאָגט ווידוי... שטעקט ער דאָס גיפט־געפּעלע פון מויל ארויס און האַלט עס גרייט, דאָס כלי־זין! און מרימל זעט עס. און זעט, ווי דער „עכנאי" הייבט זיך אָן שטאַרקער צו רוקן; די תאווה פון א שלאַנג צו בייסן האָט זיך אין אים דערוועקט; און זי הערט שוין דאָס רייבן מיטן בויך איבערן זאמד, און זיין סאָפּען... און אז

ער קומט נאָענט, און זיינע הויט־פּלעקן זעען זיך שוין קלאָר, פאַרמאַכט מרימל דאָס דינע שפּעלטל פון צווישן די פינגער, און בעט אין שטילן האַרץ אָן אָטעם: — „רבונו של עולם, נעם אָן מיין קרבן"... און הייבט אָן ווידוי זאָגן.. שטיל, אָן אָטעם, אָן אַ ציטער מיט די ליפּן... נאָר איידער זי ענדיקט ווידוי, דערפילט זי דעם בים... און פאַלט אַרונטער אויף דער שוועל און רופט:

— רבונו של עולם, זיי מיר מוחל פאַרן גאון, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט געבן!... זאָל לעבן חנניא אויף זיין אָרט! — און הייבט אָן גוססן, און די נשמה שיידט זיך אָפּ מיט גרויס יסורים פון יונגן גוף.

איז אָבער גאָט — דער גאָט פון משפּט!

און אַז די נשמה מרימלס איז אַרויף אויפן הימל, האָט מען געוואַרט אויף איר, דאָס הייסט: אויף חנניאס נשמה... צדיקים זענען פון גן־עדן אַרויס!

און אַז מען פירט זי צום בית־דין, גיט מען זי אַ פרעג, — אבי מקיים צו זיין דעם מנהג, וויסן ווייסט מען דאָך:

— עסקת באמונה?

ענטפערט מרימל:

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַנדלט — —

— האָסטו געלערנט תורה?

צעשמייכלט זי זיך מיט אַ חן:

— רבונו של עולם, האָסטו דען געהייסן, יידישע טעכטער זאָלן לערנען דיין תורה?

ווערט אַ גערודער.

— ווער ביסטו? ווער ביסטו?

זאָגט זי: מרים בת שרה וחייא, אשת חנניא!

ווערט אַ רעש... דערגייט מען, אַז זי האָט זיך עס פאַר איר מאַן מוסר נפש געווען! אַז „עכנאי" האָט זיך געלאָזט נאַרן. שרייט מען צו דער נשמה:

— גיי, לויף געשווינדט צוריק אַראָפּ, גיי צוריק אין דיין גוף אַריין, איידער מען רירט אים פון אָרט!

וויל זי נישט, מרימל! צוויי מאָל ליידן יסורי מות — זאָגט זי —

איז קיינער נישט מחויב... נייערט, — שטעלט זי א תנאי — אז מען וועט אַנעמען איר טויט פאַר חנניאס טויט! ער זאָל לעבן!

ווערט א געשריי אין פמליא של מעלה:

— מסכים! מסכים! — מען האָט מורא צו פארשפעטיקן!... און מרימלס נשמה קומט תוך כדי דבור צוריק אין גוף אריין, און זי הייבט זיך אויף אפילו אויסגעהיילט פון דער וווּנד, כלא היה, און זי לויפט אריין מיט פרייד צו די צדיקים מיט גרויס שמחה און דערציילט זיי, וואָס מיט איר האָט זיך געטראָפן. און באותו רגע זענען אָנגעקומען צוויי משולחים מיט צוויי בריוו, איינער פון דעם ראש־ישיבה אין ירושלים, און דער צווייטער פון נשיא פון בבל, און איןביידע בריוו איז מער נישט גע־שטאַנען ווי איין וואָרט:

—מזל־טוב!...

וועגן דעם גאון, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם זיווג, און וועגן נחת, וואָס ר' חייא האָט נאָך פון אים דערלעבט, וועלן מיר, אם ירצה השם, דערציילן אַן אנדערם מאָל.

מיר וועלן נאָר צוגעבן, אז „עכנאין", וואָס האָט זיך געלאָזט נאָרן, האָט מען פון דעמאָלט אָן אָפּגעשאַפט, און מען זעט אים נישט...

דריי חופּות

צוויי רויטע — איינע א שווארצע

אַ מעשה פון הינטער די הרי־חושך

ערשטער טייל

ערשטעס קאַפּיטל

דער פּאלאַץ. — דער מלך מיט דער בת־מלכה.
דעם מלכס עגמת נפש.

ווייט, ווייט, הינטער די הרי־חושך, אויף יענער זייט סמבטיון, איז פאַראַן אַ מדינה מיטן נאָמען „וואונדערלאַנד“, ווו די רויטע יידן וווינען. און אין דער מדינה „וואונדערלאַנד“, אין דער שטאָט, ווו דער מלך וווינט, אין „גלויבשטיין“, דער רעזידענץ, איז געשטאַנען אַמאָל אַ הויכער, ווייסער, מאַרמאָרנער פּאַלאַץ. און שיין איז געווען דער ווייסער, מאַרמאָרנער פּאַלאַץ, וואָס ער איז געווען אין אַ רייכן גרינעם גאָרטן, ווי אין אַ גרינעם ים, מיט זיינע הונדערטער גאָלדענע זיילן און טויזנטער בריליאַנטענע שויבן.

און צופיסנס פון דעם ווייסן, מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ האָט שטיל גע־דוישט, און ווי פארחלומט געפלאָסן אַ קלאָר קריסטאָלן טייכל; און פון ביידע זייטן איז דאָס טייכל געווען ארומגעקרענצט מיט די פיינסטע בלו־מען, צווייגן, די איידלסטע געוויקסן. און אין דעם קריסטאָלענעם, קלאָרן טייכל האָבן ארומגעבליצט, ארומגעטאַנצט טויזנטער גאָלדענע פישעלעך, און פון אויבן, איבער דעם בלאָען וואַסער־שפּיגל, האָבן זיך געהויבן און מיט טויזנט חן זענען אַרומגעשווומען שוואַנען, ווייסע ווי שניי, מיט די דינע, לאַנגע, ווייסע העלדזער און לאַנגע, פאַרשפּיצטע, געלע שנאָבלען...

עס האָט פארנומען די אויגן!

אמשענסטן האָט עס אויסגעזען ביינאכט, ווען די לבנה האָט גע־שיינט . . . דער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין טייך צוזאמען מיט דער לבנה און די שטערן... די בליצנדיקע גאָלדענע פיש־לעך האָבן לוסטיק געהיפּט און געטאנצט און זיינען אריבערגעשפּרונגען פון איין גאָלדענער זייל צו דער צווייטער, פון איין בריליאנטענער שויב צו דער צווייטער, און די שניי־ווייסע שוואנען זענען ערנסט און לאנגזאם אריבערגעשווומען פון איין זילבערנעם שטיק נעפּל צום צווייטן, פון איין גאָלדענעם שטערנדל צום צווייטן... און פארציטערט, ווי פון גרויס ליבשאַפט, האָבן זיך ארום דעם אלעם געפלאָכטן די פיינסטע, ווונדער־לעכסטע שאָטן פון די בלומען און געוויקסן, וואָס האָבן געבליט אויף ביידע זייטן פון טייכל... און אז עס האָט זיך נאָך דערביי געלאָזט הערן דער שפּיל־פויגל פון צווישן די צווייגן, וואָס האָבן זיך גע־בויגן אונטער דער לאסט פון גאָלדענע פּירות, האָט מען ווירקלעך גע־מיינט, אז עס איז גאָר קיין גאָרטן נישטאָ, קיין פּאַלאַץ נישטאָ, — אז עס איז אינגאנצן א חלום, א פארכישופטער חלום...

און דאָך איז עס קיין חלום נישט געווען.

— — — — — — — — — — — —

געקעניגט האָט דעמאָלט ביי די רויטע יידלעך, אין דער מדינה „ווונדערלאנד", שלמה דער זיבן און צוואנציקסטער, אונדזער שלמה המלכם אור־אור־אייניקל; און ער האָט עס געוווינט אין דעם פּאַלאַץ, ער מיט זיין איינציקער טאָכטער, — די בת־מלכה — שולמית.

שוין פופצן יאָר איז דער מלך אן אלמן געווען, ער האָט אָבער נישט חתונה געהאט, ווייל ער האָט זיין „אויג אין קאָפּ", זיין צווייטער נשמה — דער בת־מלכה, קיין שטיפמוטער נישט געוואָלט געבן.

און די בת־מלכה איז די גרויסע ליבשאפט ווערט געווען.

אלע מעלות און מדות טובות האָט זי געהאט פון איר פאָטער, דעם מלך; דערצו האָט זי גאָט נאָך געלייטזעליקט מיט א שיינקייט, זואָס האָט אלע אויגן פארבלענדט.

און ווייל די בת־מלכה איז נישט ענלעך געווען נישט צום פאָטער און נישט, עליה השלום, צו דער מלכה, האָט מען געגלויבט, אז די מוטער האָט זיך, זייענדיק אויף דער צייט, אין א מלאך פון הימל פארקוקט...

אין גאַנץ „וואונדערלאַנד" האָט איר שיינקייט געשמט, נאָר ליב האָט מען זי געהאַט פאַר איר גוטסקייט, פאַר איר גוט האַרץ, פאַר איר גוט אויג און האַרציקע פרומקייט.

טאָג־טעגלעך פלעגן זיך פאָרן ווייסן פּאַלאַץ פאַרזאַמלען אָרימע לייט, אַלטע, קראַנקע, און אַלע, וואָס האָבן געברויכט הילף, און די בת־מלכה פלעגט צו זיי אַרויסקומען מיט איר חברטאָרין דבורהלע, יואָבס, דעם משנה למלכס טאָכטער, זיי האָבן אַלע אויסגעהערט, באַשענקט און באַגאַבט, געהאָלפן און געהיילט...

כדי די בת־מלכה זאָל נישט דאַרפן יעדעס מאָל געלט בעטן, האָט איר דער פאָטער, דער מלך, געלאָזט צומאַכן, — און האָט איר איבער־געגעבן — אַ צווייטן גאָלדענעם שליסל צו זיינע אוצרות; און ביים אוצר האָט ער נאָך געשטעלט אַן אויסגעלערנטן פּאַפּוגיי, וואָס פלעגט, דער־זעענדיק די בת־מלכה, אויסרופן:

— „נעם, מלאכל, נעם! נעם מיט פולע הענט, און גיב פון פולן האַרץ!

און דעם מלכס אוצרות זענען דערפון נישט קלענער געוואָרן; פאַרקערט, עס איז אין זיי די ברכה אַריין. וואָס מער דער מלך מיט דער בת־מלכה האָבן פאַרטיילט, אַלץ פולער זענען געוואָרן די אוצרות, און דאָס איז אַ סימן, אַז זיי האָבן אָנגעשלאָגן מיט זייער צדקה!

און ביי דעם אַלעם איז דער מלך, שלמה דער זיבן און צוואַנציקער, נישט גליקלעך געווען.

אונטער דער זיידענער חופּה, אויפן גאָלדענעם בעט, פלעגט דער מלך איבערוואַכן גאַנצע נעכט, נישט צושליסן קיין אויג, און הערן די טריט פון די סאָלדאַטן, וואָס זענען געגאַנגען אויף און אָפּ פאַרן פּאַלאַץ אויף דער וואַכט.

אין וואונדערלאַנד איז נאָך דאָס געוויסן פון אַ מענטש ביי דער גאַנצער ממשלה, וואָס לאָזט אַמאָל נישט שלאָפן; ביי שלמה דעם זיבן־און צוואַנציקסטן איז אָבער דער פאַל נישט געווען... און די סיבה, פאַר־וואָס ער שלאָפט נישט, וועלן מיר געוואָר ווערן אין צווייטן קאַפּיטל.

———

צווייטעס קאַפּיטל

דער קוקו. — די כישוף־מאַכערן און דער בת־מלכהס שבועה.

איינמאָל, ל״ג בעומר, איז די בת־מלכה מיט איר חברטאָרין דבורה געגאַנגען אין נאָנטן וואַלד אריין שפּאַצירן...

אז די פייגעלעך אין וואַלד האָבן זיי דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן פריילעכער און פריילעכער צו זינגען. די פייגעלעך האָבן נישט געוווסט, אז איינע פון די קינדער איז א בת־מלכה און די צווייטע איז דעם משנה למלכס טאָכטער, זיי האָבן נאָר געוווסט, אז דאָס זענען די הארציקע קינדער, וואָס שיטן זיי עסנווארג, ווען זיי באַווייזן זיך נאָר פאַרן פּאַלאַץ.

און דאָס זענען די קינדער, וואָס שפּייזן זיי א גאַנץ יאָר מיט קעצעלעך ווייסברויט, שבת — חלה מיט זאַפרן און שבת־שירה — מיטן פיינסטן האָניק־לעקעך...

און לכבוד די הארציקע מיידעלעך איז געוואָרן א זעלטענער קאָנצערט.

— קנאַק, ברודער, קנאַק! — האָט גערופן פון איין צווייג צו דער צווייטער, — לכבוד די גאָלדענע מיידעלעך, לכבוד די הארציקע מיידעלעך!

די בלומען, וואָס באַהאַלטן זיך תמיד צווישן הויכן גראָז, אין שאָטן, אונטער די ביימער, וואָס ציטערן שטאַרק פאַר יעדע ליידיקע האַנט און פאַר יעדן שווערן טריט, די בלימלעך האָבן עס דערהערט און האָבן אזוי געטראַכט:

„אז פייגעלעך לויבן, איז אוודאי אמת! פייגעלעך ווייסן פון קיין חניפה נישט! דאַרף מען פאַר די מיידעלעך קיין מורא נישט האָבן!"

און די בלימלעך האָבן ארויסגעשטעקט די פיינע קעפּלעך פונעם טיפן גרינעם גראָז; און זיי האָבן פריי און לוסטיק געאָטעמט, אז דער גאַנצער וואַלד איז פול געוואָרן מיט די פיינסטע בשמים!

און די הירשן און די סאַרנעס, וואָס באַהאַלטן זיך שוין צווישן די פאַרפלאָכטענע צווייגן, ווען זיי דערהערן נאָר א שאָרך, האָבן זיך איצט אויך ארויסגערוקט און געקוקט אויף די מיידעלעך מיט געטרייע, הארציקע אויגן, ווי נאָר סאַרנעס און הירשן קאָנען קוקן!

און דעמאָלט האָט זיך דער פריילעכער בת־מלכה אויך פאַרגלוסט צו זינגען; אזוי פול איז איר געוואָרן אין יונגן הארצן; קוים אָבער האָט זי נאָר געעפנט דאָס קרעלענע מיילעכל, זענען מיטאַמאָל אַלע פייגעלעך שטיל געבליבן: זיי ווילן אויך הערן, ווי אזא גאָלדן מיידעלע זינגט...

איין קוקו האָט זיך צו שפּעט איינגעהאַלטן, און דבורה, דעם משנה למלכּם טאָכטער, האָט אים צום ערשטן דערזען.

און דעם משנה למלכּם טאָכטער איז נענטער צוגעגאַנגען צום קוקו, און האָט אים, האַלב גלויביק, האַלב שפּאַטיש, געפרעגט:

— קוקו, ווי אַלט איז אַצינד מיין באַשערטער?

דער פויגל הייבט אָן רופן: קוקו! קוקו! אָן אַ שיעור, און דבורה האָט לאַכנדיק אָפּגעציילט 518 יאָר.

און ווי אַ זילבערן גלעקל האָט איר קול געקלונגען.

די בת־מלכּה האָט אים דערהערט, און איז אויך צוגעגאַנגען צום קוקו, און האָט אים געפרעגט:

— און ווי לאַנג, זאָג, וועל איך לעבן, חכם מיינער אויפן בוים?

און דער פויגל האָט ווידער גערופן: קוקו, קוקו.

און ווער ווייסט, וויפל ער וואָלט אָפּגעציילט, ווען דער בת־מלכּה זאָל נישט געווען איבערדריסיק ווערן צו ציילן.

זי האָט אים איבערגעהאַקט און געפרעגט:

— און וויפל יאָר האָט נאָך גאָט מיין גוטן פאָטער באַשערט?

עס האָט זיך איר, דער גוטער בת־מלכּה, געוואָלט, דער קוקו זאָל אַצינד אויך רופן, ווי פריער.

די בת מלכּה אָבער איז געבליבן פאַרשטיינערט, פון קוקו האָט מען שוין מער נישט געקאָנט אַרויסקריגן אַ טאָן.

און די דערשראָקענע מיידעלעך האָבן זיך מישב געווען, אויפצוזוכן די כּישוף־מאַכערן, וואָס האַלט זיך אויף אין וואַלד, און זי איבערצופרעגן, צי האָט זיך נאָר דער קוקו באַליידיקט, צי עס האָט טאַקע אַן אומגליק צו באַטייטן.

און קוים האָבן זיי דערפון געטראַכט, האָט זיך באַוויזן אַ מאַסע קליינע, זוונדערלעכע, לוסטיקע און פאַרשידנפאַרביקע חיהלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרומצוטאַנצן און פּאַרויסצולויפן, און זיי האָבן אַזוי נאָך געוויזן דעם וועג צו דער כּישוף־מאַכערן.

די כּישוף־מאַכערין איז געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט קעניגלעך און וועווערקעס, וועלכע זי האָט געשפּייזט, און געווען איז זי אַלט און איינגעשרומפּן, זי האָט אָבער געקוקט מיט אַזוינע גוטהאַרציקע אויגן, אַז די קינדער האָבן זיך פאַר איר נישט דערשראָקן, און זענען צוגעקומען נענ־

טער. פאַר האַרץ־ווייטיק האָט די בת־מלכה נישט געקאָנט רעדן. האָט דעם משנה־למלכס טאָכטער פאַר איר גערעדט.

—אַלטע, — האָט זי געפרעגט, — ווי לאַנג וועט איר פאָטער לעבן?

אויסזאָגן, אַז דאָס איז אַ בת־מלכה, האָט זי נישט געוואָלט, די מכשפה זאָל נישט מורא האָבן צו זאָגן דעם אמת.

העָ? — האָט די מכשפה איבערגעפרעגט.

און דבורה האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט די שאלה, און האָט געטייט דערביי אויף דער בת־מלכה מיטן פינגער.

די מכשפה איז אָבער, ווי עס זעט אויס, גוט טויב געווען, און דבורהס טייטן מיטן פינגער האָט זי גאָר אַנדערש פאַרשטאַנען; זי איז געווויינט געווען צו מיידלעך, וואָס פרעגן, ווען מען וועט זיי אַ חופה שטעלן.

דעריבער האָט זי געענטפערט:

— וועמען? דעם פיינעם טאָכטערל? איי! אַזאַ שיינע! אַזאַ גאָלד! פון מזרח און מערב וועט מען זיך דאָך צו איר צוזאַמענקומען! אין קורצן וועט אַ חופה זיין! אין קורצן!

און דבורה האָט זיך געמוזט שטעלן אויף די שפּיץ פינגער און אַריינשרייען דער כישוף־מאַכערן אין אויער איר פאַרלאַנג.

און דעמאָלט ערשט האָט די כישוף־מאַכערן דערהערט און זי האָט אַזוי געענטפערט:

— איר פאָטער וועט דערלעבן — דעם טאָג פון איר חופה!

די בת־מלכה האָט אַ שרעקלעכן געשריי געטון, און אין דער זעלביקער מינוט זענען פאַרשוווּנדן די מכשפה מיט אירע חיהלעך.

די סאַרנעס, די הירשן האָבן זיך באַהאַלטן. די פייגעלעך מיט די בלומען זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן...

אין שטילן וואַלד האָט זיך נאָר געהערט, ווי די האָלץ־ווערים פּיקן אין די ביימערס הערצער, און דער בת־מלכהס שבועה: אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן; דער פאָטער אירער זאָל לעבן, ער זאָל זי איבערלעבן!

דערנאָך האָט זי נאָך דבורהן באַשוואָרן, אַז דאָס אַלץ זאָל בלייבן בסוד...

מיר וועלן זען, ווי זיי האָבן שטיל געהאַלטן וואָרט.

דריטעס קאפיטל.

א צוזאמענפאר פון חתנים. — א שמועס צווישן מלך
מיט דער בת־מלכה. — די ווייסע טויב און איר עצה.

עס איז ווייטער געווען א צוזאמענפאר פון שררות און פרינצן...

מען האט אלע פארבעטן אין פאלאץ אריין... פריער איז מען ארויס אין וואלד אריין אויף א יאגד. פארשטייט זיך, אז אויף א יאגד ביי א יידישן מלך שיסט מען נאר אין חיות רעות און גיפטיקע שלאנגען. נאך דער יאגד האט מען געמאכט א קעניגלעך מאל־צייט.

עסן, כאטש כשר, איז געווען לרוב, אלטע ווייגען, כאטש נישט קיין נסך, נאר כיד המלך... ווי מען האט געעפנט א פלאש, האט זיך אין דעם גרויסן זאל פארשפרייט א ריח, ווי פון די טייערסטע בשמים... די פרינצן האבן געגעסן, געטרונקען, געשמועסט, און געפירט וויכוחים וועגן אלערליי חכמות, און איבער ווייטע לענדער און מדינות... אלע אויגן האבן געהאנגען אויף דער בת־מלכהס שיין חנעוודיק פנים.

אלע האפן צו דערזען דארט א שמייכעלע, א סימן טוב אויף זייער מזל!...

די בת־מלכה איז אבער געווען פאר אלע גלייך גוט פריינטלעך, און האט דאך אלע אפגעזאגט.

דעמאלט האט דער מלך געהייסן אלע אפטרעטן פון זאל, און האט צו דער בת־מלכה אזוי געזאגט:

— שולמית, גאט איז מיט דיר! עס זענען דאך היינט געווען די גרעסטע און די העכסטע און די פיינסטע לייט פון דער וועלט! פרינצן פון די גרעסטע מדינות זענען אראפגעקומען און געזעצט זיך צו אונדז ביים טיש... און דו ווילסט זיי נישט!

און עס זאגט ווייטער דער מלך:

— און פון מזרח און פון מערב זענען זיי צו דיר געקומען! גע־ברענגט אהער האט זיי דיין שם, געקומען זענען זיי פון דיין שיינקייט פארבלענדט...

און טרערן הערן זיך אין דעם מלכס ווערטער:

— און וואס פעלט זיי? ביסטו נישט זיכער אין זייער קלוגשאפט, גיב זיי אויף רעטענישן. דו קאנסט אזוי פיל, איך האב דיך אזוי פיל געלערנט!

— און זענען זיי נישט גענוג רייך? — זאָגט ווייטער דער קעניג, — טייל האָבן דאָך גרעסערע און רייכערע לענדער פאר מיר, גרעסערע אוצרות פאר מיר!

— און אלע שווערן, אז זיי האָבן דיך ליב!...

און אָפּגעזיפצט האָט דער מלך און ווייטער געזאָגט:

— טאָכטער דו מיין, געטרייע טאָכטער! זע, מיין אלטער קאָפּ איז שוין באדעקט מיט שניי! זע מיין באָרד, ווייס איז זי ווי מילך... און אז גאָט וועט מיך רופן צו זיך, אויף וועמען וועל איך דיך לאָזן, טאָכטער דו מיין?! און וואָס פארלאנגסטו? זיי האָבן דיך אזוי ליב, זיי שווערן אזוי!

עס וויינט דער בת־מלכהס הארץ פון פאָטערס עגמת־נפש, דעם אמת זאָגן קאָן זי דאָך נישט...

זאָגט זי, אז זי גלייבט נישט זייערע שבועות...

און זי האָט אזוי געענטפערט:

— איך בין רייך, טאטעשי, און דיין איינציקע טאָכטער בין איך! ווייס איך, צי מיינט מען מיך, צי מיין רייכקייט! צי וויל מען מיך, צי — איבער הונדערט און צוואנציק יאָר — דיין מלוכה, טאטעשי!

און זי האָט נאָך געהאט אַ ראיה צו אירע רייד!

—און זע, — האָט זי צום פאָטער, צום מלך, געזאָגט, — איז דען נישט מיין חברטאָרין דבורה שענער פאר מיר, בעסער, קלוגער און גע־לערנטער פאר מיר? און פארוואָס פאָרט מען זיך נישט צוזאמען איר כשרע האנט צו פארלאנגען? פארוואָס האָט זיך קיין איינציקער פרינץ אין איר נישט פארליבט? — ווייל איך בין ד יי ן טאָכטער! ווייל בת־מלכה ב י ן א י ך!

דער מלך וויל איר נישט זאָגן, אז ער גלייבט נישט, אז עס איז עמעץ שענער, בעסער און קלוגער פאר זיין טאָכטער, ענטפערט ער איר:

— ווייס איך? דיינע בליצנדיקע, רויטע האָר, מיט די טיפע, בלויע אויגן געפעלן, און אירע זיידענע, פלאַקסענע האָר, מיט די ערלעכע, טיפע אויגן — נישט... יעדער מענטש האָט שוין זיין מזל...

און אין הארץ האָט ער געקלערט: „אוי, צי איז עס נישט אַ ירושה פון עלטער־עלטער־זיידן קהלת?... אזא פריש עפּעלע, און עס פיקט שוין דאָרט אַ ווערמל"...

און אין דער רגע האָט זיך באַוויזן אין אָפענעם פענצטער אַ מילך־ווייסע טויב.

די בת־מלכה האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינע פון אירע טויבן, און זי האָט זיך אויסגעדרייט צו איר, זי זאָל זיך איר שטעלן אויפן אַקסל.

די טויב האָט עס דאָך נישט געטון.

די מילך־ווייסע טויב איז אַריינגעפלויגן און האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך אויפן טיש.

זי האָט זיך דריי מאָל געבוקט פאַרן מלך, און אָנגעהויבן צו וואָרקען און צו ברומען צום מלך.

און ביי די רויטע יידלעך, מוזט איר וויסן, האַלט זיך נאָך דער אַלטער יידישער מנהג, אַז דער, וואָס זיצט אין סנהדרין, מוז קאָנען אַלע זיבעציק לשונות פון דער וועלט, און דער מלך פון אַ מדינה מוז, זוי שלמה אין זיין צייט, קאָנען אפילו די לשונות פון חיות און עופות.

און די ווייסע טויב האָט צום מלך אַזוי געברומט:

— מלך, גרויסער מלך! האָב קיין עגמת נפש נישט, עס וועט זיך אַלץ ענדערן צום גוטן; דו וועסט אין דער בת־מלכה נאָך נחת דערלעבן...

— נייט זי אָבער נישט, אַז זי זאָל נעמען איינעם פון די פּרינצן, וואָס בעטן איר האַנט. נישט איינער פון זיי איז איר באַשערטער, און נישט אין גלויבשטיין ווינט דער, וואָס איר איז באַשערט.

און דער מלך האָט איר אויף טויבן־לשון אַזוי געענטפערט:

— גוטע טויב, קלוגע טויב, זאָג מיר, ווו איר באַשערטער וווינט, הייס איך באַלד שפּאַנען די טייערסטע פערד און ברענג אים אַהער; זאָל ער זיין אַ פּרינץ, זאָל ער זיין דער אָרעמסטער מאַן, זאָל ער ביי דער שווערסטער אַרבעט שטיין, גיב איך אים, — הייסט מיין נאָמען נישט שלמה דער זיבן און צוואַנציקסטער, — מיין איינציקע טאָכטער און מיין קרוין אַוועק!...

און די טויב האָט אַזוי געענטפערט:

— מלך, גרויסער קעניג, געזונט זאָלסטו זיין און לאַנג לעבן זאָלסטו מלך! נישט דאָס אָבער האָט מען מיר באַפוילן דיר צו זאָגן... דיין בת־מלכה וויל זיין זיכער, אַז דער, וואָס שווערט, אַז ער האָט זי ליב, מיינט

נאָר זי אליין, נישט די אוצרות, נישט די מלוכה... דאָס גוטע פרומע הארץ האָט מורא, מוז מען עס באַרואיקן...

— ווי אזוי, ווייסע, קלוגע טויב? — האָט דער מלך געפרעגט.

און די טויב האָט אזוי געענטפערט:

— גרויסער מלך, קלוגער מלך, געזונט און שטארק זאָלסטו זיין, און אייניקלעך דערלעבן זאָלסטו, מלך! הייס איר אויסקלויבן די אָרעמסטע קליידער, וואָס איר הארץ וועט גלוסטן, פאר איר און פאר דיר, מלך, און וואנדערט ארויס פון די ערטער, זוו מען קאָן אייך לייכט דערקענען. און אַז איר באַשערטער וועט זי וועלן אין שמוץ און אין אָרעמקייט, וועט דער בת־מלכהס גאָלדן הארץ נישט ציטערן, נישט שרעקן זיך.

— איך בין גרייט אַלץ צו טון, וואָס דו זאָגסט, — האָט ער דער טויב געענטפערט, און זי האָט דריי מאָל אהין און צוריק געהיפּט און געבוקט זיך, ווי ביים אויסגיין שמונה־עשרה, און איז צוריק ארויסגעפלויגן פון פענצטער.

די בת־מלכה האָט קיין אויסרייד נישט געהאַט, אויף דער טויבס עצה נישט צו באַשטיין, האָט זי אויסגעקליבן צום וואנדערן קליידער פון שמאטעס־קלויבער.

די בת־מלכה האָט זיך אזוי געטראַכט: אין אזוינע שמוציקע קליידער וועל איך קיינעם אין די אויגן נישט פאַלן...

נאָר א מענטש דענקט, און גאָט לענקט.

בשעת דער מלך און די בת־מלכה האָבן גערעדט וועגן די וואנדערקליידער, איז יואב, דער משנה־למלך, געשטאַנען הינטער א זיידענעם פאָרהאַנג און אונטערגעהערט.

פעלקער און קינדער האָבן יעדער א טביעת עין, איך מיין: אַן אויג, וואָס דערקענט אין דער ערשטער רגע דאָס, וואָס קלוגע חכמים דערקענען נישט. מיטן ערשטן בליק זעען זיי, ווער ס'איז גוט, ערלעך און פרום באמת, און ווער ס'טראָגט נאָר א מאַסקע אויפן פּנים — און האָט דאָס גיהנום אין הארץ.

דאָס פאָלק האָט אויף אים געמורמלט.

דער מלך איז אָבער געווען אין יואבן פארנאַרט.

אזוינס טוט נאָר א פאַלשער, שלעכטער מענטש, און דאָס איז ער געווען...

נישט ער האָט געדאַרפט זיין משנה־למלך אין וואונדער־לאַנד!...

אין פּאַלאַץ אַריין איז ער געקומען דורך אַ צופאַל:

די מלכּה, עליה השלום, אין ליכטיקן גן־עדן זאָל זי זיין, איז נפטר געוואָרן אין קינפּעט, און מען האָט געדאַרפט פאַר דער בת־מלכּה אַן אַם, איז דער גורל געפאַלן אויף יואָבס ווייב. דורך איר האָט ער באַקומען אַ צוטריט צום פּאַלאַץ...

איינמאָל האָט אים דער מלך שלמה באַמערקט און געפרעגט, ווער ער איז און וואָס ער וויל.

ער האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בת־מלכּהס אַמס אַ מאַן, און פאַר־לאַנגען פאַרלאַנגט ער נישט מער, נאָר די דערלויבעניש אָנצוזעטן זיינע אויגן מיטן גלאַנץ, וואָס שלאָגט פון מלכס פּנים...

וואָס אַן אַנגל איז פאַר פיש, איז חניפה פאַר מלכים...

יואָב איז שוין געבליבן אין פּאַלאַץ. ער איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן משנה־למלך.

קלוג איז ער געווען, ווי אחיתופל בשעתו, און ער האָט זיין פרומע, ערלעכע ראָלע אַזוי פיין געשפּילט, אַז די וועלט, וואָס האָט געמורמלט, האָט נישט געהאַט אויף אים צו ווייזן עפּעס אַן עוולה.

די בת־מלכּה האָט יואָבן, דעם משנה־למלך, נישט געקאָנט ליידן. אַז ער האָט אויף איר געקוקט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ פּייכטער, קאַל־טער וואָרעם גליטשט זיך איר איבערן פּנים... זי האָט עס אָבער קיינמאָל נישט געבראַכט אויף די ליפּן, נאָר צוליב איר אַם, יואָבס געשטאָרבן ווייב, צוליב דעם פאָטער, און אפשר מער צוליב דבורהלען, אין וועלכער זי האָט אַ געטריע, געליבטע שוועסטער געהאַט, — האָט זי זיך אַ כּוח אָנגעטאָן, און פון צייט צו צייט מיט אים אַ גוט וואָרט גערעדט...

דער שלעכטער מענטש האָט זיך אָבער דאָס גוטע וואָרט אַנדערש אויסגעטייטשט... האָט זיך געוואָלט באַנוצן דערמיט און ווערן דעם מלכס איידעם!...

קיין יונגער מאַן איז יואָב שוין נישט געווען, נאָר געהאַלטן האָט ער זיך קינדיש, און האָט זיך פיין, ווי נאַטירלעך, געפאַרבט די באָרד און די האָר פון קאָפּ.

און אַלע האָבן אָן זיינע יאָרן פאַרגעסן...

די פריילינגען פון הויף האָבן צו אים געוואונקען, האָט ער געמיינט, אַז שולמית אויך... אזוינס טוט נאָר אַ פאַלשער, שלעכטער מענטש...

ליתר תוקף ועוז האָט ער אויפגעקויפט ביי אַלערליי כישוף־מאַכערס ליבעס־טראָפּן, וואָס ער האָט בגנבה אריינגעטון אין דעם אַלעם, וואָס די בת־מלכה האָט געגעסן און געטרונקען.

דער קלוגער יואָב האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז די אַלע טראָפּנס העלפן נאָר דעמאָלט, ווען דער, וואָס באַנוצט זיך מיט די טראָפּנס, האָט אמת און ערלעך ליב, בשעת ווען יואָב האָט נאָר אין זין געהאַט די מלוכה.

און דאָס, וואָס די בת־מלכה האָט אָפּגעזאָגט אַלע פּרינצן, האָט ער אויך געהאַלטן ביי זיך פאַר אַ גוטן סימן, און כדי ער זאָל זיכערער זיין אין זיינע פּלאַנען, האָט ער נישט אויפגעהערט נאָכצוקוקן דעם מלך מיט דער בת־מלכה און אונטערצוהערן, וואָס זיי ריידן.

און אַז ער האָט, שטייענדיק הינטער דעם זיידענעם פאָרהאַנג, דער־הערט, אַז זיי רעכענען אין גאַר אָרעמע קליידער ארויסצוּוואַנדערן, האָט ער גאָר זיין האָפענונג נישט פאַרלאָרן.

פאַרקערט, עס האָט אים נאָך מער פאַרנאַרט.

ער האָט געקלערט, אַז די בת־מלכה, וואָס האָט אַזוי פיל ליבעס־טראָפּן אויסגעטרונקען, האָט אַליין פאַרגעשלאָגן דעם פאָטער דעם שידוך, און כדי געוואויר צו ווערן, צי ער איז ווערט צו זיין אַמאָל אַ מלך, פאָרן זיי אַרום פאַרשטעלט אויף דער מדינה, געוואויר צו ווערן, וואָס מען זאָגט אויף אים.

און ווייל ער האָט פאָרט מורא געהאַט, מען זאָל אויף אים אין דער מדינה פאַרן מלך, און דער עיקר — פאַר דער בת־מלכה, נישט רעדן קיין בייז, האָט ער זיי נאָכגעשיקט שפּיאָנען, זיי זאָלן זיי נאָכגיין טריט ביי טריט, און טאָקע טעגלעך אים שרייבן אויף תשר״ק־כתב, ווו זיי זענען, און וואָס זיי טוען.

אין דער התחלה האָבן אים די בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון די שפּיאָנען, גאָרנישט געוואונדערט: דער מלך מיט דער בת־מלכה נייען און גייען, און שטעלן זיך אין ערגעץ נישט אָפּ. שפּעטער אָבער, אַז מען האָט אים מודיע געווען, אַז זיי זענען אַרויס אויס דער גרענעץ, האָט

זיך דער משנה־למלך זייער דערפרייט: ער איז געפאַלן אויף אַן אַנדערן, נאָר אַ לייכטן פּלאַן, ווי אַזוי צוצוקומען צו דער מלוכה;

ער וועט דעם מלך מיט דער בת־מלכה אומברענגען! און אין דער פרעמד וועט ער דאָס טון נאָר אָן פּחד...

און ער האָט זיך געלאָזט ברענגען צוויי גזלנים, און ער האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

—איך, משנה־למלך, און היינט במקום מלך, ווייס גאַנץ גוט, אַז איר זענט רוצחים און גזלנים, אַז מען דאַרף אייך הענגען אינמיטן מאַרק, און דערנאָך אייך צעשניידן און צעשיקן שטיקער פון אייך אין אַלע תרי"ג שטעט פון דער מדינה. נאָר אין אייך ווענדט זיך, אַז איר זאָלט ניצל ווערן פון דער תליה, און נאָך גרויס ווערן...

— אַז איר זועט טון, וואָס איך וויל, און עס וועט בלייבן בסוד, וועל איך איינעם פון אייך מאַכן פאַרן ערשטן מיניסטער, און דעם צווייטן — פאַר אַ ראש אין סנהדרין...

און די גזלנים פאַלן דעם משנה־למלך צו די פיס, און ער האָט זיי געהייסן שווערן אויף די קני, אַז זיי וועלן טון זיין פאַרלאַנג!

און די גזלנים האָבן געשוואָרן: איינער — ביי אַלע וויסטע וועלדער און פּוסטע חורבות, וווּ שדים און רוחות וווינען, און ביי אַלע ניט־באַגראָבענע ביינער פון רוצחים און גזלנים:

— אויב איך וועל מיין וואָרט נישט האַלטן, זאָלן זיך אין מיר אַלע שדים פון וועלדער און חורבות, און אַלע רוחות רעות פון די פאַרוואַלגערטע ביינער אָן מיר נוקם זיין!

און דער צווייטער האָט אויך אַזוי געשוואָרן, און האָט נאָך צוגעגעבן, אַז ער שווערט נאָך ביי זיין געהיימנים — ביי זיין פאַטערס מויל, וואָס ער האַלט אין עסיק אין אַ פאַכיר...

און דעמאָלט האָט דער שלעכטער יואָב אַזוי געזאָגט:

— שאַרפע שווערדן האָט איר, בלאַנקע שפּיזן גיב איך אייך... און פערד וועל איך אייך געבן די בעסטע פון מלכס שטאַל, וואָס פליען ווי די אָדלער, וואָס יאָגן איבער דעם ווינט...

— לאָזט אייך אויף דער וועלט...

— און אַז איר וועט טרעפן צוויי שמאַטעס־קלויבער: אַ גרייז־גראָען אַלטן, ווי אַ טויב און אַ יונג מיידל, וואָס איר פּנים וועט אַרויס־

שיינען פון אירע שמוציקע קליידער, ווי א זון פון אונטער א ווינטערדיקן בלייערנעם וואָלקן, — פאַרהאַלט זיי!

— און דעם אַלטן זאָלט איר טויטן באַלד אויפן אָרט!

— און מיט דער טאָכטער זאָלט איר אַזוי טון:

— איר וועט זי פרעגן, צי זי וויל האַלטן אַלץ בסוד און אַהערקומען זיין מיין ווייב.

— אויב זי וועט באַשטיין, און זי וועט אייך צושווערן דערויף ביי דער נשמה פון איר געשטאָרבענער מוטער, לאָזט זי לעבן און ברענגט זי אַהער.

— אַ נישט — טויט זי!

— באַגראָבט זיי ביידע אויפן אָרט. און פאַר אַ סימן, אַז איר האָט אַלץ געטון בשלימות, זאָלט איר מיר ברענגען זייערע קליידער: איך וועל זיי דערקענען...!

די גזלנים זענען באַשטאַנען. און ער האָט זיי געגעבן געלט אויף הוצאת־הדרך, באַוואָפנט זיי פון קאָפּ ביז פיס, אַרויפגעזעצט אויף פערד און אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין...

און דער שלעכטער מענטש איז זיכער, אַז עס וועט אים געראָטן...

מלך וועט ער זיין!

און קוים וועט ער ווערן מלך, וועט ער וויסן, וואָס צו טון...

די מלוכה וועט ער שוין באַפעסטיקן!

ווי אחשורוש וועט ער טון!

אַ קעניגלעכע סעודה וועט ער מאַכן — פאַר גאַנץ וואונדער־לאַנד אַ סעודה...

אין גרויסן גאָרטן וועט ער גאָלדענע טישן שטעלן. און זיי וועלן זיך בייגן אונטער דער לאַסט פון די טייערסטע מאכלים, און די טייערסטע ווייגען וועלן זיך גיסן ווי וואַסער...

און אַלע שפּילער, און אַלע טענצער, און אַלע זינגער פון דער גאַנצער מדינה וועלן קומען און שפּילן, און זינגען, און טאַנצן —

עס וועט זיין אַ יום־טוב, אַ פרייד פאַר גאַנץ וואונדער־לאַנד!

און זיבן טעג און זיבן נעכט וועט מען טרינקען, זיבן טעג און זיבן נעכט וועט זיין אַ לעבן...

און די שענסטע מיידלעך פון דער גאַנצער מדינה וועלן קומען...

און ער וועט ארומגיין ביי די טישן און קוקן, און גלויבן.
און די שענסטע וועט זיין ווייב זיין, זיין מלכה זיין...

פערטעס קאפיטל.

דבורה מוז אנטלויפן. — זי געזעגנט זיך. — ביי דער מכשפה אין דער הייל.

דבורה, דעם משנה למלכם טאכטער, האט שטארק געליטן, זייט די בת מלכה איז אוועק.

זי איז געבליבן איינע אליין.

דער פאטער האט זי קיינמאל נישט ליב געהאט. מיט איר געבוירן ווערן האט ער זיך נישט שטארק געפרייט; דעמאלט איז ער ארעם גע־ווען, און אן איבעריק מויל אין שטוב איז נישט געווען פון די גוטע זאכן. אז דאס קינד איז אלט געווארן עטלעכע וואכן, האט ער עס פלוצלינג פיינט געקריגן; ער האט זיך באקלאגט, אז עס איז נישט ז יי ן קינד, אז מען האט אים דאס קינד אין וויג פארטוישט. שפעטער, אז ער איז געקומען צום מלך אין פאלאץ אריין, האט ער דאך באהאלטן די שנאה ביי זיך אין הארץ און האט קענען זיין איינענער טאכטער געשפילט די זעלביקע פאלשע ראלע, ווי קעגן אלע.

קוים אבער איז דער מלך מיט דער בת־מלכה ארויסגעפארן, האט ער די מאסקע פון פנים אראפגעווארפן.

דאס ערשטע איז געווען, וואס ער האט פארטריבן פון פאלאץ אלע ארעמע און קראנקע, און האט צוגענומען ביי זיין דבורהן דעם שליסל צום מלכם אוצרות.

נאך מער געליטן האט זי דאך דערפון, וואס זי האט געזען, ווי דער פאטער אירער נעמט זיך צו דער מדינה. ער האט פלוצלינג אפגעשאפט אלע אלטע ערלעכע גענעראלן, אלע פארדינטע באאמטע פון שטעט און דערפער ווי אויך אלע ערלעכע שופטים ושוטרים, פון נידעריקסטן ביזן העכסטן סענאטאר, וואס איז געזעסן אין סנהדרין. די אלע שטעלן האט ער באזעצט מיט פאלשע, שלעכטע מענטשן, מיט זיינע שמייכלער און טע־לערלעקער, וואס זענען גרייט געווען צו העלפן אים אין אלע בייזע פלענער.

דבורה האט זיך געפרווט אים מוסר זאגן, נאר דערמיט האט זי

זיך נאָר ערגער געמאַכט. ער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסן, דער טאָכטערס פּטור צו ווערן. ער וואָלט זי געטויט, נאָר ער האָט מורא גע־האַט פאַר דער מדינה, ווייל דבורה איז ביי אַלע געווען באַליבט, גלייך מיט דער בת־מלכה. האָט ער זי געוואָלט חתונה מאַכן פאַר וועמען עס איז פון דער פרעמד, און האָט געזוכט פאַר איר אַ מאַן צווישן די רייכע סוחרים פון אַנדערע מדינות, וואָס פלעגן קומען קיין גלויבשטיין ווענן געשעפטן.

איינער אַזאַ סוחר איז אים שטאַרק געפעלן. עס איז געווען אַ די־קער, אַ הויכער מאַן מיט שאַרפע פינצטערלעכע בליקן. דער, האָט גע־טראַכט דער משנה למלך, וועט זי שוין פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן, און ער האָט אים פון מאַרק, וווּ ער איז געשטאַנען מיט סחורה, אַהיים געפירט אין פּאַלאַץ אַריין און פאָרגעשטעלט דער טאָכטער אַלס חתן.

זי האָט פאַרבראָכן די הענט, אַ קוואַל טרערן האָט איר אַרויסגע־שפּריצט פון די אויגן. די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן. און זי איז דעם פאָטער געפאַלן צו די קני און געקלאַמערט זיך אַרום זיינע פיס. נאָר ער האָט זי מיטן פוס אַוועקגעשטופּט.

— מאָרגן שטעלט מען דיר אַ חופּה! — האָט ער אַרויסגעזאָגט שאַרף און איז אַוועק פון איר.

די זעלביקע נאַכט איז דבורה אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ.

די סאָלדאַטן פון דער וואַכט האָבן זי פאַר רחמנות נישט פאַר־האַלטן. און אַ רחמנותדיקע בלאַסע לבנה האָט איר באַלויכטן דעם וועג דורכן גאָרטן אין די אָפּגעלעגענע אַלעען.

אַנטלויפנדיק, האָט זיך דאָך דבורה נישט איינגעהאַלטן און האָט זיך אַלע ווײַלע אָפּגעהאַלטן ביי אַן אַנדערער בלום, און האָט זיך מיט איר געזעגנט און געקושט. און נישט אויף איין רויזן־אָדער־ליליען־בלעטל איז געבליבן הענגען אירס אַ טרער, ווי אַ טראָפּן פרישער טוי.

— ווער וויים, אויב איך וועל אייך נאָך אַמאָל זען! — האָט זי גערופן צו די בלומען, צו די ביימער און צו די גאָלדענע פישלעך אין טייך, וואָס זי האָט געוועקט מיט אירע לייכטע טריט, ווי אויך צו די פייגל, וואָס האָבן זיך געוויגט צווישן די שטילע צווייגן.

און אַ שטילער, זייער אַ שטילער שאָרך איז איבערגעגאַנגען פון צווייג צו צווייג, פון איין בוים צום צווייטן, ווי עס וואָלט געזאָגט: —

שווייגט! ש—ש—ש... דאָס גוטע, דאָס גאָלדענע מיידעלע אַנטלויפט, זי אַנטלויפט פון איר פיינעם פּאַלאַץ, פאַר איר שלעכטן טאַטן, פאַר איר פאַלשן טאַטן... שווייגט, וועקט נישט קיינעם, שווייגט...

פון דאָרטן איז זי אַריין אין אַ וואַלד.

ביים ערשטן בוים אין וואַלד האָבן אויף איר געוואַרט דריי משונה־דיקע חיהלעך, ווייסע ווי מילך, מיט גאָלדענע שטרייפן און הערנדלעך, וואָס צוויי האָבן געהאַט פון שילדקרעט, און איינס — פון עלפנביין.

דבורה האָט זיך פאַר זיי אָפּגעשטעלט און אַזוי געבעטן:

— אָ, גוטע חיהלעך מיט די ווייסע פעלעכלעך, גאָלדענע שטריי־פעלעך, שילדקרעטענע און עלפנביינענע הערנדלעך! האָט רחמנות אויף מיר, און ווייזט מיר דעם וועג. צו דער הייל, וווּ די גוטע כישוף־מאַכערן וווינט.

און זי זאָגט זיי, אַז זי איז נאָך ביינאַכט אין וואַלד נישט געווען, אַז ביי דער שיין פון דער לבנה זעט אַלץ אַנדערש אויס, און זי קאָן נאָך פאַרבלאָנדזשען, און שלעכטע מענטשן וועלן זיי געפינען און צוריק פירן אַהין, וווּ זי דאַרף נישט און טאָר נישט זיין...

די חיהלעך האָבן, אַ פּנים, פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט, זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּעלעך אויף יאָ און געבוקט זיך אַ פּאָר מאָל מיט די הערנדלעך צו דער ערד.

דאָס איז געווען אַ סימן, אַז זיי האַלטן עס פאַר רעכט און ווילן איר ווייזן דעם וועג.

און דאָס חיהלע מיטן עלפנביינענעם הערנדל איז אַרויסגעטרעטן פון דער שורה, און האָט זיך איר געשטעלט פון פאָרנט; די צוויי מיט די שילדקרעטענע הערנדלעך — רעכטס און לינקס אויף ביידע זייטן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין.

און זיי זיינען געגאַנגען און געגאַנגען. בערגלעך אַראָפּ, בערגלעך אַרויף, צווישן פאַרפלאָכטענע צווייגן, ביז דבורהלע האָט דערזען אַ פיין גאָלדענעם שטראַל, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון דער ערד.

— ווער איז דאָרט? — האָט מען געפרעגט פון אונטער דער ערד.

דבורהלע האָט דערקענט דער כישוף־מאַכערינס קול און האָט זיך גע־וווּנדערט, ווי אַזוי די טויבע האָט דערהערט דאָס שטילע קלאַפּן פון קליינעם הערנדל.

— איך, איך, איך, — קלאַפּט ווייטער דאָס היהלע, וואָס האָט קיין לשון נישט. נאָר אין דער אייגענער רגע האָט אַ רויש געטון צווישן די צווייגן פון אַ נאָענטן בוים, אַ ווייסע טויב האָט זיך באַוויזן און אויסגע־רופן מיט אַ קול פון אַ מענטשן:

— מומעשי, עפן, דבורהלע איז געקומען! דבורהלע מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן, און האָר ווי פלאַקס... עפן, מומעשי, ס'איז די העכסטע צייט...

די הייל האָט זיך געעפנט, און דבורהלע איז אַריינגעקומען און גע־טראָפן די אַלטע, זיצנדיק ביי פעדערן, וואָס זי האָט געפליקט אין אַ גרויסן טאָפּ אַריין.

— גוטן אָוונט, — זאָגט דבורהלע שטיל; און קוקנדיק פאַרוווּנ־דערט אויף דעם אַלעם, וואָס אין הייל טוט זיך, האָט זי פאַרגעסן צו בעטן, מען זאָל זי אויפנעמען.

פאַר דער אַלטער, זעט זי, שטייט נאָר אַ קליין לעמפּעלע, און עס באַלייכט דאָך די גאַנצע הייל. אינמיטן דער הייל שטייט אַ פיין געבעט בעטל, און זי דערקענט עס: עס איז איר אייגן בעטל, מיט איר בעטגע־וואַנט, מיט איר זיידענער, גאָלדגעשטריקטער קאָלדרע...

— גוט יאָר, — ענטפערט דערוויל די כישוף־מאַכערן. — איך האָב געוווּסט, דו וועסט קומען, און איך האָב אַרויסגעשיקט מיינע קראָען, זיי זאָלן אַרויסגנבענען פון פּאַלאַץ דיין געלעגער... אויף אַ פרעמד בעט שלאָפט זיך נישט גוט...

דבורהלע שווייגט, נאָך מער פאַרוווּנדערט.

און די אַלטע מאַכט:

— ביסט מיד, דבורהלע, טו דיך אויס, לייג דיך שלאָפן. מאָרגן וועסטו אַלץ וויסן.

דבורהלע האָט געפאָלגט, און אַז זי איז איינגעשלאָפן, האָט זיך די אַלטע אויפגעהויבן שטיל, און האָט גענומען אַ שניי־ווייסן פליגל פון אַ שוואַן און געמאַכט אין דער לופט אין אַלע פיר זייטן, און צוגעברומט שטילערהייט:

גוטע חלומות, קומט
פון אַלע זייטן, קומט
צו דעם גוטן מיידעלע,

צו דעם פרומען מיידעלע,
צו דעם האַרציקן מיידעלע...
צו ר' שלמהס טעכטערל...

און פון אַלע זייטן זענען אָנגעפלויגן ווייסע טויבן, מיט שניי־ווייסע כריזאַנטעמען און ליליען אין די מיילער, און זענען שטיל און פיין גע־פלויגן איבער דבורהלעס בעט.

פינפטעס קאַפּיטל.

א פרימאָרגן אין הייל. — וואָס טוט זיך אין דער צווייטער העלפט פון דער הייל? — אַ מעשה פון א גרויסער נשמה. — ווי אַזוי זי איז געבוירן געוואָרן און איז איינגעשלאָפן.

ויהי ערב, ויהי בקר. און אויף מאָרגן, אַז דבורהלע האָט זיך אויפ־געכאַפּט, האָט זי באַמערקט, אַז די הייל איז אָפּגעטיילט מיט א פאָרהאַנג, וואָס איז אויסגעשטיקט מיט אַלערליי בלומען און פייגעלעך, פון וועלכע זי האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן.

— וואָס ווילסטו וויסן, — פרעגט זי די אַלטע מיט א שמייכל, — וואָס אין יענער העלפט הייל טוט זיך?

— ניין, מומעשי, אַז מען זאָגט נישט מיר אליין, פרעג איך נישט.

— אַז דו ביסט יאָ אַזוי גוט, — ענטפערט די אַלטע, — וועל איך דיר דערציילן. דערווייל וועט זיך אָפּקאָכן די מילך, וואָס איך האָב דיר צוגעשטעלט אויף פרישטיק.

און די אַלטע האָט איר דערציילט אַזאַ מעשה.

„אַמאָל האָט גאָט אַראָפּגעקוקט אויף אונדזער אָרעמער וועלט, און געזען, אַז עס פירט זיך נישט גוט, אַז עס זענען סאַמע קליינע, גאָר קליינע נשמות, וואָס קאָנען גאָרנישט אויסקלערן, און אויב זיי קלערן שוין יאָ עפּעס אויס, קאָנען זיי עס נישט אויספירן, האָט ער געהייסן אַראָפּשיקן איין נשמה כאָטש א רעכטע — א גרויסע, א הויכע נשמה.

און עס איז ערגעץ געבוירן געוואָרן א קינד מיט אַזאַ נשמה, עס איז געווען אַ יינגל, און אַז ער האָט געעפנט זיינע גרויסע אויגן אויף דער וועלט, איז ער פול געוואָרן מיט צער און רחמנות.

נאָר אז ער איז אויפגעוואקסן, האָט ער אויך גאָרנישט אויסגע־קלערט, ווייל ער האָט קיין צייט נישט געהאט צו קלערן...

ארום און ארום איז אזוי פיל אומגליק געווען, אזוי פיל אומבאַ־האָלפנקייט, אזוי פיל צער...

און ער האָט זיך גענומען צו העלפן, עצות צו געבן, טובות צו טון... עמעצער פאלט, הייבט ער אים אויף; עמעצער ווייסט נישט, ווי אזוי פון וואסער ארויס, דערלאנגט ער אים א צווייג, עמעצער קאָן א לאסט נישט דערטראָגן, העלפט ער אים צו; ווער עס דאַרף אן עצה טובה, קלערט ער איבער און גיט.. און ווו עס האָט שוין דאָס אויך נישט געהאָלפן, האָט ער זיין הארפע ארויסגענומען און געזונגען און געשפילט.

און די הארפע האָט געהאט א זיסן קלאנג, און זיין שטימע איז נאָך זיסער געווען ווי דער קלאנג פון דער הארפע, און זיסער פוןביידע איז געווען דאָס ליד אליין, וואָס ער האָט געזונגען.

ער האָט געזונגען פון שפּעטערע גליקלעכערע צייטן... ווען אַלע וועלן ווערן געהאָלפן, ווען אלע טרערן וועלן אויסטרוקענען, אַלע קרענק פארשווינדן, אלע עוולות פארגיין, און אַלע, די שוואכסטע אפילו, וועלן גליקלעך זיין...

—צי איז דאָס אמת? — פרעגט דבורה...

— איי, ווי דיינע אויגן האָבן זיך אונטערגעצונדן! — ענטפערט די אַלטע... — נאָר צי עס איז אמת? איך ווייס נישט; ער האָט געזונגען, און מענטשן האָבן געגלויבט, און דערפון אליין אין זיי לייכטער געוואָרן דאָס לעבן...

מיט דער צייט האָט ער א שם אויף דער מדינה באקומען, און וואָס מער שם ער האָט געהאט, מער אָרעמע, מער אומבאהאָלפענע, מער אומ־גליקלעכע האָבן באדארפט זיין הילף... און ער איז דאָך געווען איינער, איינער אליין...

— גאָט, — האָט ער זיך איינמאָל געשטעלט מיט א טענה צום הימל — פארוואָס האָסטו מיך נאָר איינעם באשאפן? ווי קאָן איך איינער אלע, אַלע העלפן?

און א בת קול ענטפערט אים פון הימל:

— איך האָב אן אדם הראשון באשאפן, און פון אים איז די וועלט ארויס. זוך דיר דיין חוהן...

און ער האָט אַלץ פאַרלאָזט און אָנגעהויבן זוכן...

ער האָט אָבער נישט געפונען... עס איז זעלטן אַן אמתע חוה... נישט געקינצלט, נישט געפעלשט, נישט קינדיש־נאַריש־נאַשעריש... און ער האָט זיך נאָך אַ צייט ווייטער געשטעלט מיט אַ טענה צו גאָט:

— איך געפין נישט! — זאָגט ער.

און פון הימל האָט מען אים געענטפערט:

„אַז דו קאָנסט נישט זוכן, וואַרט ביז מען וועט ד י ך זוכן און געפינען...

און מען האָט אים איינגעשלעפט דאָ אין דער הייל; און ער שלאָפט שוין לאַנג, לאַנג... און מיך האָט מען ביי אים פאַר אַ וועכטערין געשטעלט, עס זאָל אים אין שלאָף קיין בייז נישט געשען...

— ווי לאַנג שלאָפט ער שוין, מומעשי?

— מער זוי הונדערט יאָר... מער... ווילסט אים זען, דבורהלע?

דבורה ציטערט אויפן גאַנצן לייב און קאָן פון מויל קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען.

די אַלטע ציט ביי אַ שנירל, דער פאָרהאַנג צעשפּרייט זיך, און אין דער צווייטער העלפט הייל באַוויזט זיך אַ שלאָפנדיקער יונגער מאַן, שיין ווי אַ חלום פון אַן אומשולדיק יונג מיידל...

דבורה איז פּלוצלינג אַרויסגעלאָפן פון הייל אין וואַלד אַריין. די אַלטע האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַ שמייכל און באַלד דערנאָך אַרויסגעבויגן דאָס אַלטע קעפּל פון דער הייל און אַ פייף געטון. די דריי חיהלעך האָבן זיך אויף איר פייף, אין דער זעלביקער סעקונדע, אויף דער ראַנד פון דער הייל באַוויזן.

— וואָס איז דיין פאַרלאַנג, נשמה פון וואַלד? — האָבן זיי געפרעגט.

און מיטן בליק האָט זיי די אַלטע אָנגעוויזן אויף דבורהן, וואָס האָט נאָך צווישן די ביימער געמיגעט, און ווייטער געלאָפן.

— וואָס איז מיט איר געשען?

— אַ חלום, — שמייכלט לייטזעליק די אַלטע, — איז איר, אינעם מיידל־האַרץ געבוירן געוואָרן, און ווי אויף פליגל טראָגט זי דער חלום. היט זי און ברענגט זי אָוונט צייט צוריק אַריין אין דער הייל.

— גוט!

און די חיהלעך זענען פאַרשוווּנדן.

זעקסטעס קאפיטל

די צווייטע נאַכט אין דער הייל. — דבורה וועקט זיך אומרואיק אויף. — וואָס זי זעט און הערט.

די צווייטע נאַכט איז דבורה אומרואיק געשלאָפן. דער חלום האָט אין איר מיידל־האַרץ געוואקסן, די פליגל צעשפּרייט. אָבער נישט דאָס אליין האָט זי פון שלאָף אויפגעוועקט. מער, פיליכט, די זאָרג וועגן שולמית דער בת־מלכה און איר פּאָטער — שלמה דער מלך.

זי וועקט זיך, און נאָך מיט געשלאָסענע אויגן טראַכט זי:

ווו זענען זיי?

ווו וואנדערן זיי אַצינד?

וואָס האָבן זיי איבערגעלאָזן די מלוכה אין שלעכטע הענט, אומ־גליקלעכע און אָרעמע — אָן הילף...?

וואכנדיק וועט זי איבערן מויל אויפן פּאָטער קיין בייז וואָרט נישט ברענגען. אין האַרץ ווייסט זי דאָך, ווי שלעכט איר פּאָטער איז. אומזיסט פּלאָגט זי זיך און וואַרפט זיך פאַר, פאַרוואָס זי האָט איר פאָ־טער נישט ליב! זי קאָן אים נישט ליב האָבן — שלעכט איז ער. זייער שלעכט! אז שלמה, ווייס זי, דער ריכטיקער מלך, וועט נישט צוריק קומען, וועט ער פון וונדערלאַנד א חורבה מאכן, פון גלויבשטיין וועט א גיהנום ווערן... פון תפיסה וועלן אַרויס געגעראַלן און ריכטער. און ערלעכע לייט וועט מען שמידן און אין פינצטערע גריבער אריינוואַרפן.

און פון שולמית וואָס וועט זיין?

און איר האַרץ בענקט און ציטערט.

און זי עפנט די אויגן און זעט:

פון עטלעכע ברענענדיקע קוילן, וואָס זענען אויפן קוימען געבליבן, פליסט איבער דער גאַנצער הייל אַ העלע, רויטלעכע שיין. די ווענט אַרום זענען באַדעקט מיט גרינע צווייגן און פאַרשידנפאַרביקע בלומען, און דאָס אַלץ, דאַכט זיך, וואַקסט און בליט אין דעם רויטלעכן גלאַנץ. און רואיק און שטיל פלאַטערט דער פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ די נישע, ווו יענע שלאָפט, פון דעם רעשט הייל, און אינעם רויטן גלאַנץ דאַכט זיך, אַז די היפּשע פייגעלעך און קליינע פליגעלעך, מיט וועלכע דער פאָרהאַנג איז אויסגעשטריקט, לעבן, ציטערן און רירן מיט די פליגעלעך... זיי ציטערן

און צאפּלען, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך אַפּרייסן פון דעם פאָרהאַנג און אַוועקפליען אין דער ווייטער וועלט אריין!

זי וואָלט זיך פון דעם פאָרהאַנג נישט אָפּגעריסן!

אך, ווי וואָלט זי געוואָלט, דער פאָרהאַנג זאָל זיך שטאַרקער אביסל באַוועגן, עטוואָס עפענען, עס זאָל זיך די קלענסטע שפּאַרע מאכן, זי זאָל אים נאָך אמאָל, נאָך אמאָל זען! כאָטש איין שטראַל זאָל צו איר פון זיין ליכטיק פּנים אראָפּ!

נאָר וואָס העלפט עס! נישט פאַר איר האָט אים דער הימל איינגע־שלעפט... וואָלט שולמית דאָ געווען!

נאָר זען וויל זי אים, זען מעג זי אים! נאָר זען!

זי דערשרעקט זיך דאָך פאַר איר אייגענעם געדאַנק, גלייך ער וואָלט זינדיק געווען, און קוקט זיך אום צו דער אַלטער.

און די אַלטע שלאָפט נישט.

אויף א דרייפיסיק בענקעלע זיצט זי אין א ווינקל פון דער הייל. א וואונדערלעך ווייסער שימער הייבט זיך, ווי א לופטיקע קרוין, איבער אירע ווייסע זילבערנע האָר. מיט א געבויגענעם קאָפּ זיצט זי און קוקט צו זיך אויף דער שויס... זי קוקט אזוי ערנסט, אזוי טיף!

זי זעט — ביי דער אַלטער צופוסנס ליגן מאַסן קנוילן פון פאַרשי־דנפאַרביקן פאָדעם, און די קנוילן רירן זיך, ווי פון זיך אליין, און די פאַרשידנפאַרביקע פעדעם הייבן זיך פּאַמעלעך, גאַנץ פּאַמעלעך ארויף צו דער אַלטערס שויס, און וועבן זיך דאָרט אריין אין א רעם, אין א גאָל־דענער, בליצנדיקער רעם.

צי איז זי וואך, צי זעט זי א חלום?

— מומעשי, דו שלאָפסט נישט? — פרעגט זי אביסל דערשראָקן.

— ניין, טאָכטער! איך שלאָף נישט... איך שלאָף קיינמאָל נישט! איך בין דאָ די נשמה פון וואַלד, די נשמה פון וואַלד בין איך, יאָ! און א היטערין בין איך אויך! איך טאָר נישט שלאָפן... דער וואַלד וואָלט אינגאַנצן איינגעשלאָפן. און דו וואָלסט מאָרגן אָפּגעשיילטע ביימער גע־פונען, פאַרוועלקטע בלעטער און בלומען, און טויטע חיהלעך... מיסט און פּגרים וואָלט פון אַלעם געוואָרן, ווען איך שלאָף איין!.. און ער, דער — הינטער דער פאָרהאַנג דאָרט, וואָלט זיך שוין קיינמאָל נישט אויפגעכאַפּט.

דבורהלען ווערט באַנג.

— וואָס דען טוסטו דאָ, מומעשי?

— איך, טאָכטער? איך טו גאָרנישט, דערווייל גאָרנישט! איך קוק נאָר! איך קוק נאָר און זע, וואָס עס טוט זיך! אז די צייט וועט קומען, וועל איך עפּעס טון, מיינס טון, געוויס... מיין פּאָדעם וועט זיך אויך אריינוועבן!...

— אין וואָס, מומעשי?

— אין דעם, וואָס עס טוט זיך...

— וואָס טוט זיך, מומעשי?

— ווילסט זען, טאָכטער?

— איך מעג?...

— אַבּיסל... קום!... שטעל דיך הינטער מיר, געשווינד! כל זמן די קוילן ברענען!

און דבורה שפּרינגט אראָפּ פון דעם בעט, שטעלט זיך הינטער דער אַלטער און קוקט אויף דעם, וואָס וועבט זיך אויף דער אַלטערס שוים...

— איך זע גאָרנישט, מומעשי! — רופט זי אוים געטוישט.

— קוק בעסער, וויש דיר דריי מאָל די אויגן אוים.

דבורה טוט עס און שרייט אוים מיט פרייד:

—איך זע, איך זע, מומעשי!

— נאָר שטיל, דעם וואלד וועקן טאָר מען נישט! וואָס זעסטו, קינד?...

— א פּלאַץ זע איך, א שטילן מאַרק, — דאַכט זיך... אין א רעם פון קליינע, שטילע הייזלעך.

— א מאַרק איז עס.

—א שטילער מאַרק...

—לעער?

— וואָרט, מומעשי... איך זע שוין, — צוויי געשטאַלטן זע איך... אָרעמע לייט, פאַרפּעצטע, צעריסענע קליידער...

— שמאַטע קלויבער?

— דאַכט זיך... אן אַלטער מאַן מיט א יונג מיידל...

— קוק דיך בעסער צו, וועסט זיי אפשר דערקענען!

— גאָט מיין איינציקער! — איז דבורה אויפגעשפּרונגען, — שולמית! דער קעניג!

— נאָר, שטיל... נאָך נישט צייט, יענעם, דאָרט הינטער דעם פאָר־האנג, צו וועקן...
— וואָס טוען זיי, מומעשי?
— זיי וואנדערן... זיי וועלן באלד אריבער די גרענעץ פון וונדער־לאנד... אזוי ווי די טויב האָט גערןאָטן...
— זיי שטייען דאָך...
— דער מלך שלמה איז אביסל פארזארגט.
— פארוואָס? עס איז אים שווער אויף דער עלטער צו וואנדערן?
— ניין, קינד. ער האָט באמערקט, אז מען רייט זיי נאָך...
— שלעכטע מענטשן, מומעשי?
— גזלנים!
— זיי ווילן זיי שלעכטס טון?
— זיי ווילן... נאָר זייערע פעדעם וועבן זיך ארויס פון דער רעם... שאדט נישט!
— און שולמית, זי האָט אויך מורא?
— זי ווייס נישט דערפון...
—עפעס שטייט זי פארטראכט —
— זי קוקט.
— אויף וואָס, מומעשי? עס דאכט זיך, אז די גאנצע נשמה קוקט איר פון די אויגן ארויס...
— קוק ליגקס צו דער רעם צו. וואָס זעסטו, קינד?
— א פענצטערל זע איך... א פענצטערל פון א קליין הייזל, ווי א־גרין באדעקטע סוכה...
— און אין פענצטערל?
— ... זיצט איינער, א יונגער מאן, ער שטריקט... אויף געשווירע־נעם סאמעט מיט גאָלדענע פעדעם שטריקט ער... און אָדלער שטריקט ער... ביי די פליגל ארבעט ער... ווי די פליגל, די גאָלדענע פליגל וואקסן אונטער זיינע געשיקטע, ווייסע, אלאבאסטער־ווייסע הענט... גאָלדענע פליגל... נאָך גאָלדענער איז דער גלאַנץ פון זיינע בלויע, ריינע און טיפע אויגן... א טייך איז אויך אזוי אמאָל... בלוי, קלאָר ווי דער הימל, און טיף, זייער טיף... ווי די אויגן שטראלן!...
— מיט נחת.

— וואָס פאַר אַ נחת?...

— מיט דעם נחת, מיט דער פרייד, מיט וועלכע גאָט האָט די וועלט באַשאַפן... ווער עס באַשאַפט, דער שטראַלט אַזוי... און די ליכט פון די אויגן וועבט זיך אַריין אין דעם, וואָס מען באַשאַפט... און דער גלאַנץ בלייבט אויף אייביק אין דער אַרבעט, אויף דעם באַשאַפענעם, און ווער עס זעט עס, צו דעם אין דער נשמה אַריין שטראַלט אַריין דאָס נחת, די פרייד...

— פאַרשטייסט מיך, קינד?

— איך פ י ל עס, מומעשי, נאָר וואָס ציטערן אַזוי זיינע ליפּן?

— דאָס זינגט ער אַזוי, טאָכטערשי. ווער עס אַרבעט און באַשאַפט אין דער אַרבעט, דער זינגט! דאָס געזאַנג ווערט אויך אין דער אַרבעט אַריין פאַרכישופט!

— אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע אַזוי אַרבעטן!

— עס געפעלט דיר, טאָכטערשי?

— יאָ... זייער... נאָר י ע נ ע ר געפעלט מיר מער!

— יענער, הינטער דער פאָרהאַנג?

— יאָ...

— איי, ווי דיין אָטעם פילט זיך הייס, ער שמעקט און איז הייס! אַזוי צעפלאַטערט אַמאָל אַ רויז, אַ זיסע רויז... יאָ, קינד... וואָס זעסטו ווייטער?

— ווי שולמית קוקט אויף אים!... עס איז אפשר איר באַשערטער, מומעשי?

— אפשר!

— נאָר דבורה דערמאָנט זיך עפּעס און רופט אויס דערשראָקן!

— זאָל זי אַוועקגיין, מומעשי! זאָל זי אַנטלויפן! זי טאָר ניש. געשוואָרן האָט זי!

— און דו רעדסט צופיל! — האָט זיך די אַלטע אָנגערופן מיט אַ געלעכטער.

אין דער זעלביקער רגע האָבן זיך די קוילן פאַרלאָשן, דאָס געוועלבעכטס איז פאַרשוואונדן, און די הייל איז געבליבן באַלויכטן פון פרימאָרגן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך דער שפּאַרע אין דער הייך.

— ווער עס וויל זען, מוז שווייגן. — מוסרט זי די אַלטע מיט גוטן.

דריי חופּות

צוויי רויטע—איינע אַ שוואַרצע

א מעשה פון הינטער די הרי חושך.

צווייטער טייל

זיבעטעס קאַפּיטל

וי עס וואַנדערט זיך אין וונדערלאַנד און — נאָך דער גרענעץ פון וונדערלאַנד. — די אַרבעט דאָ און — דאָרט. — ווי מען קוקט אויף פרעמדע אין דער פרעמד. — „העלף דיר אַליין" און נאָך גוטע זאַכן. — אַ שווערער ווינטער, און „בעטלען איז שטרענג פאַרבאָטן". — דער בת־מלכהס ווידוי.

באַרואיקט, האָט דבורה צוריק די אויגן פאַרמאַכט און איז איינגעשלאָפֿן, אָבער וואַכנדיקערהייט איר זיסן חלום פון יענעם, אין דער צווייטער העלפט פון דער הייל, וויטער אין דער שטילער נשמה געשפּינט. און מיר ווען זיך באַנוצן מיט דער צייט און זען, וואָס עס טוט זיך מיטן מלך און מיט דער בת־מלכה.

דאָס שווערסטע ביי אונדז, דאָס, וואָס אַ בעל־תשובה נעמט ביי אונדז אויף זיך, אָפּצוקומען פאַר די שווערסטע זינד — דאָס וואַנדערן, „גלות ליידן" איז אין וונדער־לאַנד זייער אַ לייכטע זאַך, און פאַרשאַפט נאָך פיל פאַרגעניגן.

דאָ, וו מענטשן זענען גוט, איז אַלץ גוט; פילט מען זיך אומעטום היימיש.

אויף וואָס דו וואַרפסט אַן אויג, דאָס באַגעגנט דיך מיט נחת, מיט שלום; דאָס שמייכלט דיר אַנטקעגן; פון קלענסטן גרעזל אין וואַלד ביז דער העכסטער, צום הימל געוואַקסענער סאָסנע, ביזן שטאַרקסטן, צעגליגטן דאָמב — לאַכט דיר אַלץ אַנטקעגן! טויזנטערליי פאַרביקע שוואַ־

מען ניקן דיר צו מיט די פיינע קאפּעלושן; די בלימעלעך רוקן ארויס פון גראָז די קעפּלעך און רופן צו דיר: „גוט מאָרגן"; הויך געקריינטע ביימער פארבעטן דיך אין זייער שאָטן צום זיסן אָפּרוען...

טרעפסטו א האָלץ־העקער אין וואַלד, לייגט ער, אז ער דערזעט דיך נאָר, די האַק פון האַנט ארויס און גייט מיט דיר, ווייזט דיר, ווו, פון וועלכן בוים עס רינט אַ דערפרישנדיקער זאַפט; ווו, פון וואַנען עס שפּריצט ארויס א העל־לעבעדיקער קוואַל; ווו, אויף וועלכע ביימער עס האַלטן זיך בינען מיט האָניק... אַלץ וואָס דיין האַרץ נאָר פארגלוסט!

אזוי גוט איז דיר אויך דאָס פעלד, ווו דער פויער ארבעט מיט גע־זאַנג; הערצלעך באַגריסט ער דיך און ווייזט דיר זיין „קאָביאַלקע" מיט מילך און ברויט, וואָס איז פאַר דער זון באַהאַלטן. — „עס", בעט ער זיך; און איבער זיין קאָפּ פליען ארום זינגענדיקע שווארן פון פייגל. ער יאָגט זיי נישט, ער קארגט זיי קיין קערנדל נישט, גאָטס ברכה איז פאַר אַלע, און זיי פליען ארום אים און זינגען אים צו צו דער ארבעט... און די פייגל דערקענען באַלד, אז דו ביסט א פרעמדער, און באַגריסן דיך, און זינגען דיר א זמר — א גרוס פון דער היים... „געוועזן דאָרט" — הייסט עס — „געוועזן! אַלע, ברוך השם, געזונט!"

און ווו דו לייגסט דיין קאָפּ נישט אנידער, אויף גינגאָלדענעם, ווייכן מאָך, אויף גאָלער ערד, אויף א האַרטן, דאַכט זיך, שטיין, — שלאָפסטו אַלץ רואיק און געזונט איין... שמעקנדיקע לופטלעך שוועבן דיר ארום פּנים, רוימען דיר די שענסטע חלומות אין אויער אריין, און ווינטשן דיר: „שלאָף, גוטער מענטש, שלאָף — דאָ וועט דיר קיין בייז נישט געשען".

אין שטאָט איז אויך נישט ערגער.

די הייזער זענען אָפן, ווי די מענטשלעכע הערצער! דו גייסט דורך דער גאַס, און די, וואָס ארבעטן אין טירן און פענצטער, באַגלייטן דיך מיט גוטע אויגן, מיט האַרציקע ווערטער: „גיי", אָדער „קום געזונט", הייסט עס; און מען טיילט זיך מיט דיר מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן טראָפּן...

נאָר וואונדערלאַנד האָט אויך אַן עק, און שלמה דער זיבן און צוואַנ־ציקסטער און זיין טאָכטער, די בת־מלכה, זענען, פארקליידט אין שמאטע־קלויבער, שוין אריבער די גרענעץ...

אזוי האָט די טויב געהייסן... ווייט, ווייט פון לאַנד; אין דער פרעמד וועט זיי קיינער נישט דערקענען!

און זיי וואַנדערן ווייטער, און וואָס ווייטער פון דער גרענעץ, ווערט אַלץ די רייזע שווערער און לעסטיקער. אַנדערע שטעט, אַנדערע פעלדער און וועלדער, עס האָט זיך אַלץ איבערגעביטן; קלוגע און שלעכטע מענטשן וווינען אין די שטעט, און זיי האָבן זיך אַליין אין די הייזער ווי אין תפיסות פאַרשלאָסן, אויף שלעסער און ריגל פאַרמאַכט!

יעדער טויער איז באַוואַכט; ביי יעדן טויער קוקט מען דיך אָן מיט חשד, אויגן און מיילער פרעגן דיך: ווער ביסטו? וועמען האָסטו דאָ?

בפרט אויף מיסט-קלויבער קוקט מען בייז! יעדער רוקט זיך אָפּ, ער זאָל זיך נישט אָפּווישן אין שמוץ:

„ווייטער, ווייטער, מיסט איז הינטער דער שטאָט, דאָרט קלויבן אַלטע ווייבער די אַלטע שמאַטעס! אַהין;" — טרייבט מען זיי פון די שטעט.

און די אַלטע ווייבער הינטער דער שטאָט טרייבן זיי אויך אַוועק;

„אונדזער מיסט, — נישט פאַר פרעמדע געמאַכט; אונדזער חזקה! היימישע האָבן אויך קוים גענוג!"

און דער מלך מיט דער מלכּה וואַנדערן אַלץ ווייטער און ווייטער...

און דער האָלץ-העקער אין וואַלד קוקט אויף זיי מיט בייזע אויגן, און דער פויער אויפן פעלד ענטפערט אויף „גאָט העלף" מיט אַ מיאוסער קללה...

— פאַרוואָס, טאַטעשי, — פרעגט שולמית, — זענען זיי אַזוי בייז?

— ווייל זיי אַרבעטן שווער און אָן חשק. ביי דער אַרבעט אָן נשמה קאָן נישט געראָטן; וואַקסן דערנער צווישן די זאַנגען, און כל'עס בייז קומט אין די געדאַנקען אַריין! פאַרשאָלטענע מענטשן זענען זיי. פאַרשאָלטן אין זייער אַרבעט, פאַרשאָלטן דער וואַלד און דאָס פעלד... מיט חיות רעות איז פול דער וואַלד, מיט דערנער דאָס פעלד און מיט קללות דאָס האַרץ; זיי זענען אויך דערנער, ברענענדיקע דערנער!

און קיין פרייען פויגל אין דער לופט זעט מען נישט; מען שיסט צו זיי, צוליב דעם קלענסטן נוצן, און אויך גלאַט אַזוי פאַר שלעכטקייט, דאָס האַרץ אָפּצוקילן, אָדער אַ קונץ צו באַווייזן — אַנטלויפן זיי, די פייגל...

פליען זיי שטיל דורך אין פּאַרוואָלקנטע, שטומע נעכט, און קיין מענטש־לעך אויער האָט שוין לאַנג זייער געזאַנג נישט געהערט...

און אויך קיין בלומען זעט מען נישט... אויסגעריסן ווערן די בלו־מען; אויף זייער אָרט, ווערט עפּעס נוצלעכעס פאַרזייט.. און אַלע היימי־שע חיות און בהמות האָט מען אויסגעקוילעט און אויפגעגעסן...

און א מענטש אָן בלומען, פייגל און היימישע חיות קאָן קלוג זיין, אָבער נישט גוט... יעדער האָט נאָר ז י ך אין זינען. און ווער עס קאָן זיך אליין נישט העלפן און הייבט אָן פאַלן, פאַלט ער, און עס וועט אים קיינער קיין האַנט נישט אויסשטרעקן אונטערצוהאַלטן, קיין ביסן דער־לאַנגען, דאָס האַרץ צו דערקוויקן, קיין טראָפּן וואַסער, די ליפּן זאָלן נישט פאַרברענען!

און ווער עס פאַלט ארויס פון דער קאָלעע, פאַלט אנידער און שטאַרבט אין דער שטיל, אָדער הייבט זיך אויף, אַנדערע אויף זיין אָרט צו טייטן...

און פול זענען די טראַקטן מיט רוצחים און גזלנים, און פול מיט מיליטער און פּאָליציי, וואָס יאָגן זיי נאָך טריט ביי טריט...

און די לופט איז פול נישט מיט געזאַנג, נאָר מיט קללות און געשיסעריי...

און דאָ וואַנדערט דער מלך מיט דער בת־מלכּה אין שמאַטעס־קלויבער פאַרשטעלט; דאָס געלט, וואָס זיי האָבן געהאַט, איז זיי אויסגע־גאַנגען, צום אומגליק האָבן זיי נאָך פאַרבלאָנדזשעט, פרעגן זיי פון וואונדערלאַנד, לאַכט מען זיי אויס: עס איז אין ק יי ן געאָגראַפיע קיין „וואונדער־לאַנד" נישט באַצייכנט! אַלטע ווייבער פלעגן אמאָל פלוידערן פון וואונדערלאַנד, אַלטערטומס־פאָרשער האָבן אמאָל אַזוינע אַלטע קינ־דער־לידער געפונען, וואָס האָבן פון אויסגעטראַכטע וואונדערלאַנד געזונגען, נאָר היינט האָט מען דאָס אַלעס פאַרוועררט... דעם קלענסטן קינד טאָר מען היינט קיין שקרים נישט דערציילן; אמת גילט, ריינער, נאַקעטער אמת...

— משוגעים! — שאָקלט מען מיט די קעפּ.

וואָלטן זיי ה יי מ י ש ע געוועזן, וואָלט מען זיי אפשר אין דול־הויז פאַרמאַכט: פ ר ע מ ד ע היילן און שפּייזן וויל מען נישט, טרייבט מען זיי: ווייטער, משוגעים! ווייטער, ווייטער!

און פון אַנשטעל איז אַן אמת געוואָרן!

דער מלך מיט דער בת־מלכּה זענען אמתע שמאַטע־קלויבער געוואָרן...

כּל־זמן עס איז זומער געווען, האָבן זיי זיך נאָך אויף זייער מזל נישט באַקלאָגט... „די טויב ווייסט, וואָס זי האָט געהייסן. עס וועט זיך אַלץ אויסלאָזן צום גוטן", — טראַכט דער מלך שלמה, און שולמית טרייסט זיך מיט איר איינציקן געדאַנק: „מיין פאָטער וועט לעבן, לעבן! געלויבט איז גאָט, עס וויל קיינער אויף מיר נישט קוקן!"

מאַנכעס מאָל האָט זי דאָך געזיפצט. צי האָט זי אהיים געבענקט, צי קאָן זי, ווי דער פאָטער שמייכלט אויס איר מיט גוטן, דעם קונסט־שטיקער ביי דער גרענעץ נישט פאַרגעסן? נאָר עס האָט זיך נאָך לייכט געזיפצט...

אַנדערש איז אָבער געוואָרן ווינטער צייט.

אַ שווערער ווינטער, וואָס מען זעט גאָרנישט אין וואונדערלאַנד, האָט פאַרקאָוועט די ערד. פּלוצלינג איז ער אָנגעקומען, ווי אַ ווילדער רוצח באַפאַלן, און נאָך זיין ערשטן הויך איז געפאַלן אַ רעגן פון דער־פרוירענע פייגל...

און אַלץ איז שטאַר און געפרוירן...

און אויף שלמה דעם זיבן און צוואַנציקסטן איז אַ שווערערע שטראָף געקומען, ווי אויף זיין אור־אור־עלטער־זיידן...

אין צעריסענע קליידער וואַנדערט ער מיט שולמית זיין טאָכטער, פאַרהונגערט, דערפרוירן... אפשר וואָלט ער אויך שוין גערופן: „אני שלמה", נאָר ער ווייסט, אַז דאָ גלייבט מען נישט, נישט נאָר אין שלמהן, נאָר אפילו אין זיין מלוכה — אין וואונדער־לאַנד...

און „בעטלען" איז שטרענג פאַרבאָטן. אויף אַלע טירן און טויערן הענגען פאַרגילדעטע טעוועלעך: „בעטלען איז שטרענג פאַרבאָטן"... איינ־מאָל האָט דער אַלטער אויסגעשטרעקט די הענט, און אַ באַרמהאַרציקע דאַמע האָט אים נישט איבערגעגעבן דער פּאָליציי, און מיט רחמנות דער־לאַנגט — אַ ב ר אָ ש ו ר ע, ז יי ע ר אַ קלוגע; געהייסן האָט זי, די בראָשורע: „העלף דיר אַליין!"

און ער העלפט זיך ווי ער קאָן. ער בייגט זיך איבערן מיסט הינטער דער שטאָט, און גראַבלט מיט די פאַרשטאַרטע הענט. די אַלטע ביינער

קנאקן... א פרייע וועלט, נאָר אז מען איז מיסט־קלויבער, גלייבט מען עס!

און אנטקעגן שטייט די בת־מלכה... שוואכע זענען אירע הענט, פון פראָסט פלאצט איר די דינע הויט, דאָס גראָב־אייזן לעכערט איר דאָס פלייש...

זי גראָבט, און טראָפּן בלוט רינען פון דער פארוווּנדעטער האנט און ווערן צוגעפרוירן צום גראָב־אייזן . . .

דאָס האָט דער אלטער מלך קאלטבלוטיק צוזען נישט געקאָנט. ער האָט זיך צעוויינט.

— האָסט געזינדיקט, טאָכטער! — האָט ער אויסגערופן מיט ביטערקייט, — און דאָס איז אונדזער שטראָף...

— געזינדיקט? — שטאמלט שולמית.

— יאָ, טאָכטער... שטאָלץ ביסטו געווען אין הארץ, זייער שטאָלץ! האָסט געוואָלט זיכער זיין מיט דיין גליק, אין דער האנט האלטן . . . גאָט אָבער וויל נישט אזוי! גליק איז נישט קיין פייגעלע צו האלטן אין שטייג! ער וויל, א מענטש זאָל האָפן און גלויבן! מיט האלב־פארמאכטע אויגן זאָל יעדער נאָכגיין זיין שטערן, זיין מזל, אזוי וויל ער!

שטיל שווייגט שולמית, און שלמה זאָגט ווייטער:

— דאָס איז גאָטס שטראָף . . . מיר וועלן שוין דאָ בלייבן . . . מיר וועלן שוין גלויבשטיין און וווּנדערלאנד צוריק נישט זען!

שולמית רעכנט אויך, אז דאָ איז דער סוף פון אלעם.

„אצינד — טראכט זי — מעג איך אים אויסזאָגן אלץ, אלץ . . . זאָלן מיר כאָטש גיין פון דער וועלט אָן סודות איינער פארן צווייטן, מיט אָפענע הערצער! זאָל מיין פאָטער מיך אומזיסט נישט באשולדיקן!"

און זי פאלט־צו צום פאָטער און נעמט אים ארום און, קושנדיק, און האלדזנדיק, דערציילט זי אים אלץ...

נישט שטאָלץ איז זי געווען, נאָר פאר זיין לעבן האָט זי געפאָרכט...

דער קוקו האָט געזאָגט, די כישוף־מאכערן... ער וואָלט נאָר ביז צו איר חופה דערלעבט . . .

מיט קאלטע, געפלאצטע ליפּן קושט זי דער אלטער שלמה:

— שרעק נישט, אויב אזוי, — רופט ער אויס מיט פרייד, — וועט אונדז גאָט העלפן! וועט ער אונדז נישט פארלאָזן...

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך דערהערט א דעמפּיק געקלאנג פון

דער ערד און פונוויטנס האָבן זיך צווי רייטער באוויזן... אויף ווילדע פערד, וואָס זענען ווי אָדלער געפלויגן, מיט בלאַנקע שווערדן אין די הענט.

— דאָס זענען זיי, דאָס! — האָט איינער גערופן צום צווייטן, — און דאָ וועט זיין זייער עק!

— רוצחים! — האָט שלמה אויסגעשריגן מיט שרעק, און האָט אומזיסט געזוכט מיט די אויגן אַן אָרט, וווּ צו אַנטרינען, וווּ זיך צו באַהאַלטן — אַ פריי פעלד, אָן אַ הייל און אָן אַ בוים...

— זאָל אונדז בעסער די ערד איינשלינגען! — האָט ער אויסגערופן, — איידער זיי אין די הענט אריינצופאַלן!

אַכטעס קאַפּיטל.

אין אַ גוטער שעה. — אַ געהאָנגענעמס מויל. — וואָס די ערד וואַרפט אַרויס

ווען שלמה דער זיבן און צוואַנציקסטער און זיין טאָכטער, די בת־מלכה שולמית, זאָלן געווען, חס־ושלום, אומקומען פון גזלנישע הענט, וואָלט קיין מעשה נישט געווען, אָדער עס וואָלט געווען אַ שלעכטע מעשה, און שלעכטע מעשיות דערציילן נאָר שלעכטע, פאַרביטערטע מענטשן.

דעם ווונטש, „די ערד זאָל זיי בעסער איינשלינגען, איידער צו קומען אין גזלנישע הענט", האָט שלמה אויסגערופן אין דער רעכטער מינוט.

אין אַ גוטער שעה האָט זיך די ערד אונטער אים געשפּאָלטן, און ער מיט דער טאָכטער זענען אריינגעפאַלן; אַ רויטער, פלאַמענדיקער גלאַנץ האָט זיך אַרויסגעריסן, ווי אַ רויטער בליץ, ער איז פאַרשוווּנדן, און די ערד האָט זיי צוריק צוגעשלאָסן.

ביידע גזלנים זענען שטיין געבליבן פאַרבליפט.

אַז זיי זענען אַביסל צו זיך געקומען, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט פּראָסט.

— וואָס קאָן עס זיין? — פרעגט איין גזלן דעם צווייטן.

— איך וועל באַלד וויסן, — ענטפערט דער צווייטער. — איך טראָג שטענדיק מיט מיר מיין געהאָנגענעם טאַטנס מויל, — געהאָנגען האָט מען אים פאַר 14 גנבות אין איין וואָך, — און וואָס איך פרעג עס, ענטפערט עס מיר.

אזוי רעדנדיק, האָט ער ארויסגענומען דאָס מויל און האָט עס אנגעהויבן פרעגן.

— מויל, מויל! — מיין טאטנס, עליו השלום, דעם געהאַנגענעמס מויל! — וואָס איז דאָ אזוינס?

און דאָס מויל האָט געענטפערט מיט א דעמפיק קול, ווי פון ערגיץ אונטער דער ערד:

— א הייל פון א רייכן קאַרליק.

— און וואָס איז די פלאַם געווען?

— דער אָפגלאַנץ פון די בערג גאָלד, וואָס ער זאמלט אין דער הייל... אוצרות גאָלד האָט ער.

בייביידע גזלנים האָבן אויפגעפלאַקערט די אויגן פון תאווה צום גאָלד.

— זאָלן מיר איינרייסן די הייל? — פרעגט איינער דעם צווייטן.

— דאָס נישט! — ענטפערט דער צווייטער. — ערשטנס איז די ערד צו געפרוירן, מען זאָל זי קאָנען שפּאלטן, צווייטנס האָב איך פאַר א קאַרליק מורא, אַלע קאַרליקעס זענען כישוף-מאכער, און דריטנס — ווער עס וויל ארבעטן, ווערט קיין גזלן נישט.

— וואָס דען טוט מען?

עס בלייבט, זיי זאָלן דאָ וואַרטן, ביז די ערד וועט זיך נאָכאַמאָל שפּאלטן; וואָס עס האָט איין מאָל געטראָפן, קאָן נאָך אמאָל געשען.

און די גזלנים שמועסן זיך אָפּ, צו האלטן וואך, ביז עס וועט זיך עפּעס באווייזן.

דערווייל איז צוגעפאַלן דער אָוונט, און כדי נישט איינצושלאָפן און געפרוירן צו ווערן, באשליסן זיי זיך, דורכצורעדן די גאַנצע נאַכט.

נאַטירלעך רעדן גזלנים נישט פון מצוות און מעשים טובים.

פריער האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן דערציילט פון זיך אליין; געלויבט זייערע גבורות ביי רציחות, און חכמות ביי גנבהשע זאכן. דער־נאָך, אז עס האָט זיי איינענע גנבות און גזלות פאַרפעלט, האָבן זיי אָנגע־הויבן רעדן פון אַנדערע גזלנים. דאָס האָט אָבער אויך נישט געניגט אויף אַ לאַנגע ווינטער־נאַכט, און ענדלעך האָט איינער א הויכן גענעץ געטון און געפרעגט:

— טאָמער ווייסטו, ברודער, נאָך וואָס די קאַרליקעס זאַמלען גאָלד?

— איך ווייס, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — איך האָב שוין אַמאָל דעריבער מיין געהאָנגענעם טאַטנס מויל געפרעגט, און עס האָט מיר דערציילט.

— אַז...

— וואַרט, עס איז אַ לאַנגע מעשה.

זיי האָבן זיך אָנגעצונדן קורצע ליולקעלעך.

צוויי רויטע פונקטן האָבן זיך באַוויזן אין דער שטילער, ווייס־בליצנדיקער ווינטער־נאַכט.

און די שווערע קאַלטע לופט שניידט דורך דעם גזלנס קול:

— אַמאָל, — האָט מיר מיין געהאָנגענעם טאַטנס מויל דערציילט — זענען אויף דער וועלט צווייערליי מענטשן געווען. צווייערליי מינים מענטשן.

איין מין האָט געהאַט קליינע גופים און גרויסע נשמות — —

— די וואויל־לערנער, די בטלנישע מלמדים! — באַמערקט דער צווייטער מיט אַ קול פון בזיון.

— און דער צווייטער מין האָט געהאַט, פאַרקערט — קליינע נשמות, נאָר דערפאַר גרויסע, געזונטע גופים...

— פון זיי קומען מיר אַרויס — מאַכט יענער מיט פאַרגעניגן.

— האַק נישט איבער, עס איז אַ לאַנגע, לאַנגע מעשה..

— איך טו עס אַמישנע, איך זאָל נישט איינשלאָפן.

— וועסט נישט איינשלאָפן — הער!

— די צוויי מינים האָבן צווישן זיך נישט געלעבט בשלום...

— אַ פּשוטע זאַך!

— איין מין האָט זיך מיטן צווייטן קיינמאָל נישט משדך געווען; זיי האָבן ביי איין טיש נישט געגעסן, נישט געטרונקען, און אפילו צווישן זיך נישט געהאַנדלט...

— דאָס איז שוין נאַריש געווען! האַנדלען מעג מען מיטן גרעסטן שונא...

— ... זיי האָבן שטענדיק צווישן זיך מלחמות געפירט: אָן רחמנות, אָן פאַרדאָן, נאָר געקוילעט און געקוילעט! און עס איז אַזוי פיל בלוט פאַר־גאָסן געוואָרן, אַז אַלע טייכן און אַלע ימים זענען בלוטיק־רויט געווען... מען האָט זיך געשיפט איבער בלוט, מען האָט בלוט פון די ברונעמס

געטרונקען... און די ערד האָט שוין אַזויפיל בלוט נישט געקענט איינ־זאַפּן, און פון חיות־רעות, און פון ווילדע עופות אָפּגעפליישטע ביינער זענען אין בלוט אַרומגעשוואומען...

עס איז אפילו קיינער צו קבורה נישט געקומען... זעלטן אַ גרויסער מאַן, אַ מלך אפשר!

און דעמאָלט ערשט, אַז מען האָט שוין געקריגן פּחד פאַר אַ מבול פון בלוט, האָבן זיך ביידע צדדים מיישב געווען, — זיי וועלן האָבן אַ דין־תורה!

נישט דאָס שווערד, נאָר דער יושר זאָל זאָגן, ווער עס האָט רעכט...

נאָר ווער וועט זיי פּסקנען? פון הימל קומט קיינער נישט אַראָפּ, און דאָ אויף דער ערד קאָנען רעדן און פּסקנען נאָר מענטשן, און די מענטשן זיינען אַלע אין מחלוקת...

האָט מען זיך מיישב געווען, מען וועט אויסזוכן אַ מיטל־מענטש. דאָס הייסט אַ מענטש, וואָס איז מיטל אי מיטן גוף, אי מיט דער נשמה. ער איז נישט אינטערעסירט...

און מען האָט געמאַכט שטילשטאַנד אויף אַ צייט, און מען האָט אויסגעזוכט אַ מיטלמענטש: מען האָט אים אַרויפגעפירט אויף אַ הויכן באַרג, געזעצט אונטערן שאָטן פון אַן אַלטן, הייליקן בוים און געזאָגט צו אים: זיי אונדזער שופט!...

און מען האָט אים אויסגעשפּרייט אַ ווייס־זיידענע חופּה איבערן קאָפּ, געלייגט אונטער די פיס אַ סאַמעט־געשווירענעם דיוואַן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסן שופט, און געגעבן אים דריי טעג, אויסצוהערן די טענות און אַ ישוב צו האָבן!

און ביידע צדדים האָבן געשוואוירן דעם פּסק ערלעך צו האַלטן...

נאָר דאָס מיטל־מענטשעלע, וואָס איז טאַקע נישט געווען אינטערעסירט, איז געוואָרן אינטערעסירט — עס האָט זיך געלאָזט איבערקויפן!

— פון וועמען?

— פון אונדזערע זיידעס, פון די גרויסע גופים און קליינע נשמות; די גרויסע נשמות איז עס גאָר נישט איינגעפאַלן!

פאַר אַ פּאָר פעטע קי מיט צוויי קעלבלעך האָט דאָס מיטל־מענטשעלע אַרויסגעגעבן אַ פיינעם פּסק:

— ביידע מינים מענטשן, זאָגט ער, מוזן זיך צעטיילן מיט דער ערד... העלפט אויף העלפט! נאָר —

די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות זאָלן וווינען א ו י ף דער ערד, און די גרויסע נשמות מיט די קליינע גופים — א ו נ ט ע ר דער ערד!

— אהא! אַ פיינער פּסק! און דאָס זענען די קאַרליקעס!...

— אוודאי!

— און וואָס טויג זיי גאָלד אונטער דער ערד?

די גזלנים האָבן גענומען צו ביסלעך בראָנפן, און דער, וואָס האָט אַלץ געוווּסט פון געהאַנגענעם פאַטערס מויל, האָט ווייטער אזוי דערציילט:

— די זאַך איז אזוי:

מיט דער צייט האָבן די גרויסע גופים מיט די קליינע נשמות אויפגעהערט זיך צו באַגנוגענען מיט שטח פון א י ב ע ר דער ערד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אין איר איינצוגראָבן, וואָס אמאָל טיפער, טיפער. אייזן זוכט מען, קופער, גאָלד און זילבער...

און די קאַרליקעס — זאָגט מיין געהאַנגענער טאַטע — זענען עס געוואָר געוואָרן, זאַמלען ז י י אוצרות! זיי טראַכטן אזוי:

וועט זיין מלחמה — פאַרפאַלן; וועט מען זען, ווער שטאַרקער איז; צי דער גוף מיט זיין כוח, צי די נשמה מיט אירע ה מ צ א ו ת, און וועט קומען צו אַ דין־תורה, וועלן זיי שוין דעם שופט אָפּגילטן!

— עס גלויבט זיך נישט, — ענטפערט דער צווייטער גזלן. עס איז צו קלוג פאַר די בטלנים מיט די גרויסע נשמות.

— קאָן זיין, — ענטפערט דער ערשטער. — מיין טאַטן איז, ברוך השם, ביים לעבן כמעט קיין וואָר וואָרט פון מויל נישט אַרויס.

— נאָר עס קאָן זיין פשוט, — רופט זיך אָן דער צווייטער — זיי זאַמלען אפשר אַלץ וואָס גלאַנצט — גאָלד, בריליאַנטן, אַלע טייערע שטיינער, ווייל עס איז זיי פינצטער אין די היילן! זיי בענקען צו דער זון, צום ליכט, וואָס זיי האָבן דורך דעם א י ב ע ר ג ע ק ו י פ ט ן מ י ט ל ־ מ ע נ ט ש פאַרשפּילט, און זאַמלען ל י כ ט י ק ע ־ ר ע מעטאַלן... ווייס איך?!

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך די ערד ווידער געשפּאָלטן, אַרויס־

געוואָרפן פון זיך די אָרימע קליידער, וואָס שלמה מיט דער בת־מלכה האָבן געטראָגן, און האָט זיך צוריק פאַרמאַכט...

— כאָטש דאָס! — האָבן די גזלנים אויסגעשריגן מיט פרייד; און, מיטן טאָג־צו גלייך, געזאָטלט די פערד צוריקצורייטן קיין גלויבשטיין.

זיי וועלן זאָגן, אַז זיי האָבן זייערס געטון, ביידע געהרגעט. אַ וואָרט־צייכן האָבן זיי: די מלבושים!...

און בלאָנדזשען וועלן זיי נישט! ווו די וועגן שיידן זיך שטעלט מען זיך אָפּ, און מען פרעגט דעם געהאָנגענעם טאַטנס מויל!

נײַנטעס קאַפּיטל.

אין דער הייל. — די ווייסע טויב. — דער שוואַרצער אָדלער. — צוריק בגדי מלכות. — דער קאַרליק אליין פֿאַרגעשטעלט. — דער קאַרליק גרייט צום טיש און דערציילט, ווער ער איז.

אַז די הייל האָט זיך פאַרשלאָסן איבער שלמה המלך און זיין טאָכ־טער, די בת־מלכה, זענען זיי ביידע געבליבן פאַרבליפט און פאַרבלענדט, נישט ווייניקער ווי די גזלנים אין דער הייך.

אינעם רויטן, גאָלדענעם ליכט, וואָס פלאַמט פון אַלע ווענט פון דער הייל און אַלע אירע נישן, צוקן און שלענגלען זיך ווייסע בליצנ־דיקע שטראַלן — דאָס קומט פון די אַלערליי טייערע שטיינער, מיט וועלכע דאָס גאָלד, וואָס ליגט אַרום די ווענט, איז דורכגעזייעט.

און שלמה און שולמית שטייען פאַרבליפט, און באַמערקן אפילו נישט זייערע אַלטע באַקאַנטע — די ווייסע טויב, וואָס איז אָנגעפלויגן און פליט איבער זיי, מיט אַ פריילעך וואָרקען, איבער די קעפּ.

נידעריקער לאָזט זיך אַראָפּ די טויב, פליט זיי פאַר די אויגן און זאָגט מיט אַ מענטשלעכער שטימע:

— שרעקט אייך נישט! איר האָט — זאָגט זי — מיין עצה גע־פאָלגט, און עס וועט אייך אויסגיין צום גוטן.

— דערווייל — זאָגט זי ווייטער, זעענדיק, אַז שלמה און שולמית קאָנען נאָך פאַר פאַרוווּנדערונג נישט ענטפערן, — דערווייל זענט איר אין דער הייל ביים קאַרליק געשיצט; אין קורצן וועט איר אויסגעלייזט ווערן און גליקלעך זיין.

שלמה שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, און די בת־מלכה כאַפּט זיך ארויס מיט א זיפץ:

— ניין, גוטע, ווייסע טויב! פאר מיר איז שוין קיין גליק נישט פאַראַן!

— האָף און גלייב! — ענטפערט די טויב. — אין א קליין פענצ־טערל ביי דער גרענעץ פון וואונדערלאנד שפינט און וועבט זיך דיין גליק.

— ניין, ניין! — האָט שולמית אויסגעשריגן.

— האָף און גלייב! — זאָגט ווייטער די טויב. — דורך דיין גליק וועט אויף שלמה דעם זיבן און צוואַנציקסטנס גראָען קאָפּ קיין איינציקע האָר נישט געקרומט ווערן!

— צי איז מעגלעך? . . . דער קוקו . . . די כישוף־מאַכערן . . . אַלע האָבן געזאָגט . . . — שטאַמלט שולמית.

— איך בין דער קוקו, איך בין די טויב, איך בין די כישוף־מאַכערן, און איך זאָג עס דיר!

און אזוי רעדנדיק, איז פון דער טויב געוואָרן א קוקו, פון קוקו — צוריק א טויב, פון דער טויב — די כישוף־מאַכערן, וועלכע מיר קענען פון וואַלד הינטער גלויבשטיין, און פון דער כישוף־מאַכערן איז נאָך אַמאָל צוריק א ווייסע טויב געוואָרן.

— גאָטס וואונדער! — שרייט אויס שולמית דערפרייט...

— צי איז עס כישוף, אָדער גאָטס האַנט? — פרעגט שלמה.

— כישוף איז אויך א גאָט־זאַך! — ענטפערט מיט א שמייכל די טויב. — נאָר אַצינד האָבן מיר קיין צייט נישט דערפון צו רעדן, באַלד וועט אָנקומען דער קאַרליק, און איר מוזט אייך פריער איבערטון.

שלמה און שולמית בלייבן ווייטער פאַרוואונדערט: ווו וועלן זיי נעמען זיך איבערצוטון? זיי קוקן זיך אום און זעען אין ערגעץ קיין צייכן נישט פון קיין קליידער. נאָר אין דער זעלביקער סעקונדע איז געקומען אָנצופליען אין דער הייל אריין א שוואַרצער, ברייט־ און ־גרויס־פלי־גלדיקער אָדלער, און ער האָט זיי געוואָרפן צו די פיס א גרויס, היפש בינטל. אַראָפּפאַלנדיק האָט זיך דאָס בינטל אליין געעפנט, און שלמה און שולמית זענען נאָך מער פאַרגאַפט געבליבן: זיי האָבן דערקענט די קליידער, די בגדי מלכות, וואָס זיי האָבן פאַרן פאַרשטעלן זיך אין שמאַטע־קלויבער, איבערגעלאָזט אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ!

— איילט! װאָרנט די טויב, — װײַל איך הער שוין דעם קאַר־ליקס טריט. זאָל ער אײַך שוין אין אײַערע אייגענע קליידער געפינען... איך פלי נאָך עסן פאַר אײַך.

די ווייסע טויב איז ארויסגעפלויגן פון הייל, און אינעם אריינגאנג צו א נישע האָט זיך באוויזן דער קארליק.

קליין, שרעקלעך קליין איז ער געווען, נאָר גרויס איז געווען זיין לאנגע, זילבערנע באָרד; אירע שפּיצן האָט ער געמוזט האלטן פאר זיך אין דער האנט, זיי זאָלן אים נישט פאלן אונטער די טריט.

גרויס זענען אויך געווען זיינע צוויי בלאָע, טיפע אויגן, מיט וועלכע ער האָט אויף שלמה און שולמית געקוקט.

— ברוך הבא! — באגריסט ער זיי מיט א זיסער שטימע, ברוך הבא, שלמה דער זיבן און צוואנציקסטער, דער מלך פון וואונדערלאנד, אין וועלכן משיח שלאָפט און וועט אין קורצן אויפוואכן און אויסלייזן די וועלט... ברוך הבאה, שולמית! איבער איר קאָפּ, זע איך, צינדט זיך אָן א גאָלדענער שטערן — עס הייבט אָן לייכטן איר גליק!

און ער גיט א פּאטש מיט די קליינע הענט, נישט ארויסלאָזנדיק פון זיי די שפּיצן פון דער באָרד, און פון דער לופט לאָזן זיך אראָפּ דריי גאָלדענע שטולן.

ער בעט זיי זיצן, און אלע דריי זעצן זיך.

ער גיט נאָך א פּאטש מיט די הענט, און עס באווייזן זיך פיר לייבן; זיי גייען לאנגזאם און טראָגן אויף די קעפּ אן אָניקסינעם בלאט פון א טיש מיט פארצירונג פון פּערלמוטער באשלאָגן, מיט קריסטאָלן געשיר באשטעלט. די לייבן שטעלן זיך אינמיטן דער הייל, צווישן די דריי גאָלדענע שטולן.

שלאָפט איין! — קאָמאנדירט דער קארליק צו די לייבן, — און זיי זעצן זיך אויף די הינטערשטע פיס, ציען איין די צונגען, פארמאכן די אויגן און בלייבן פארשטארט ווי לייבן אויס קופּער אָדער בראָנדז.

און דער קארליק ווענדט זיך צו שלמה און שולמית.

— דער טיש — זאָגט ער — איז גרייט געדעקט, נאָר דאָס עסן מוז מען ברענגען פון דער הייך, פון אויבן, מיר האָבן דאָ קיין שוחטים נישט. און איידער דאָס עסן וועט קומען, וועל איך אייך באקענען. —

כדי איר זאָלט קענען אויסגעלייזט ווערן, און אנדערע מיט אייך, מוזט איר צו מיר האָבן צוטרוי. מוזט איר מיר גלייבן...

— איך גלייב! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון שולמית׳ס האַרץ.

— עס שיינט שוין איבער דיר דער גליקלעכער שטערן, דו האָסט שוין זיינע שטראַלן אין האַרץ, נאָר קענען מוזט איר מיך נענטער... מיר האָבן אַ סך בשותפות צו טון!

— דערציייל, — זאָגט שלמה. — איך ווייס דיך אפילו נישט ווי אַזוי צו רופן.

— ווי איר זעט, — הייבט אָן דער קאַרליק צו דערציילן, — לעב איך אין אַ הייל, ווי אַלע קאַרליקעס, קלויב גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, גלייך מיט זיי, מיטן אויסזען בין איך געווים אַ קאַרליק, און דאָך בין איך פון קיין קאַרליק נישט געבוירן... איך בין אַמאָל אַן איינפאַכער מענטש געווען, איבער דער ערד געלעבט, ווייב און קינדער געהאַט... וויפל? — געדענק איך נישט...

— שוין אַזוי לאַנג? — פרעגט שלמה פאַרוואונדערט.

— אַ יאָר זעקס הונדערט! — ענטפערט דער קאַרליק.

— געוועזן — דערציילט ער ווייטער — איז עס אין באַגדאַד... און אַ קליין מענטשל בין איך געווען: אַ שמש, אַן אָרימער שמש, אין אַן אָרימער שיל, אין אַן אָרימער הינטערגאַס.

און אין דער אייגענער שטאָט באַגדאַד האָט געלעבט אַ ייִד אַ גביר, אַ תקיף, אַ קרוב למלכות און אַ כהן, וואָס האָט אַן אויג געוואָרפן אויף אַ גרושה, און געוואָלט, אַז דווקא דער רב הכולל, וואָס איז דעמאָלט געווען, זאָל אים געבן חופה וקדושין, און אַז דער רב האָט נישט געוואָלט, האָט ער אים פאַלש געמסרט, און דאָס מלכות האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטאָט, פון לאַנד, און דער גביר האָט געלאָזט אויסרופן, אַז וועלכער למדן עס וועט זיך געפינען אַ היתר און געבן אים חופה וקדושין, דעם וועט ער מאַכן מיט זיין תקיפות פאַר רב הכולל אין באַגדאַד! די באַלעבאַטים האָבן געשוויגן; אַלע האָבן מורא געהאַט פאַרן גביר.

קיין איינציקער רב פון גאַנצן לאַנד האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ חטא; קיין איינציקער דיין האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט עס צו טון. ער האָט זיך געווענדט צו למדנים, צו מלמדים — קיינער איז נישט באַשטאַנען. ער איז אַראָפּגעפאַלן צו שמשים פון שילן

און בתי־מדרשים, נאָר קיין איינציקער שמש, וואָס האָט ווי עס איז נאָר פרנסה געהאט, האָט זיין נשמה נישט געוואָלט פארקויפן, — ביז ער איז אָנגעקומען צו מיר!

און ביי מיר האָט ער געטראָפן.

איך בין ז י י ע ר אָרים געווען; א קראנק ווייב און קרענקלעכע קינדער געהאט...

און דאָס קראנקע ווייב מיינס האָט מיך צוגערעדט, פון וועג אראָפּגעפירט, און א פאלשן היתר האָב איך מיר געפונען: מען האָט אויף דעם גבירס מוטער גערעדט, סוף כל סוף איז ער קיין זיכערער כהן נישט געווען... און איך האָב געגעבן חופה וקדושין, און ביים גביר אין טאַש איז שוין געלעגן א כתב־רבנות פאר מיר... א כתב־רבנות געחתמעט פון אלע באלעבאטים, וואָס זענען אָפּהענגיק פון גביר...

עס איז א גאָלד־געשטיקטע חופה געווען, און ארום האָבן הונדערטער הבדלות געלייכט, שטאַרקאַצן געפלאַמט... און געבליצט האָבן ארום און ארום די רייכע גבירישע קליידער, מיט גאָלד באנייטע, מיט טייערע שטיינער באהאָנגענע... עס האָט געבלענדט!

א ו נ ט ן איז ליכטיק געווען, ז י י ע ר ליכטיק; אָבער אויבן — אויפן הימל איז געווען פינצטער... א פינצטערער הימל, אָן לבנה, אָן שטערן... און פון פינצטערן הימל איז פלוצלינג אראָפּ גאַנץ פייערדיקער צאָרן... עס האָט אָנגעהויבן שטורעמען, עס איז מיטאמאָל א ווילדער שלאַקס־רעגן געפאלן, איין דונער האָט געיאָגט דעם צווייטן, ווי ברענענדיקע שלאנגען זענען בליצן געפלויגן — הימל און ערד האָבן געציטערט!

און פלוצלינג האָט זיך פון די אונטערפירערס הענט די חופה אויסגעריסן און האָט זיך אויפגעהויבן ווי א שירעם אויפן זווינט... מיט שרעקלעכע געשרייען זענען זיך די געסט צעלאָפן, נאָכגעיאָגט פון דונער, געפּאַטשט פון דעם גאָס־רעגן!

מיך איינעם האָט א דונער געטראָפן...

און אויף יענער וועלט האָט מען אזא פסק ארויסגעגעבן:

ווייל איך האָב געוואָלט זיין גרויס, אזוי גרויס, — זאָל איך ווערן קלענער ווי קליין, מגולגל ווערן אין א גוף פון א קאַרליק און לעבן, גלייך מיט זיי, אונטער דער ערד...

און ווייל איך האָב געוואָלט רייך ווערן, גאָלד און זילבער האָבן, זאָל איך הונדערטער יאָרן זאמלען גאָלד, זילבער און טייערע שטיינער, נישט פאר זיך, נאָר פאר דעם אָדער פאר דער, וואָס וועט עס ווערט זיין.

דערביי האָט ער זיין בליק געוואָרפן אויף שולמית.

זי האָט עס אָבער נישט באמערקט.

— שרעקלעך! — האָט זי אויסגערופן פול מיט רחמנות.

— גאָטס גענאָד איז דאָך גרויס! — ענטפערט דער קארליק — איך וועל אויסגעלייזט ווערן גלייך מיט אייך... און דאָס זועט אזוי זיין.

נאָר עס האָט זיך איבערגעהאקט.

א שטיל רוישן האָט זיך דערהערט אין דער הייל.

— די טויב קומט, — זאָגט דער קארליק. — די רעשט וועלן מיר איבערשמועסן נאָכן עסן.

צענטעס קאפיטל.

דאָס קארגע פרישטיק. — ווער איז די טויב? — ווי אזוי מלאכים הערן קרעכצן. — עס בלאָזט אויף טאָג. — קיין גלויבשטיין!...

עס איז טאקע די טויב געווען, און א קארג פרישטיק האָט זי געבראכט: אינגאנצן א טעפל רייז!

— פון פאלאץ? — וואונדערט זיך דער קארליק, — פון פאלאץ אזא קארג פרישטיק?

— פאר מיר איז גענוג, — פאלט שלמה אין די רייד אריין, — איך עס שוין לאנג נישט קיין דבר מן החי...

— און שולמיתן — מאכט די טויב — וועט דאָס פרישטיק זיכער שמעקן, אז זי וועט הערן, פון וואנען עס קומט...

דאָס ערשטע מאָל אפשר האָט מען פון קריסטאָלענע טעלער, זיצנדיק אויף גאָלדענע שטולן, אזוי קנאפ און אָרים געגעסן.

און די טויב דערציילט, ווו זי האָט דאָס פרישטיק גענומען:

— איך בין — זאָגט זי — אין פאלאץ נישט געווען! זייט יואב פירט דאָס רעדל, איז דאָרט נישט גלאט כשר! איך בין אפילו אין גלויבשטיין נישט געווען... דאָרט איז שוין אויך נישט ווי עס דארף צו זיין.

של̇עכטע מנהגים פאַרשפּרייטן זיך פון אויבן! ביי דער גרענעץ פון וווּנ־דערלאַנד האָב איך די רייז באַקומען...

ביי דער גרענעץ איז פאַראַן אַ שטעטל אַ רוּאיקס, אַ קליינס, און דאָרט, אין אַ קליין פענצטערל, זיצט אַ קינסטלער — אַ שטיקער!

— איך האָב'ן באַמערקט, — מאַכט שלמה, און שולמית שווייגט און רייטלט זיך.

— ווי שיין ער אַרבעט, דער יונגערמאַן!... ווי שיין איז דאָס בילד, וואָס ער ענדיקט! און מיט וואָס פאַר אַן אויגן קוקט ער אויף דעם בילד, וואָס ער ענדיקט אויפן סאַמעט! דו קענסט אים, שולמית! טיף האָסטו אים געמוזט אַריינקוקן אין האַרץ, אַז ער שטיקט דיין בילד אויסן קאָפּ!

שולמית לאָזט אַראָפּ די אויגן.

— נאָר בלאַס איז ער, דער יונגערמאַן; די שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן זענען פאַרשלייערט און פייכט... קראַנק מוז ער זיין...

— קראַנק? — רופט שולמית אויס דערשראָקן.

— אַזוי זעט ער אויס! אַן אַלטע פרוי איז ביי אים געשטאַנען, גע־גלעט אים די האָר, געבעטן, ער זאָל עסן — אָט פון דעם טעפּל רייז, וואָס זי האָט פאַר אים געשטעלט — און ער פרעגט זי: נאָך וואָס? זי זאָגט אים, אַז אָן עסן קען מען נישט לעבן, און ער ענטפערט איר, אַז ער האָט נישט נאָך וואָס צו לעבן... אַז די, פאַר וועלכע ער וואָלט געקאָנט לעבן, האָט זיך אים איינמאָל באַוויזן און איז פאַרשוווּנדן גע־וואָרן, ווי אַ חלום... ער האָט זי געזוכט, זאָגט ער, אין טאָלן און אויף בערג, ער האָט זי געזוכט אין דערפער און אין שטעט, און געפינט זי נישט.

די טויב בלייבט שטיל, און קוקט מיט פאַרגעניגן, ווי שולמית ענ־דערט די פאַרב פון פנים, ווי איר יונגע ברוסט וואַלט אויף און אָפּ; מיט אַמאָל ענדיקט זי:

— און דעמאָלט, אַז ער האָט זיך אַזוי אויסגעוויינט פאַר דער אַל־טער פרוי דאָס האַרץ, בין איך צוגעפלויגן, און האָב ביי אים דאָס טעפּל רייז געקויפט.

— געקויפט? — שפּרינגט אויף שולמית מיט בליצנדיקע אויגן.

— געוויס! — ענטפערט לאַכנדיק די טויב. — און איך האָב אים טייער באַצאָלט פאַר די רייז: איך האָב אים געזאָגט, וווּ ער קאָן די, וואָס ער זוכט, געפינען!

— דאַ אהער וועט ער קומען? — פרעגט שולמית.

— אָ, ניין! איך האָב אים אזוי געזאָגט:

אין עטלעכע טעג ארום — האָב איך אים געזאָגט — וועט ער הערן, אז יואָב, דער שלעכטער, פאלשער יואָב, וואָס האָט זיך צוגעגזלט די מלוכה, וויל חתונה האָבן...

א סעודה וועט ער, דער יואָב מאכן, ווי אחשורוש אין זיין צייט.

אָן א צאָל עופות וועט מען שעכטן, וועלדער חיות וועט מען קוי־לען, אָקסן וועט מען אויסשפאנען פון די פלוגעס און פירן צו דער שחיטה,ביים אָרימאַן וועט מען צונעמען דאָס לעצטע שעפעלע און צו־באַרייטן צו דער סעודה... און וויין און אַלערליי משקות וועלן זיך גיסן ווי וואסער...

און פון מזרח און מערב וועלן זיך צוזאמענקומען שפּילער, זינגער און טענצער, קונצנמאכער און מארשאַליקעס...

און פון גאנץ וואנדערלאנד וועלן פארבעטן ווערן מיידלעך די שענסטע, און וועלכע יואָב וועט וועלן, די (אזוי מיינט ער) וועט זיין זיין ווייב, די מלכה פון גאנץ וואנדערלאנד!

און אז ער וועט דאָס הערן, — אזוי האָב איך אים געזאָגט — זאָל ער צושטיין צו א חברה זינגער אָדער שפּילער, — זינגען און שפּילן קאָן ער, דאָס זעט מען אין די אויגן, אין יעדער תנועה זעט מען עס אָן, — און זאָל קומען אויף דער חתונה...

— קום, שולמית! — ענדיקט די טויב, — די רעשט וועל איך דיר אויפן אויער דערציילן.

שולמית מיט דער טויב זענען אַרוים אין א זייטיקע הייל אריין.

— מעג איך — פרעגט שלמה ביים קאַרליק — פרעגן, ווער די טויב איז?

— איך זועל דיר גערן זאָגן:

זי איז אויך אמאָל א מענטש געווען, און א שיין מיידל געוועזן, דערנאָך א יונג ווייבל...

בלינד איז די ליבע, און זי האָט איר יונגן מאַנס פעלער נישט גע־זען, — עס איז שווער צו דערקענען, פונקט ווי דעם קעניג איז שווער צו דערקענען, ווער עס איז אים געטריי און ווער עס חנפעט אים...

און אז עס איז א קינד, א מיידעלע, געבאָרן געוואָרן, האָט ער שוין אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, פארשווענדט, עס איז נישט געווען

קיין ווארים וואסער פאר דער קימפעטאָרין, קיין שטיקל לייוונט, מיט וואָס דאָס קינד צוצודעקן... דעמאָלט האָט זיי פּלוצלינג אויפגעשיינט דאָס גליק: מען האָט פאר א בת־מלכּה אן אם געזוכט, און זי האָט מען אלם די שענסטע און בעסטע געפונען...

מיט הארצווייטיק האָט זי איבערגעלאָזט איר אייגן קינד אָן א וויג, און איז געגאנגען אין פּאלאץ ארײן אויסזייגן דעם לאנד א בת־מלכּה...

דאָס געהאלט און אלע מתנות האָט זי דעם מאן געשיקט...

און דאָך, אז זי איז, נאָך עטלעכע וואָכן, געקומען זען איר קינד, האָט זי עס געפונען אָפּגעשוואכט און כמעט פארהונגערט...

און דעמאָלט איז איר געקומען א שלעכטער געדאנק אין קאָפּ ארײן . . . זי וועט איבערטוישן די קינדער! נישט אויף לאנג, — זי וועט דערנאָך צוריקטוישן, זאָל נאָר דאָס קראנקע קינד צו זיך קומען!

נאָר צוריקטוישן האָט זי שוין נישט געקאָנט...

איבער דער צייט האָבן ביידע קינדער הערעלעך באקומען...

איר אייגן קינד אין דער קעניגלעכער וויג האָט באקומען גאָלדע־נע, בליצנדיקע האָר, די אמתע בת־מלכּה — ווייסע האָר, ווי פלאקס!

— ווען איז דאָס געווען, ווו? — פרעגט שלמה דערשראָקן.

— אין וואונדערלאנד, — ענטפערט דער קאַרליק — אין גלויבשטיין איז עס געשען, און שולמית און דבורה זענען די פארטוישטע קינדער.

שלמה האָט אראָפּגעלאָזט דעם גראָען קאָפּ אונטער שווערע גע־דאנקען...

— און זי האָט מורא געהאט אויסצוזאָגן? — פרעגט ער. — צי האָט זי נישט געוווסט, אז פארן אמת וועל איך מוחל זיין?

— זי האָט נישט געקאָנט! דערווייל איז יואב גרוים געוואָרן... און אין ווייבס זכות האָט מען אים ארײנגעלאָזט אין פּאלאץ, מען האָט אים רייך באשענקט, און ער האָט דעם קעניג געדאנקט! מער האָט ער נישט געדארפט... ער האָט אים ארומגעשטריקט מיט חניפה, ארײנ־געגנבעט זיך צו אים אין הארץ און איז מיט יעדן טאָג גרעסער געוואָרן...

אז דאָס ווייב האָט געענדיקט איר דינסט, האָט ער זי אין א קע־לער פארשלאָסן... דאָרט איז זי געשטאָרבן. זי האָט געשרינן, גערופן, נאָר הינטער די דיקע מויערן איז איר קול פארשטיקט געוואָרן!

— איך בין ווערט געווען דאָס גלות! — רופט זיך אָן שלמה, — איך האָב שווער געזינדיקט! — נישט איינמאָל, שפּאצירנדיק ביינאכט

ארום פּאַלאַץ, האָב איך קרעכצן געהערט, האָב איך מיר שטאַלץ געטראַכט: אין מיין פּאַלאַץ וועט קיינער נישט קרעכצן, עס מוז זיין דער ווינט, וואָס רייסט זיך פון די קעלערן ארויס...

— דאָס איז עס! שארף זענען די מלכים־אויערן פאַר יעדער חניפה, און שווער פאַר אָרימע קרעכצן... אַלץ איז דער ווינט!

— נאָר — טרייסט אים דער קאַרליק — דיין גלות ענדיקט זיך, דו וועסט אויסגעלייזט ווערן... נאָר דאָס מוז בלייבן בסוד — שולמית בלייבט בת־מלכה!

— און מיין טאָכטער, דבורה?!

— וועט גליקלעכער זיין — אַלע אוצרות פון דער הייל וועלן איר געהערן!

זי וועט רייכער זיין פאַר אַלע מלכים, פאַר אַלע קיסרים. נאָר זי וועט וויסן, ווי אַזוי די אוצרות צו באַנוצן...

אין דער זעלביקער רגע האָט זיך געהערט בלאָזן ווי פון א טראָמפּייט. דער קאַרליק איז אויפגעשטאַנען:

— עס הייבט זיך אָן! — זאָגט ער — אונדזער אויסלייזונג הייבט זיך אָן, דאָס בלאָזט מיין מומע אין גלויבשטיינער וואַלד... דאָס איז דער צייכן, אַז עס ווערט טאָג, אונדזער ריינער, העלער טאָג!

אין דער זעלביקער רגע זענען צוריק אריין שולמית און די טויב. און צום קאַרליק זאָגט פרייליך די טויב:

— שולמית גלייבט! איך האָב איר נאָכאַמאָל אין מ יי ן נאָמען און אין ז יי ן נאָמען געשוואָרן, אַז זי וועט גליקליך זיין, און שלמה דעם זיבן און צוואַנציקסטן וועט קיין איינציקע האָר אויפן קאָפּ זיך נישט קרומען. און זי געטרויט מיר איר געשטאַלט...

— געדאַנקט איז גאָט! — האָט אויסגערופן דער קאַרליק. — דער אָדלער וואַרט פאַר דער הייל!

אין דער רגע האָט זיך שולמית מיט דער טויב פאַרביטן! די טויב אין געשטאַלט פון שולמית איז ארויס פון דער הייל, און שולמית אין געשטאַלט פון א טויב איז ארויסגעפלויגן און האָט זיך געשטעלט אויף שלמהס אַקסל.

און דער קאַרליק האָט א פּאַטש געגעבן מיט דער האַנט, און די הייל האָט זיך געעפנט, און שלמה זעט, ווי אן אומגעהייער שטאַרקער אָדלער טראָגט די טויב, אין געשטאַלט פון שולמית, אין דער לופט.

— קיין גלויבשטיין — זאָגט דער קאַרליק — פליט זי, מיר וועלן נאָכקומען, אונדזערע אָדלער וואַרטן אויך...

און די הייל האָט זיך צוריק פאַרשלאָסן.

עלפטעס קאַפּיטל.

דער שטראַל. — דער כישוף־מאַכעריגס ברכה. — דבורהס חלום.

אַ בלאַסער, סוף־ווינטערדיקער פרימאָרגן האָט זיך אַריינגעלאָזט דורך אַ שפּאַרע אין דער הייל פון גלויבשטיינער וואַלד, און האָט, גלעטנדיק זי איבערן פּנים, די כישוף־מאַכערן געוועקט.

דער שטראַל, וואָס דער פרימאָרגן האָט געלאָזט אין דער הייל, איז דער אַלטער עפּעס אויסטערליש געפעלן, גלייך ער האָט איר פון הימל אַ גוטע בשורה געבראַכט.

זי האָט אַ פריילעכן וואָרף געטון מיטן אַלטן קאָפּ, אַ פאַליע זילבערנע האָר האָט זיך צעטיילט אויף ביידע אַקסל און עס האָט זיך באַוויזן אַ שמייכלענדיק פּנים מיט גלאַנצנדיקע אויגן.

עס ציטערן איר די ליפּן, דאָס זאָגט זי „מודה־אני". דערנאָך גיסט זי זיך אָפּ די נעגל, און הייבט די אויגן אין דער הייך, און זאָגט מיט אַ ציטעריק שטיל קול:

— איך דאַנק דיר און לויב דיר, שעפער פון דער וועלט, פאַרן פרימאָרגן, פאַר דעם גאָלדענעם שטראַל, פאַר די בשורה טובה, וואָס ער האָט מיר געבראַכט, פאַר דער אויסלייזעניש, וואָס הייבט זיך אָן פאַר מיר און מיינס גלייכן...

איך בין שוין מיד געוואָרן, רבונו של עולם, איך האָב שוין אָנגעהויבן בענקען אין מיין רו אַריין... אַ קראָ וויל אַזוי לאַנג נישט לעבן.

דערנאָך האָט זי געוואָרפן אַ שטאַרקן בליק אויף די פאַרהענגלעך, הינטער וועלכע עס איז געשלאָפן דער פאַרכישופטער יונגערמאַן.

— געלויבט איז גאָט, געהייכט זאָל זיין זיין ליבער נאָמען! לייכט איז שוין זיין שלאָף, שטאַרקער דער אָטעם, — די פאַרהענגלעך רירן זיך! מען קאָן אים שוין וועקן.

אַצינד האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר געלעגער און איז איבערגעגאַנגען אין דער צווייטער זייט הייל צו דבורהס בעט. זי לייגט איר די האַנט אויפן שטערן, וועקט זי מיט אַ קוש.

— אַ פרישער גוטמאָרגן אויף דיר, טאָכטער!

דבורה וועקט זיך האלב דערשראָקן און קוקט זיך ארום פאַר־וווּנדערט.

— פון וואנען קומסטו, טאָכטער? ווו האָט דיך דער מלאך פון חלומות ארומגעפירט?

דבורה נעמט ארום דער אלטערס האלדז און זאָגט:

— א שרעקלעכער, א ווונדערלעכער חלום!

— קאָנסטו אים דערציילן?...

— געוויס, מומעשי, איך האָב קיין סודות נישט פאר דיר!

די אלטע האָט זיך געזעצט אויפן ראנד פון דבורהס בעט, און דבורה דערציילט:

— איך בין געזעסן — דערציילט זי — ערגעץ אין דער פרעמד, אין א ווילד־פרעמדער שטאָט, אין אן אָפגעלעגענער ענגער גאס, צווישן צוויי שורות קליינע, פינצטער־פארשלאָפענע, אָפגעשיילטע הייזלעך... אויף א שטיין בין איך געזעסן... איינע אליין, און האָב געציטערט פאר שרעק.

און איבערן קאָפּ האָט זיך מיר נידעריק אראָפּגעלאָזט א שווארצער, א צאָרנדיק־פינצטערער הימל, — ווי מיט א וואָלקן באַדעקט . . . שווער און צאָרניק איז געלעגן דער הימל איבער דער אויסגעשטאָרבענער גאס. און איך זיץ אזוי און קלער:

— ווער בין איך? וואָס טו איך דאָ? ווער האָט מיך פארלאָרן?

און מיר דאכט זיך, אז איך דארף ערגעץ גיין און ערגעץ עפּעס טון, עס זאָל פּלוצלינג צעריסן ווערן דער וואָלקן, עס זאָל אויפגלאנצן א זומערדיק־לאכנדיקער הימל, עס זאָל אויפלעבן די טויטע גאס, און די קליינע הייזלעך זאָלן אָנהייבן וואקסן און וואקסן אין הימל, ווי די העכסטע פּאַלאַצן און הייליקייטן, און פון די פּאַלאַצן און הייליקייטן זאָל זיך הערן א זינגעריי, א גערופעריי פון גליק, — א בשורה טובה זאָל דורכפליען פון שטוב צו שטוב, פון הויז צו הויז...

און אינגאנצן עטלעכע טריט האָב איך געדאַרפט גיין, און גאָר א קלייניקייט טון; איך געדענק אָבער נישט, וווהין צו גיין און וואָס צו טון!

און שרעקלעך ווי טוט מיר דאָס הארץ! איך געדענק, אז עס דארף עפּעס געטון ווערן, איידער די אָרעמע, פארשאָלטענע גאס כאַפּט זיך אויף.. איך פיל, אז אויב נישט, וועט זי זיך אויפכאַפּן, מיט א בריל פון

אַ קללה אויף שוימענדיקע ליפּן... און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט..
דער הימל וועט נאָך פינצטערער ווערן, און גאָט וועט פאַרהאַמערן די טויערן, און מער נישט ארויסלאָזן קיין מאָרגנשטערן, קיין זון... עס וועט זיין שוין אַן אייביקע נאַכט.

און אַלץ האָט זיך אין מיר געוועגדט, און איך האָב אַלץ פאַרגעסן!

און פּלוצלינג האָב איך אונטערן שוואַרצן הימל אַ ווייסן, שווי־מענדיקן פלעק דערזען...

פון מזרח־זייט שווימט ער צו מיר, און לאָזט זיך אַלץ טיפער און טיפער אראָפּ.

עס איז אַ ווייסע טויב געווען...

זי האָט זיך מיר אויף דער שויס געשטעלט, און איך האָב דערזען, אַז זי האָט אַ בריוועלע אויפן האַלדז, איך האָב דאָס בריוועלע אַראָפּ־גענומען.

און איך האָב אויפגעבונדן דאָס רויטע שנירעלע פון ווייסן האַלדז, און דאָס בריוועלע געעפנט, נאָר לעזן האָב איך נישט געקענט, עס איז צו פינצטער געוועזן!

נאָר אין דער זעלביקער רגע, האָט מיר גלייך איבערן קאָפּ אויפגע־פלאַמט אַ שטערן אויפן הימל, און האָט מיר דאָס בריוועלע באַשיינט...

דבורה בלייבט שטיל, ווי דעם אָטעם צו כאַפּן.

— און וואָס איז געשטאַנען אין בריוועלע? — פרעגט די אַלטע.

— עס איז געשטאַנען... עס איז געשטאַנען, אַז איך... איך, איך — הייבט אָן דבורה צו שטאַמלען.

— וועל איך דיר זאָגן, וואָס עס איז געשטאַנען!

—דו? דו ווייסט, מומעשי?

— אַלץ ווייס איך! עס איז געשטאַנען, אַז דו ביסט נישט יואב דעם רשעס טאָכטער, אַז דו ביסט אַ בת־מלכה! אַז מען האָט דיך מיט שולמית פאַרטוישט!

— יאָ!

— נאָך איז געשטאַנען, אַז דו זאָלסט אַנטלויפן פון דער הייל צו־ריק אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ, דאָרט איז אַ סעודה אַ גרויסע, יואב מאַכט אַ גרויסע סעודה — און שלמה און שולמית וועלן אויך אויף דער סעודה זיין, און שלמה וועט אויסגעלייזט ווערן פון גלות און צוריק קריגן זיך פאַר מלך! דעמאָלט — איז געשטאַנען — זאָלסטו אָנע־

מען שלמהן ביי דער האַנט און צופירן צו דער געשטאָרבענער מלכּהס, עליה־השלום, פּאָרטרעט, און ווייזן, צו וועמען דו ביסט ענלעך!

— אַזוי איז געשטאַנען!

— און דו זאָלסט ווערן בת־מלכּה — —

— יאָ, יאָ....

— און דו וואָס האָסט געזאָגט?

— איך? איך האָב דאָס בריוועלע אויף פּיץ־פּיצלעך צעריסן און אויפן ווינט פאַרזייעט... זיי זענען זיך, ווי קליינע ווייסע פליגעלעך צעפלויגן...

— פאַרוואָס?

— ווייל איך האָב געוווּסט, אַז מיין וועג, וואָס איך דאַרף גיין, איז נישט קיין גלויבשטיין, און דאָס, וואָס איך דאַרף טון, איז נישט אַ קרוין אויפן קאָפּ אַרויפצולייגן... נאָר עפּעס אַנדערש און ערגעץ אַנדערש, כאָטש ווו און וואָס — האָב איך אין חלום נישט געדענקט...

— און אַצינד?

ווי אַ רויז האָט אויפגעפלאַמט דבורהס פּנים:

— מעג איך? — פרעגט זי מיט ציטערדיקע ליפּן.

— וואָרט, אַביסל שפּעטער; דערצייל מיר נאָר דעם סוד פון דעם חלום. וואָס איז ווייטער געשען?

— ווייטער? די טויב איז אַוועקגעפלויגן, און דער שטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און געשטעלט זיך מיר ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ...

— דאָס איז דיין מזל, דבורה, — קושט זי די אַלטע מיט פרייד — שטיי אויף און קום מיט מיר אין וואַלד אַריין!

צוועלפטעס קאַפּיטל.

שופר בלאָזן. — אחשורושעס סעודה. — הוש! הוש! גיי וועקן!

אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ הויך פון פרילינג, נאָר דער גלויבשטיינער וואַלד איז נאָך איינגאַנצן מיט שניי באַדעקט. די ביימער זעען אויס ווי אומגעקערטע טראָלבן מיט ווייסע בלימעלעך, און אויפן שנייענעם דיוואַן, מיט וועלכן דער וואַלד איז אויסגעבעט, בליצן אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון מיליאַרדן שנייענע בריליאַנטן.

די אַלטע בישוף־מאַכערן מיט דבורהן זענען אַרויסגעקומען פון

דער הייל, און דער אלטער אויפן האלדז הענגט א שופר אויף א לאנגער גאלדענער קייט.

זי האט זיך אפגעשטעלט, גענומען דעם שופר צום מויל.

תקיעה!

דער קלאנג פון שופר ציטערט נאך אין דער לופט, און דבורה פילט שוין, ווי עס ציטערט די ערד אונטער אירע פיס פון טויזנטער טריט.

דאס האט דער שופר די שלאפנדיקע סארנעס געוועקט, און פון אלע עקן פון וואלד לויפן זיי זיך צוזאמען, און שטעלן זיך אוים א שורה, דער כישוף־מאכערן צו דער רעכטער האנט.

צי איז עס א חלום? דבורה הערט, ווי די כישוף־מאכערן באגריסט זיי מיט א פרייליכן „גוט מארגן״, און די סארנעס, וואס ציטערן פאר קעלט, ענטפערן איר מיט א פרייליכן: „גוט יאר!״

און ווייטער נעמט די אלטע דעם שופר צום מויל.

תרועה!

עס פארקלינגט ווייטער אין דער לופט, און מיט ציטערדיקע פעלעכלעך, פון אלע עקן פון וואלד, לויפן זיך צוזאמען אויפגעוועקטע הירשן, און שטעלן זיך אוים א שורה, אנטקעגן די סארנעס, דער כישוף־מאכערן צו דער לינקער האנט.

— גוט מארגן, הירשן!

— גוט יאר, מומעשי!

און צום דריטן מאל נעמט די אלטע דעם שופר צום מויל, צום דריטן מאל בלאזט זי, און די ווייסע קרוינען אויף די הויכע ביימער הייבן אן לייכט צו ציטערן, איבערן גאנצן וואלד ווארפן זיך אויף קופּקעלעך שניי, און ס'שפּרינגען חיהלעך ארוים, — א געלויפעריי, א געיאגעריי אין וואלד, — האלב פארשלאפענע וועווערקעס, קעניגלעך, האזן, און העזעלעך, און פיקסלעך קליינע און געלע, און נאך אלערליי קליינווארג פון וואלד, מיט זילבערנע וואנסן, מיט עלפנביינערנע און זילבערנע הערנדלעך קומען אנצולויפן, און שטעלן זיך אוים אויפן פראנט, אנטקעגן דער כישוף־מאכערן.

— גוט מארגן, חיהלעך!

— גוט יאר, מומעשי!

און צום פערטן, צום לעצטן מאל, בלאזט די אלטע. נאך שארפער קלינגט עס אין דער הויך, און אונטערן הימל, פון אלע עקן פון דער

וועלט, באַווייזן זיך שווימענדיקע שוואַרצע, ווייסע און פאַרביקע פלעקן, און עס הערט זיך אַ גערויש, אַ געזשומעריי, אַ פליגל־קלאַפּעריי, און אַ גאַנצע כמאַרע פון פליגל שוועבן שוין אין דער לופט, און רעדלען אַרום דער אַלטער כּישוף־מאַכערינס קאָפּ.

„גוט מאָרגן" — „גוט יאָר"; און די אַלטע האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

ערשטנס, זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אייך היי־יאָר אַזוי פרי געוועקט, אַזוי פרי צוזאַמענגערופן! איבעראיאָר, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, וועט איר דערפאַר לענגער רוען, לענגער שלאָפן... ד אָ ס מ אָ ל מוזט איר מיר טון אַ טובֿה!

— גערן! גערן! — ווערט אַ גערופעריי פון אַלע זייטן, — וואָס דיין האַרץ נאָר גלוסט!

— איר אַלע, — זאָגט די כּישוף־מאַכערן, — איר אַלע, וואָס שפּרינגט, היפּעט, טאַנצט, לויפט און פליט! איר אַלע זאָלט אייך תּיכּף ומיד בענעבן צום פעטער קאַרליק אין דער הייל אַריין, אויף אייערע באַקאַנטע וועגן, מיט אייער קפיצת הדרך, זאָגן אים פון מיר: „גוט מאָרגן!" און נעמען זיינע אוצרות און איבערטראָגן אין גלויבשטיינער פּאַלאַץ אַריין! צוויי פּוד גאָלד זאָל נעמען אַ הירש, צו איינציקע פּוד אַ סאַרנע, און די קליינע חיהלעך — צו האַלבע! און די שוואַרצע פליגל זאָלן זיך אויפהענגען ווייסע שנורן פּערל, און די ווייסע פליגל — ש וו אַ ר צ ע פּערל, און די קאָלירטע — אַלערליי קרעלן און טייערע שטיינער!

די אַלטע בלייבט אַ רגע שטיל און ווענדט זיך צו דבֿורהן:

— וואָס וואָלסטו געטון, קינד, ווען מען זאָל דיר איבערגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן?

דבֿורה טראַכט אַ ווייַלע און ענטפערט:

— איך וואָלט עס הפקר געמאַכט, דאָס גאָלד זאָל דעם זווערט פאַרלירן, עס זאָל אויפהערן קנאה, שנאה...

— גוט, גוט, — שמייכלט די אַלטע, — אפשר אויך אַ פּלאַן.

און ווענדנדיק זיך צו די פליגל און חיהלעך, זאָגט זי ווייטער:

— מיט דעם אַלעם זאָלט איר פליען, לויפן און טרייבן צום גלויבשטיינער פּאַלאַץ... דאָרט האַלט יואָבֿ...

— דער פאַלשער יואָבֿ, — פאַלן חיהלעך און פליגל אַריין אין די רייד:

— נישט אייער זאַך, — בייזערט זיך די אַלטע, — דאָרט האַלט יואָב אַ סעודה!

— און אַ סעודה, — זאָגט ווייטער די אַלטע מיט אַ וווּנדערלעכן שמייכל, — ווי אַחשורוש אין זיין צייט! ער וויל זיך אויך אַ מלכה קלויבן, די שענסטע פון דער גאַנצער מדינה וויל ער!

— דער רשע!

— שטיל זאָל זיין! — טופּעט די אַלטע מיטן פוס — זיין טאָכטער שטייט פאַר אייך!

— עס איז נישט זיין טאָכטער! — עס ווערט אַ געדרוישעריי: מיר ווייסן, מיר ווייסן!

— און אַז מען ווייסט, — לאַכט די אַלטע, — איז מען קלוג, און אַז מען איז קלוג, שווייגט מען!

און זי מאַכט צוריק אַן ערנסט פּנים און זאָגט:

— און אַ סעודה וועט זיין כּיד המלך! זיבן טעג און זיבן נעכט אַ סעודה! טויזנטער פאַרביקע לאַמטערנען וועלן פלאַמען אין פּאַלאַץ און אין גאָרטן! טישן אָן צאָל וועלן זיך ברעכן אונטער דער לאַסט פון עסנוואַרג און ווייַנען, הונדערטער קאַפּעלן פון מוזיקאַנטן, הונדערטער כאָרן פון זינגער און שפּילער וועלן זיין אין זאַלן און אַלעען צעוואָרפן... פון גאָלדענע עלפנביינערנע און פּערלמוטערנע שיפלעך, וואָס וועלן זיך גליטשען איבערן בלאָען שפּיגל, וועט שווימען געזאַנג, פון יעדן בלומענשטרויס וועט אַרויסקלינגען, אַרויסזינגען, אַרויסשפּילן...

אויבן אין הימל וועט שווימען אַ געלע, פאַרשעמטע לבנה, קיין שטערן וועט מען גאָר נישט זען, באַהאַלטן וועלן זיי זיך פאַר קנאה...

אונטן וועלן שענערע זיין! אַלע שטערן פון גאַנץ וווּנדערלאַנד, — די שענסטע פרויען פון גאַנץ וווּנדערלאַנד וועלן פאַרבייגיין פאַרן טראָן... אויפן טראָן וועט זיצן יואָב, יואָב מיטן אַלטן, פאַרשרומפּענעם פּנים, מיט פאַרגלעזערטע אויגן, מיט אַ ברייט געעפנט מויל, ווי ביי אַ פיש... און ער וועט קוקן, קוקן און וועלן זיך אויסקלויבן אַ מלכה...

— פוי! — ווערט אַ געדרופעריי און געפייפעריי צווישן די חיות.

— שווייגט! — רופט די אַלטע שטרענג. — אַהין זאָלט איר ברענגען די אוצרות! דער רעשט געהערט שוין צו מיר!

— און אַצינד, — זאָגט ווייטער די אַלטע, — רירט אייך! צעשיידט אייך! צעיאָגט, און צעפליט אייך! יואָבס יעגער קומען אָן —

ווילדפרעט דאַרף מען! זאָל אייך קיין פייל נישט טרעפן, קיין קויל נישט רירן! הוש! הוש!

די פייגל און די חיהלעך זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, און די אַלטע נעמט אַרום דבורהן, קושט זי און זאָגט:

— אַצינד, אין גאָטס נאָמען, גיי און וועק, וועקן דו ווייסט!

דרייצנטעס קאַפּיטל.

וואָס די אַלטע קראָ ווייסט און דערציילט.

אין די לעצטע טעג איז נישט רואיק געווען אין גלויבשטיינער וואַלד.

קוים זענען זיך די געוועקטע חיות און געפליגל צעלאָפן און צעפלויגן, האָבן זיך אין וואַלד גאַנצע מאַסן יעגער באַוויזן. עס איז געוואָרן א געשיסעריי, א געיאָגעריי. זיי האָבן געיאָגט און געשאָסן באַזונדער און חברותאווייז, און מען האָט אויסגעטייט פון וואַלד דעם רעשט ביסל פעפער און פוילע, וואָס האָבן דער כישוף־מאַכערינס רופן און בלאָזן אין שלאָף נישט געהערט, אָדער געהערט און איבערגעדרייט זיך אויף דער צווייטער זייט און ווייטער געשלאָפן. — אַזעלכע האָבן דערפאַר די יעגער געוועקט און געטייט אויף ווילדפרעט פאַר יואָבן צו דער סעודה...

דערנאָך האָבן אָנגעהויבן די געסט צו גיין, צו רייטן און צו פאָרן, פון אַלע זייטן פון דער מדינה, אויף אַלערליי פור־ווערק, מיט אַלערליי געשפאַן.

שפּילער און זינגער און קונצנמאַכער — צו־פוס, אָדער א גאַנצע חברה האָט זיך געשלעפּט אויף א פויעריש פורל — א געכאַפּט געלעגנהייט. אויך שווערע וועגן זענען געגאַנגען, זיי האָבן די שענסטע דאָרף־מיידלעך געפירט, — פרייליכע אויגן האָבן דורכגעבליצט, פאַרשידנפאַרביקע בענדער האָבן דורכגעווייט, לוסטיקע לידער האָבן דורכגעקלונגען, עס האָבן זיך אויך פיל וואָלענטן, קאָטשן, קאַרעטן געוויזן. מיט בלי־צנדיקע שויבן, מיט גאָלד און זילבער באַשלאָגן געשפּאַן און טייערע פערד...

עס האָבן קיין חיהלעך געוויהערט, עס האָבן קיין פייגל געזונגען, און פול מיט גערויש און געזאַנג איז געווען דער וואַלד, און די ערד אונטער אים האָט געציטערט אונטער די פוס־גייער, רייטער און פאָרער...

און אַז דאָס גאַנצע געררויש איז אריבער קיין גלויבשטיין, איז דער וואלד געבליבן שטום, שרעקלעך שטום...

צעטרעטן און צעמאַרשטען איז דער שניי; דורכגערעדערט, אויפגע־וואָרפן — דער וואלד.

נאָר עטלעכע קראָען זענען אויף א וויסטן בוים געבליבן, און די עלטסטע פון זיי דערציילט די יונגערע, וואָס אין גלויבשטיין איז געשען.

זי האָלט אינדערמיט דערציילונג:

— אין אומגעהויער לאַנגע שורה פון שיינהייטן האָט זיך געצויגן פאַר יואָבס שטול...

לאַנגזאַם זענען זיי געגאַנגען, טריט ביי טריט מאַרשירט, ביי דעם קלאַנג פון א שטילער, זיסער, פאַרכישופטער מוזיק.

אלע קאַפּעלן האָבן ביי די פענצטער פון פּאַלאַץ געשפּילט, אלע כאָרן האָבן געזונגען, און אין סאַלאָן האָט געבליצט פון בריליאַנטן און בריליאַנטענע אויגן...

פאַרשידנפאַרביקע טואַלעטן האָבן געבלענדט...

און דער אַלטער יואָב זיצט איינגעבויגן מיט א בלאַס פּנים און אויסגעגלאָצטע אויגן, און קוקט...

פּלוצים האָט ער דערזען, אַז רעכטס, נישט ווייט פון טראָן, שטייט א שיינער יונגערמאַן מיט א ווייסער טויב אויף אַן אַקסל. וואָס טוט ער דאָ? ער קוקט לינקס און דערזעט זיין אייגענע טאָכטער דבורהן, מיט א העל גלאַנצנדיקן שטערן, ווי א קרוין, אויפן קאָפּ, נעבן א יונגנמאַן, וואָס האָט אויף אלע מיט צוויי אויגן, ווי צוויי שטערן, געקוקט. און פון פאָרנט זעט ער — קומט אריין שולמית...

עס איז נישט שולמית, עס איז איר געשטאַלט געווען.

שולמית אין געשטאַלט פון א ווייסער טויב איז געשטאַנען רעכטס. אויפן באַרימטן שטיקערס אַקסל; און אין געשטאַלט פון שולמית (האָט זיך צו אים דער גלגול פון זיין ווייב, וואָס ער האָט אין קעלער פאַרמאַ־טערט, גענענט.

און פון ווייטנס באַווייזט זיך נאָך שלמה, צוריק אין בגדי־מלכות געקליידט...

יואָב פאַלט פאַר שרעק אַראָפּ פון שטול, און אויף אלע פיר ריטשט ער זיך צו צו שולמית, דאָס הייסט, צו זיין אייגן פאַרשטאָרבן ווייב, וואָס האָט זיך אין שולמיתס געשטאַלט פאַרשטעלט.

ער ריטשט זיך און פאַלט צו מיט ווייסע ליפּן צום זוים פון איר קלייד און קרעכצט:

„דאָס האָב איך אַלץ אויס ליבשאַפט צו דיר געטון... זײַ מיר מוחל, שולמית, זײַ מײַן ווײַב!"

— דער אַלטער נאַר! — רופן די יונגערע קראָען.

די אַלטע לאָזט זיך נישט איבעררהאַקן און דערציילט ווייטער:

— אין דער זעלביקער רגע איז די וווּנדערלעכע זאַך געשען.

שולמית און די ווייסע טויב האָבן זיך צוריק מיט די געשטאַלטן פאַרביטן.

די עכטע שולמית האָט זיך געשטעלט בײַ דעם באַרימטן שטיקער אין א זײַט, און די ווייסע טויב האָט דאָס צווייטע און דאָס לעצטע מאָל איר געשטאַלט געטוישט, און יואָב, פאַרדולט און משוגע פאַר תאווה און שרעק, האָט פאַר זיך זײַן פאַרשטאָרבן ווײַב דערזען, אין תכריכים איז זי פאַר אים געשטאַנען, און א ווייס־טויטע האַנט אים אויפן קאָפּ געלייגט...

און אין דער זעלביקער רגע האָבן זיך געעפנט דרײַ טירן, פון פאָרנט, רעכטס און לינקס...

פיר ווייסע בערן זענען אַרײַנגעקומען רעכטס; פיר ווייסע בערן האָבן געטראָגן פיר גאָלדענע שטאַנגען פון א רויט־סאַמעטענער חופּה מיט פּערל און בריליאַנטן געשטיקט, און האָבן זיך נעבן דעם באַרימטן שטיקער מיט שולמית געשטעלט און זײַ אונטער דער חופּה גענומען.

און פּונקט אַזוינע פיר ווייסע בערן זײַנען אַרײַנגעקומען לינקס, און האָבן אויך אונטער אַזא חופּה גענומען די צווייטע פּאָר, דבורהן, יואָבס טאָכטער, מיטן ליכטיקן שטערן אויפן קאָפּ, און דעם יונגנמאַן מיט די שטערנשטראַלנדיקע אויגן...

און פון פאָרנט זענען אַרײַנגעפלויגן פיר שוואַרצע, שרעקלעך שוואַרצע קראָען, מיט א שוואַרצער, שוואַרצער חופּה און האָבן זיך געשטעלט אין דער לופט איבער יואָבס און זײַן ווײַבס קאָפּ...

און אונדזער מומע האָט זיך אויך באַוויזן...

אונדזער אַלטע מומע מיט די ווייסע האָר, ברענענדיקע אויגן און מיטן שופר אויף דער לאַנגער גאָלדענער קיים...

און דער פעטער קאַרליק האָט זיך באַוויזן אין שוואַרץ־סאַמעטענע קליידער און אין א שטריימל — א שוואַרץ שטריימל מיט לאַנגע, לאַנגע זילבערנע שטראַלן — ער וועט בײַ די רויטע חופּות מסדר קדושין זײַן...

און די אלטע האָט א בלאָז געטון —
שברים האָט זי געבלאָזן...

און ביים בלאָזן האָבן זיך די פיר שדים אין געשטאלט פון קראָען מיט דער שווארצער חופה אויפגעהויבן און ארויסגעפלויגן מיט יואָבן און זיין ווייב, מיט וועלכער ער איז נאָך אמאָל געשטאנען אונטער דער חופה צוזאמען...

און אינעם פליען איז אראָפּגעפאלן די קרוין פון יואָבס קאָפּ און האָט זיך צוגעקאָלערט צו שלמה דעם זיבן און צוואנציקסטנס פיס...

און דער סדור קדושין ביי די רויטע חופות האָט זיך אָנגעהויבן... און באַלד דערנאָך האָבן זיך אונדזערע חיות און עופות באוויזן און האָבן דעם קארליקס אוצרות דבורה'ן צו די פיס געלייגט.

— דאָס איז זיין נדן! האָבן זיי געזאָגט.

— אויפן אָרט פון דער מלוכה — זאָגן די יונגע קראָען און פרעגן:

— און וויטער וואָס איז געשען?

נאָר די אלטע קראָ רופט צו זיי שטיל: הערט, הערט!

א שטיל גערויש איז געוואָרן אין וואלד, שטילע טריט האָבן זיך געהערט.

א חברה קליינע, גאָר קליינע מענטשעלעך, קארליקעס, אין שווארץ סאמעטענע קליידער, מיט גאָלדענע גארטל מיט בריליאנטן בליצנדיקע אראָפּגעלאָזטע עקן, מיט קליינע זילבער בליצנדיקע שטריימלעך, און מיט אויגן, וואָס האָבן אלעם איבערגעבליצט, האָט זיך באוויזן אין וואלד, און האָבן רואיק און שטיל דורכמאַרשירט.

די קראָען האָבן זיי נאָכגעקוקט ביז זיי זענען פארשוואונדן געוואָרן.

— וואָס איז דאָס? פרעגן די יונגע קראָען ביי דער אלטער.

— די אלטע זאָגט זיי:

איך ווייס און וועל אייך זאָגן:

דאָס איז א דעלעגאציע, וואָס די קארליקעס שיקן ארויס צו שלמה דעם זיבן און צוואנציקסטן.

זיי, די מענטשן מיט קליינע גופים און גרויסע נשמות, ווילן שלום מאכן מיט די גרויסע גופים און קליינע נשמות!

— ביז אהער האָבן זיי עס נישט געפּרוווט?

באַ! זיי ווייסן, אז שאַפן האָבן ביז איצט געקאָנט נאָר גרויסע גופים און קליינע נשמות, וועלכע האָבן ביז אהער ליב געהאט מלחמה

צו האלטן; יעדער נצחון איז געווען א נייער בריליאנט אין דער קרוין אויף זייער קאפ...

שלמה דער זיבן און צוואנציקסטער, רעכענען זיי, וועט שוין קיין מלחמות נישט פירן... ער האט גלות געליטן, אויך ביי א קארליק אונטער דער ערד געלעבט, וועט ער זיי אויסהערן און פארשטיין...

— פארוואס האבן זיי נישט געפרווט ביי שלמה דעם ערשטן? ער האט אויך קיין מלחמות נישט געפירט און איז א חכם געווען...

— ביי אים זיינען זיי טאקע דריי מאל געווען און נ י ש ט גע־טראפן... ער האט אלע דריי מאל צו זיי קיין צייט נישט געהאט.

דאס ערשטע מאל האט ער זיך פרעהס טאכטער פארן טויזנטסטן ווייב געבראכט און האט זיך איר צוליב, זי צו דערפרייען, אויף א גאנץ יאר פון דער מלוכה אפגערוקט...

דאס צווייטע מאל — האט מען אים א שטאל מיט פערד פון מצרים געבראכט... האט ער נאך ווייניקער צייט געהאט, און דער עולם אין ירושלים האט זיך דערווייל לוסטיק געמאכט איבער די קליינע מענ־טשעלעך!

צום דריטן מאל האבן זיי נאך ערגער געטראפן! די מלכה־שבא איז געווען צו גאסט!

עס איז, זעט אויס, א הימל־זאך געווען! מען האט דארט קיין שלום נישט געוואלט, און די קארליקעס האבן אנגעהויבן גאר אין גאנצן מסופק צו זיין, צי איז ער טאקע, דער שלמה, אזא חכם, מאלע וואס א וועלט זאגט!

די אלטע קרא פארשוויגט און פיקט זיך אין עק שטארק פאר־קלערט.

—און היינט, — פרעגן די יונגע — וועלן זיי פועלן?

— ווער ווייסט? — דער היינטיקער שלמה איז ערלעך און גוט... דער באַרימטער קינסטלער איז זיין איידעם, דבורהס מאן מיט די שטערנ־ליכטיקע אויגן זאל ווערן משנה למלך...

זי פארטראכט זיך ווייטער און פיקט זיך אין עק.

ע נ ד ע